STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 03234

BAGINEN

Jose Winiecki

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון דער ביבליאָטעק
פון
דוד און פּאַולין שיין ע״ה
אַ מתנה
פון זייערע קינדער

י. ווינִיעצקי

באַגינען

ראמאַן פון יידישן אימיגראַנטן־לעבן אין מעקסיקע

ארויסגעגעבן דורכן פארלאג „פראָגרעס", מעקסיקע
אדרעס:
Librería "PROGRESO"
Abraham Gonzalez 135
México, D. F.
1944

"BAGUINEN"

(LA AURORA)

Novela de la Inmigración Judía en México

Por J. WINIECKI

Editada por la Editorial "PROGRESO"
Abraham Gonzalez 135 México, D. F.
1944

דעם אנדענק פון די הייליקע מארטי־
רער אין דער געטא פון ווארשע. מיין
געבורט־שטאט, געווידמעט.

ערשטער טייל

אינהאלט

ערשטער קאפיטל — איפן דאך	זייט 9
צווייטער קאפיטל — פעדלער	15 "
דריטער קאפיטאל — דער שלים־מזל	33 "
פערטער קאפיטל — פראגרעס	41 "
פינפטער קאפיטל — אין ביבליאטעק	45 "
זעקסטער קאפיטל — א חלום	49 "
זיבעטער קאפיטל — א נגידישע חתונה	51 "
אכטער קאפיטל — עולים ויורדים	63 "
ניינטער קאפיטל — דער שפאניער	71 "
צענטער קאפיטל — ביים ראנד פון אפגרונט	79 "

ערשטער קאַפּיטל.

אויפן דאַך.

בערל אייזענבערג איז געזעסן אויפן בעטל און מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט דורכן פענצטער אין דער ברייטער וועלט אַריין.

מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זיך געמאַכט א דעכל איבער די אויגן, זיך צו שיצן פון די גליענדיקע שטראַלן פון דער טראָפּי־שער זון און מיט דער לינקער האַנט האָט ער זיך אָנגעהאַלטן אָנ'ם ראַנד פונם בעטל, וואָס איז געווען זיין ערשטער נאַכט־לעגער אין דעם נייעם אומבאַקאַנטן לאַנד.

אַנטקעגן אים איז האַרט געשלאָפן זיין יינגערער חבר, מענדל גרינצווייג, וועמען דער גורל האָט אַרויסגעריסן פון א וואַרעמער היים און אַריינגעוואָרפן אין א פרעמדער קאַלטער סביבה.

בערל אייזענבערג האָט מיטאַמאָל אָפּגעריסן זיינע אויגן פונם ליטער בלויען, מיט שטראַלן באַגילטן הימל, וואָס האָט זיך שטי־קערווייז געריסן דורך טיר און פענצטער, ווי תכלת־בלוי און גאָלד וואָלטן מיט א בייזער כונה זיך וועלן רייצן מיט זיין גרויען, פאַר־כמאַרעטן געמיט.

זיין בליק איז געפאַלן אויף זיין חבר, וואָס איז אַזוי זיס גע־שלאָפן, און מסתמא געזען אין חלום פאַרנעפּלטע בילדער פון זיין נאָר־וואָס פאַרלאָזענער היים.

אין א פּראָנצויזישן פּאָרט האָבן זיי זיך באַגעגנט און אויף דער שיף זענען זיי געווען די איינציקע יידישע אימיגראַנטן, זענען זיי באַלד געוואָרן חברים און וואָס נענטער די שיף איז געקומען צו די

מעקסיקאנער ברעגעס, אלץ נענטער זענען זיי געווארן איינער צום אנדערן, אלץ מער האבן זיך זייערע נשמות באהאפטן, ביז זיי זענען געווארן נפש אחת. זיי האבן זיך אויסדערציילט איינער דעם אנ־דערן די קורצע לעבנס־געשיכטעס זייערע. אזוי האט זיך בערל אייזענבערג דערוווסט אז מענדל גרינצווייג א־ז אן אויסגעצערטלט בן־יחידל ביי פארמעגלעכע עלטערן. זיין טאטע רב יצחק גרינצווייג איז א ייד א נגיד, א כלל־טוער און שמט פאר א משכיל און יודע ספר און זיין מאמע רחל, א רבס א טאכטער, אליין א בת־יחידה ביי אירע עלטערן, האט אפגעהיטן איר מענדעלען ווי אן אויג אין קאפ און מיט טרערן האט זי אים באגלייט אינם ווייטן, אומבאקאנטן וועג אריין.

מענדלס טאטע האט וועלטן איינגעלייגט, אז זיין זון זאל גיין דינען.

— ווייניק, האט ער געטענהט, שטעכן אונז אונזערע שונאים די אויגן אויס, אז מיר ווילן נישט פארטיידיקן דאס לאנד, וואו מיר ווערן געבוירן?! — מיר דארפן אונזער פליכט דערפילן, באטש מיר ווערן באטראכט פאר שטיף־קינדער!

האט די מאמע געוויינט: — ניין, איך וועל נישט דערלאזן! אז מיין מענדעלע זאל דינען, איך וועל דאס חלילה נישט 'אויסהאלטן!...

האט מען מענדלען געגעבן אויף הוצאות און אביסל געלט אויף דער ערשטער צייט אינם נייעם לאנד און אים אוועקגעשיקט קיין מעק־סיקע באגלייט מיטן טאטנס שטומע בליקן, מיט דער מאמעס טרערן און מיט א אנזאג:

— נישט פארגעסן א בריוועלע שרייבן! — למען השם נישט פארגעסן! היטן דאס געזונט! — און — גאט זאל דיך היטן!...

מענדל גרינצווייג האט זיך פון בערל אייזענבערגן דערוואוסט, אז ער איז א זון פון א קליין־שטעטלשן בעל־מלאכה. גאדל זאטל־מאכער רופט מען אים און א בעל־מלאכה איז ער איינער א־ין שטעטל!

פריצים פון די ארומיקע דערפער קומען צו אים און צאלן וויפל ער בעט, אבי ער זאל מאכן א זאטל, וואס א פריציש פערדל האט עס נאך נישט געהאט און ביי די באלעגאלעס איז ער טאקע א גדול!

אז עס מאכט זיך צווישן זיי א דין־תורה, גייט מען נישט

צום רב נאָר צו גאָדלען, ווייל עס ווייסן די לייט, אַז גאָדל איז א ייד א חכם!

די מאַמע בערלס איז א קליינע, אויסגעצערטע יידענע. „גאָל־דעלע די זיסע נשמה" — רופט מען איר אין שטעטל און מען דער־ציילט, אַז זי שטייט אויף אין מיטן נאַכט און מיט הייסע טרערן באַנעצט זי איר קרבן־מנחה סדור. זי בעט פאַר די פאַרזעסענע טעכ־טער אין שטעטל, אַז גאָט זאָל זיי צושיקן זיווגים און גאָלדעלע רוט נישט, ביז זי מאַכט נישט חתונה דער מיט אַן אַלמן, דער מיט א גרויש און דער, סתם מיט אַן אָרעמען בחור.

מענטשן אין שטעטל וואונדערן זיך, ווי אזוי אין גאָלדעלעס קליינעם גוף זאָל קענען זיצן אַזאַ גרויסע נשמה.

דערפאַר איז אָבער גאָדל א גיבור, מען רעדט אין שטעטל אַז ער ברעכט אייזן... זאָגן טאַקע לצים אין שטעטל, אַז גאָדל איז דער גוף און גאָלדעלע — די נשמה.

זיינע צוויי ברידער און זיין שוועסטער, האָט בערל דערציילט, זענען ענלעך צו דער מאַמען, נאָר ער איינער — צום טאַטן.

מענדל גרינצווייג האָט בטבע ווייניק גערעדט, ער איז געווען א שווייגער, אָבער דערפאַר א גוטער צוהערער. איז ער לאַנגע אוונטן געזעסן מיט זיין חבר אין א ווינקל פון שיף און זיך צוגע־הערט, ווי זיין חבר דערציילט פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן.

און בערל אייזענבערג האָט דערציילט, ווי ער איז מיט דריי יאָר צוריק אוועק פון דער היים, ארומגעוואַנדערט איבער אייראָ־פּע, ביז עס האָט אויסגעבראָכן די מלחמה און אָט פאָרט ער קיין מעקסיקע.

און ווי בערל אייזענבערג איז געזעסן אינם באַראַק־צימער פאַרטיפט אין זיינע גיך פאַרבייגעלאָפענע יאָרן, זיין ערשטע באַגע־געניש מיט זיין חבר און זייער באַקאַנטשאַפט אויפן שיף. האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר.

בערל אייזענבערג האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א קאַשמאַר.

— ווער איז?...

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט און אויפן שוועל האָט זיך באַוויזן א קליינע, מאָגערע געשטאַלט מיט אַן אָפּגעבליאַקעוועטן פּנים, באַשאָטן מיט א שיטער געל בערדל.

די געשטאַלט האָט געשטאַמלט אַז מ׳האָט קוים געהערט:
האָט נישט קיין פאַריבל...

געקומען נישט געבעטן... איר ווייסט נישט, יידן, שכנים, מיין באַראַק אַט־דאָ נעבן אייערן... איר ווילט וויסן מיין נאָמען? — מיין נאָמען איז שמעון דאַרנבוים, פון וואַנען בין איך און איר?...

— וואָס איז דער חילוק, אַ ייד! — האָט בערל אייזענבערג שאַרף אָפּגעענטפערט.

— איר זענט גערעכט, אַ ייד איז נישט קיין חילוק פון וואַנען, נאָט אייך שלום! — עפּעס אַ מאָדנע זאַך, מיר זיצן אויף אַ דאַך, כע־כע־כע...

מיטאַמאָל איז דער ייד שטיין געבליבן אין מיטן צימער און זיינע בליקן זענען געפאַלן אויפן שלאָפנדיקן בחור.

— ווער איז דער?... האָט ער שטיל געשעפּשעט און זיך נענטער צוגערוקט צו בערלען, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, פון וועלכן ער האָפט צו דערגיין אַ סוד.

ער איז אָבער באַלד אַנטוישט געוואָרן, ווייל בערל אייזענבערג איז געוואָרן אומגעדולדיק, גענומען דעם פאַרשוין אונטערן אָרעם, און אים אַרויסגעפירט פון צימער.

— איר זעט, אַן אימיגראַנט, מיד פון וועג, שלאָפט, רוט אויס זיין שוואַכן גוף, שטעלט איר זיך אוועק און...

— גערעכט, גערעכט... האָט אים דער פאַרשוין איבערגעהאַקט און הכנעהדיק געשמייכלט.

איבערן האָטעל־דאַך, ווייט וואוהין דאָס אויג האָט געקענט גרייכן, האָט זיך געצויגן אַ ברחבותדיקער, לויטער־בלויער, מיט זון־שטראַלן באַגילטער הימל.

ערגעץ האָט די בלויקייט דורכגעשניטן אַ זילבער־גלאַנץ פון אַ באַשנייטן באַרג־שפּיץ, וואָס האָט אַנטקעגן דעם טראָפּישן הימל זיך געמיניעט אין גאָלד, זילבער און בלוי...

ווען בערל אייזענבערג האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער דער־זען, ווי די קליינע געשטאַלט פאַררייסט צו אים בעטנדיקע בליקן:

— זע מיך!...

אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף בערל אייזענבערגס דיקע פול־בלוטיקע ליפּן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך האָב געהערט, אַז איר זענט אויסגעווען אַ וועלט... און איר זענט אַ מענטש מיט אַ לשון... און איך, זעט איר, שוין דריי חדשים דאָ און קען נישט כאַפּן דעם לשון... איז יעדעס מאָל ווען איך וויל עפּעס קויפן, כ'ווייס, אַ פּאָר בולקעס, באַנאַנעס, אַ פלעשל מילך, דאָס אַלץ... נו, דאַרף איך מיטנעמען מיין עלטערער טאָכטער דבורהלען, אָדער מיין יינגערער מירעלען, זעט איר, זיי האָבן גע־כאַפּט דעם לשון... מיין זינעלע משהלע איז נאָך אַ קינד, זעקס יאָר... נו, ווילן זיי נישט גיין די מיידלעך מיינע... זיי ווילן נישט. ווייסט איר פאַרוואָס?... דער פאַרשוין האָט זיך צוגערוקט נענטער און אַריינגערעדט דעם נייעם באַקאַנטן גלייך אין פּנים אַריין: — זיי פּרעסן זיי אויף מיט די אויגן... איר הערט?!...

— נו, וואָס זאָל איך טאָן, איך בין דאָך אַ טאַטע, עס צע־גייט מיר מיין האַרץ... און מיין אַלטע, זלאַטע הייסט זי, טענהט זי, אַז מיר זענען אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מדינה, וואו דער מענטש איז קיין מענטש נישט, און דער ייד איז קיין ייד נישט...

— לאַך איך פון איר, כ'ווייס, אַ יידענע... אָבער, וואָס זאָל איך פאַרבאַלטן פון אייך; פאַר מיינע מיידלעך גייט מיר אויס מיין האַרץ...

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר? — איז שוין בערל אייזענ־בערג געוואָרן אומגעדולדיק.

— אַ קלייניקייט, גאָר אַ קלייניקייט... טוט מיר אַ טובה און העלפט מיר מיט אייער לשון... און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענט־פער, האָט דער פאַרשוין אַ נעם געטאָן בערלען אונטערן אָרעם, ווי פריער יענער אים, און אַראָפּ מיט אים פון דאַך מיט די ברייטע, שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן געפירט דורך טונקעלע, געוועלבטע קאָרעדאָרן צום גאַס אַראָפּ.

די גאַס איז שוין געווען באַלעבט פון מענטשן, פוסגייער און פאָרנדיקע אויף קאַטשן, אויטאָבוסן און טראַמווייען. אַ פרימאָרגנ־באַוועגונג צום קאַמף פאַרן ברויט.

פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַטראַכטן די צוויי משונהדיקע טיפּן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ ריז מיט אַ קאַרליק...

ווען בערל אייזענבערג איז צוריקגעקומען אין זיין באַראַק־ציי־

מער אויפֿן דאך מיט אַ בייטל בולקעס און באַנאַנעס אין איין האַנט, און מיט אַ פּלעשל מילך אין דער אַנדערער, האָט ער שוין געפֿונען זיין חבר זיצנדיק אויפֿן געלעגער, מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן, ווי ער וואָלט וועלן מיט זיינע שאַרפֿע, שפּיזיקע בליקן דורכבּרייסן דעם שלייער, וואָס פֿאַרהילט פֿאַר אים די נייע וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך מיט אַמאָל דערזען, ווי אין אַ המשך פֿון זיין ביינאַכטיקן חלום.

אויף בערלס באַפֿעל איז זיין חבר באַלד אויפֿגעשטאַנען און נאָכן אָרומוואַשן זיך מיט קאַלט וואַסער, דערוואַכט און זיך דערפֿרישט.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער שוין געווען ביי דער זייט פֿון זיין עלטערן חבר, געגעסן בולקעס מיט באַנאַנעס און פֿאַרטרונקען מיט מילך.

שווייגנדיקע זענען ביידע חברים געזעסן ביים פּירעקיקן טישל און געשלונגען מיט אַפּעטיט זייער ערשטן מאָלצייט אינם נייעם אומבאַקאַנטן לאַנד. זייער אָנקום איז געווען אומדערוואַרט און אומגעבעטן פֿון קיינעם, עס האָט זיי קיינער נישט באַגעגנט און נישט אויפֿגענומען: אַליין האָבן זיי געדאַרפֿט דורכשלאָגן זייער וועג אויף פֿרעמדער ערד.

מענדל גרינצווייג איז געבליבן זיצן אַ פֿאַרטרוימטער, מיט די אויגן צוגעשמידט צום לעצטן ביסל מילך אינם פּלעשל, וואָס ער האָט נישט געקענט מער טרינקען און צום לעצטן ביסן, וואָס עס ליגט אויפֿן טיש און ער קען דאָס מער צו די ליפּן נישט ברענגען.

— נישט זיינס...

דער געוויסן האָט אים אָנגעהויבן פּלאָגן, פֿאַרוואָס ער איז אין וועג נישט געווען שפּאָרזאַם און איז אָנגעקומען אין דעם נייעם לאַנד אָן אַ סענט. צוזאַמען מיטן פֿאַרדרוס אויף זיין לייכטזין, האָט אים באַהערשט אַ געפֿיל פֿון דאַנקבאַרקייט צו זיין חבר, וואָס איז פֿאַר אים ווי אַ פֿאָטער, צו אַ שוואַך אומבאַהאָלפֿן קינד... ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט, אַרויסגענומען פֿון רענצל פּאַפּיר, טינט און פֿעדער און אָנגעשריבן דאָס ערשטע בריוול אַהיים.

צווייטער קאַפּיטל.

פּ ע ד ל ע ר.

בשכנות מיטן באַראַק אין וועלכן עס האָט געוואוינט בערל אייזענבערג מיט זיין חבר מענדל גרינצווייג, איז געשטאַנען אַ ענ־לעכער באַראַק, אין וועלכן עס האָט געוואוינט שמעון דאַרנבוים מיט זיין משפּחה: זיין ווייב זלאַטע; זייערע צוויי טעכטער, די פּינצ־יעריקע דבורהלע און מירעלע מיט צוויי יאָר יינגער און זייער זעקס יעריקער משהלע.

שוין דער דריטער חודש ווי די פינף נפשות זענען אָנגעקומען אינם נייעם לאַנד, אָן פריינט און אָן אַ לשון...

שמעון דאַרנבוים איז אין דער היים געווען אַ וועבער, אַ סך יאָרן געאַרבעט ביי זיין פאַך, ביז עס האָבן זיך געמאַכט די „צעכן" און ער איז מיט זיין משפּחה געבליבן אָן פּרנסה און אויף דער עלטער זיך געמוזט נעמען צום וואַנדער־שטעקן.

דאָ אין דעם נייעם לאַנד האָט ער זיך באַלד דערוואוסט אַז וואָס פּאַרא נויט עס לעבן די אַרבעטער און אפילו חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק, אָבער וועגן זיך אומקערן צוריק אַהיים, איז שוין נישט געווען וואָס צו טראַכטן.

כ׳איז דאָך אָנגעקומען מיט קריעת ים־סוף זייער רייזע פון דעם יאַלינער שטעטל, איבער גרענעצן, פרעמדע לענדער, שלעפן באַגאַזש פון איין באַן אויפן אַנדערן און דערנאָך די ים־רייזע, מיט די קראַנקייטן. נאָך אַ נס, וואָס עס איז ביי זיי געגאַנגען „פּאָאַטשערעדי" האָט איינער דעם אַנדערן געראַטעוועט אַזוי לאַנג ביז מ׳איז מיט מזל אָנגעקומען אינם שיינעם לאַנד.

דאָס ערשטע געפיל, וואָס עס האָט דער אימיגראַנטן־משפּחה באַהערשט, איז געווען די זיכערקייט. מ'האָט אונטער זיך געפילט אַ פעסטן באָדן, אָבער נישט לאַנג האָבן זיי דאָס געפיל געהאַט. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיי דערשפּירט ווי דער באָדן ציטערט אונטער זייערע פיס, און די קעפּ שווינדלט און גראָד אַלעמען אין דער זעלבער צייט.

אינעם ערשטן אויגנבליק האָבן זיי נישט געוווסט, וואָס ס'איז מיט זיי קומט פאָר, אָבער שפּעטער זענען זיי געוואויר געוואָרן: אַז זיי האָבן איבערגעלעבט דריי ערד־ציטערנישן, האָבן זיי זיך דערפילט ווי אויס אימיגראַנטן, שוין אַביסל איבערגעציטערט...

— וואָלט נאָר געווען פּרנסה, וואָלט שוין נישט אויסגעמאַכט וואָס ס'גיט אַמאָל אַ ציטער, האָט שמעון דאָרנבוים עטלעכע מאָל איבערגערעדט מיט זיין משפּחה, — מילא, מ'קומט דאָך איבער...

צייט איז געווען געגאַנג, האָט שמעון דאָרנבוים געשפּאַצירט איבער די גרויס־שטאָטישע גאַסן, מיט זייער טומל, וואָס האָט אַנגעפילט די לופט, טויב צו ווערן און ס'האָט אים געצויגן אַרויס פון שטאָט אין די שטילערע קוואַרטאַלן און בעיקר האָט אים געצויגן צו די פאַבריקן.

ער האָט געוואָלט זען די פאַבריקן מיט זייערע הויכע קוימענס, וואָס לאָזן אַרויס אַ געדיכטן רויך צום הימל; שניידן דורך די לופט מיט אַ שאַרפן פייף, און שיטן אַרויס פון זייערע געדערים טויזנטער פאַרהושעטע אַרבעטס־מענטשן.

ער האָט זיי געזען, ווי זיי גייען אַרויס מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, דערשלאָגענע און מיט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזענע אָרעמס; אַפילו די יונגע האָבן אויסגעזען ווי פאַר דער צייט פאַרעלטערט און זייער שמייכל — אַ פאַרקרימטע גרימאַסע.

בליץ־אַפּלייטער צו זייער גייט זענען די ביליקע טרינק־האַלעס וואו זויערער מילך־ווייסער געטראַנק אויסגעמישט מיט נבֿלה־פּאַרטרייבט דעם אומעט וואָס צעפּרעסט דעם גוף צוזאַמען מיט דער נשמה.

אין זייערע נעבעכדיקע באַראַקן קומען זיי שפּעט אין דער נאַכט, וואַקלענדיק זיך אויף די פיס און פאַלן אַוועק צוזאַמען מיט זייערע משפּחות אויף פּראָסטע שטרוי־זעק אויסגעשפּרייטע אויף

שכיינערנעם באָדן און אַזוי שלאָפן זיי אָפּ אין איין אָטעם שטאַרק בראָפּענדיק ביזן פריעם באַגינען, כדי ווידער זיך איינצושפּאַנען אין די מאַשינען און אייגם יאָד פון דעם אָרעמען, פאַרחושכטן לעבן...

א שווידער האָט שמעון דאָרנבוימען דורכגענומען איבערן גאַנצן לייב, ווען ער האָט געזען אין דעם גאָלדענעם, זוניקן לאַנד דאָס הונשבדיקע אַרבעטער־לעבן און ער האָט ווי א בייזע פליג פון זיך פאַרטריבן דעם געדאַנק צו זיין אַן אַרבעטער אין דעם לאַנד —...

שפּאַצירנדיק איבער די רווישיקע, גרויס־שטאָטישע גאַסן האָט איין מאָל שמעון דאָרנבוים באַמערקט איינעם פון די יידישע אימי־גראַנטן באַהאַנגען פון קאָפּ ביז די פיס מיט קראַוואַטן, זאָקן און אַנדערע אַזעלכע אַרטיקלען.

נאָך זייענדיק אין דער היים, דאָרט אינם וואָלינער שטעטל, האָט ער געהערט, אַז מעבר לים לעבט זיך יידן גאָר גישקשה, אָבער די ערשטע צייט דאַרף מען „פּעדלען", נאָר זעענדיק יענעם באַהאַנ־גענעם פאַרשוין מיט קראַוואַטן און זאָקן איז אים גלייך געקימען אויפן געדאַנק, אַז דאָס איז אַזא איינער, וואָס „פּעדלט" און נאָך שפּעטער איז ער געוויר געוואָרן אַז אַזא מין פאַרשוין רופט מען „פּעדלער".

איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז מען דאַרף ווערן א „פּעד־לער".

— זאָל זיין „פּעדלען", אבי פרנסה... האָט ער געטראַכט.

מילא מיט אביסל געלט, וואָלט נאָך שמעון דאָרנבוים זיך אַן עצה געגעבן; עפּעס איז אים געבליבן נאָך אַלע הוצאות פון דער לאַנגער און שווערער רייזע פון זיין שטעטל ביז מעקסיקע.

פון דעם געלט, וואָס ער האָט אָפּגענומען פאַר זיין האַלבער שטוב, איז אים טאַקע דער גרעסטער טייל אַוועק אויף שיפס־קאַרטן און באַן־בילעטן, אָבער עפּעס איז אים נאָך געבליבן און פאַר דעם ביסל געלט, וואָלט ער נאָך געקענט איינקויפן א פיינעם „פּעקל", און געקענט ווערן אַזא שיינער „פּעדלער", ווי דער, וועלכן ער האָט געזען אין גאַס, אַלץ וואָלט געווען גוט און פיין; אָבער וואו נעמט מען לשון?... אָט די פראַגע האָט שמעון דאָרנבוימען געענ־בערט דער מח גאַנצע טעג און אים גערויבט דעם שלאָף און די נעכט אויפן געלעגער.

— וואָס טוט מען, געוואַלד, וואָס טוט מען מיט אַ שטומער צונג? — האָט ער צום וויפלטן מאָל איבערגעחזרט אין געדאַנק און זיך קיין עצה נישט געקענט געפינען.

שוין דריי חדשים אין לאַנד און מער ווי אַ „יאָ" מיט אַ „ניין" אַ „דאַנק" און „מאָרגן" האָט ער זיך בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען; עפּעס זענען אים די ווערטער פון דער שפּאַנישער שפּראַך נישט געקראָכן אין קאָפּ. די קלאַנגען וואָס ער האָט געהערט אַרום זיך האָבן זיך אויסגעמישט אין איין מיש־מאַש, פון וועלכן ער האָט קיין איינציק וואָרט נישט געקאָנט אַרויסשיילן.

אַפּטמאָל האָבן די קינדער פון אים געלאַכט, ווען ער האָט אַהיים געבראַכט פון גאַס אַ קריפּל פון אַ וואָרט, אַ צעקאַליעטשעטן קלאַנג, אַזאַ, פון וועלכן מ'האָט קיין לעבעדיקע צורה נישט געקענט דערקענען, אָדער גאָר אַ צענויפמיש פון עטלעכע טיילן קלאַנגען, וואָס האָבן אין זיינע פרעמדע אויערן באַקומען אַ פאָרמע פון איין קלאַנג, פון וועלכן ער האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן וועלכן ס'איז באַדייט.

נאָר איין וואָרט האָט זיך צו אים צוגעקלעפּט פון ערשטן טאָג אָן; דאָס וואָרט „מאַניאַנאַ" (מאָרגן), דאָס וואָרט האָט ער געהערט אויף יעדן טריט און שריט.

אַ מאָדנע פאָלק, האָט ער זיך געטראַכט, אַ מאַניאַנאַ־פאָלק... דערנאָך האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ „יאָ" מיט אַ „ניין" — גרינגע ווערטער... און שפּעטער „אַ דאַנק", און מער נישט... און ער האָט נישט געהאָפט גאָר ווען עס איז אויף מער פון דעם שפּאַנישן אוצר...

— וואָס וועט זיין, וואָס וועט זיין?, האָט ער געקרעכצט אויפן געלעגער אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט און עס איז אים אפילו אויפן געדאַנק געקומען, אַז ער האָט נישט געטאָרט אויף דער עלטער וואַנדערן, נישט פאַר זיינע יאָרן...

— פרנסה... האָט אים אָבער באַלד אַ צווייטער געדאַנק אָפּגעענטפערט, — און דאָ וועט זיין פרנסה?... האָט זיך ווידער געשפּאַרט דער ערשטער געדאַנק, אַז די צונג איז שטום! אין זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה צו דעם, וואָס האָט דעם מענטשן

א צונג געגעבן, ער זאָל זיין שטומע צונג אויפבינדן, זיינע אויגן ליכטיק מאַכן, און פאַר אים עפענען דעם וועג פון לעבן...

שמעון דאַרנבוים האָט זיך גאָר גיך דערוואוסט, אַז די „פּעד־לער" האָבן פּרנסה, אָדער ווי מען רופט עס אין דעם נייעם לאַנד אויפן אַמעריקאַנעם לשון: „מע מאַכט אַ לעבן"... וועט ער נישט מאַכן קיין לעבן?... אָבער זיי האָבן געכאַפּט די שפּראַך, יונגע מענטשן!...

און ער האָט אָנגעהויבן מקנא צו זיין די יונגע מענטשן, וואָס כאַפּן די שפּראַך, כאָטש איך האָט גוט פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער איז מקנא מענטשן. ער איז דאָך בטבע קיינמאָל קיינעם נישט מקנא געווען, נישט פאַר עשירות, נישט פאַר כבוד און אפילו נישט פאַר נחת פון קינדער... ער איז כל ימיו געווען אַ שמח בחלקו. ער האָט נישט געוווסט וואָס דאָס הייסט מקנא זיין, אין קעגנטייל, האָט ער געוווסט אַז קנאה ברענגט צו זינד, און אַז קנאה אַליין איז אויך אַ גרויסע עברה און דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל דער־פילט דעם ביטערן טעם פון קנאה בלויז דערפאַר, וויל אַנדערע, יינגערע פון אים קענען דעם שפּאַנישן לשון . . .

דער יצר טוב האָט אים געשטראָפט, געמוסרט, געמאַכט פאַר־וואָרפן:

— סטייטש רב שמעון דאַרנבוים ווי פּאַסט דאָס פאַר אייך אויף דער עלטער מקנא צו זיין לייטן. קנאה פירט דאָך אַראָפּ דעם מענטשן פון גלייכן וועג, רחמנא לצלן!...

— האָב זיי פיינט, האָס זיי, די יונגע, זיי זיי מקנא!... האָט אים אָנגערעדט דער יצר הרע, זעסט דאָך, ווי זיי זענען מצליח, זיי באַגליקן, פאַר זיי זענען אַלע וועגן אָפן און פון דיר, שמעון דאַרנ־בוים, וואָס איז דאָ געוואָרן, אַ שטומע צונג, ווי להבדיל, אַ בהמה...

— צו וואָס האָב איך עס געדאַרפט? האָט ער זיך געשטראָפט...

— פּרנסה... האָט אים אונטערגעזאָגט פון ערגעץ אַ קול און דאָס קול איז געקומען מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס האָט אים אינגאַנצן גובר געווען, באַזיגט.. איז איין מאָל די אַלטע זיינע, זלאַטע, גע־פאַלן אויף אַ המצאה.

— ווייסטו וואָס איך וועל דיר זאָגן שמעון — האָט זי אים געזאָגט אין אַ שפּעטן אָוונט ווען די קינדער זענען שוין געשלאָפן

— איך האָב א פּלאַן, און זי האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים מיטן שטול, און אים געשעפּטשעט אויפן אויער:

— גיי אריין צו אונזער שכן, אייזענבערג, ער קען דאָך דעם לשון, און דו האָסט אביסל געלט, מאכטביידע שותפות!.. איר וועט „פּעדלען" בשותּפות. אביסל וועט ער רעדן, אביסל וועסטו צובאַמקען און דאָס רעשט וועט איר מאכן מיט די הענט; ווי טוען אנדערע?...

דער פּלאַן איז שמעונען אריין אין קאָפּ, אויף מאָרגן באַלד אינדערפרי, איז ער שוין געווען ביי זיין שכן בערל אייזנבערגן מיט זיין פּארטיקן פּראָיעקט:

— הערט אוים שכן, כ'דאַרף עפּעס מיט אייך איבעררעדן, און צו אים א ווונק געטון אויף דער זייט פון בערלס חבר, וואָס איז נאָך געשלאָפן... בערל אייזענבערג האָט פארשטאַנען דעם ווונק און איז מיטן שכן ארוים אויפן דאָך.

— הערט אוים שכן, האָט שמעון דארנבוים איבערגעחזרט אויפן דאָך, איך דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן...

—נו רעדט, איך וועל הערן.

— איך האָב יאָרצייט... און כ'בין פון דער היים א חסיד, א וואָלינער חסיד, שטעל איך יעדן יאָר תּיקון, אז מיין טאַטנס נשמה זאָל עולה יפה זיין... וויל איך נישט אנדערש, איר זאָלט צו מיר אין אָוונט אריינקומען, נישט אנדערש!

שמעון דארנבוימס באַראַק איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן, אָפּגעטיילט מיט א דין ווענטל, א שמאָלע טיר אינמיטן איז געווען פאַרהאָנגען מיט א געבלימלטן גארדין; אין דעם ערשטן טייל, צווישן די בעטן, טישן, און ארום דער שאפע, זענען געווען אָנגעשטעלט קיפערס, וואַליזעס, פּעק און פּעקלעך.

פון אַלע ווינקעלעך האָט ארויסגעקוקט דער אַלטער יידישער וואנדער־שטאָק, וואָס מעסט אוים ימים און מדינות און געפינט נישט אין ערגעץ קיין מקום מנוחה...

פון דער אנדערער זייט ווענטל איז געווען א ציכטיק, געמיטלעך—אויסגעפּוצט צימערל; דאָס מעבל: צוויי בעטלעך מיט זויבערע ווייסע, געבלימלטע ציכלעך איבערגעצויגן ביי די ווענט און אינמיטן

ביי א וואנט צוגערוקט, א קליין פירעקיק טישעלע, אויף וועלכן ס'איז געלעגן א בצלאל־אלבום מיט צעדער־הילצערנע טאָוולען אויף וועלכע ס'איז געווען פון איין זייט אויסגעמאָלן דער כתל מערבי, און פון דער אנדערער זייט א ציון מיט א געקינסטלטן בצלאל.

(דער אלבום איז געווען, ווי בערל אייזענבערג האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, א מתנה פון דבורהלה'ס א חבר, א חלוץ אין ארץ ישראל).

דערביי, א בוקעט פרישע רויזן אין א וואזע אָנגעפּילט מיט וואסער און דער פרישער בלומען־ריח האָט זיך צעטראָגן איבערן צימערל און זיך געריסן אין די נאָזלעכער אריין און פון די נאָזלעכער זיך פארגנבעט אין א הארצווינקל אריין און ארויסגערופן א זיסן זיפץ...

בערל אייזענבערג האָט ביי זיין ערשטן באזוך טיפער אָפּגעאָטעמט און זיך ארומגעקוקט מיט א שטארקן אינטערעס, כאָטש ער האָט זיך נאָך קיין קלאָרן חשבון נישט אָפּגעגעבן, וואָס עס זאָל אים אזוי שטאַרק ציען צו דעם ראָמאנטישן צימערל, ער איז דאָך דערווייל פארנומען מיט אלע זיינע חושים מיט איין פשוטער, אזוי בראַזאאישער פראָגע: ברויט!...

אויפן וואנט איבערן טישעלע איז געהאָנגען א שפּיגעלע, וואָס האָט זיך גערייצט מיטן יונגן אימיגראנט:

— זע וואָס פארא פּנים דו האָסט, מיזערנער וואנדערער! ..

ארום אויף די ווענט זענען געהאָנגען בילדער פון יונגע גרופּעס יינגלעך און מיידלעך, פון וועלכע עס האָט ארויסגעשיינט דבורהלעס ליכטיקע געשטאלט.

בערל אייזנבערג האָט זיך אויך נישט געקענט אָפּגעבן קיין קלאָרן חשבון פארוואָס ער זעט נישט די עטלעכע בילדער־גרופּעס מיט דער יינגערער מירעלען...

ער האָט זיך פארענטפערט:

— זי איז דאָך נאָך א קינד... און וואָס אינטערעסירט אים די פּופּצן־יעריקע דבורהלע?... און דאָס שפּיגעלע פון וואַנט האָט זיך כסדר מיט אים גערייצט:

— אָרעמער, מיזערנער וואנדערער!..

ער האָט צום ערשטן מאָל געזען דאָס פּופּצן יעריקע מיידל,

און זי האָט אין זײַנע אויגן אויסגעזען, ווי א רײַפֿע בלום, אָנגע־פּילט מיט א שטאַרקן אַראָמאַט, וואָס פאַרכאַפּט יונגע בחורישע הערצער, און ציט זיי צו זיך מיט טויזנטער, טויזנטער אומזעבאַרע פֿעדים...

דבורהלעס וועזן האָט אים אין אויער אַרײַנגעסודעט:

— עס קומט אָן דער צאַרטער, מיט ווייכע גלעטנדיקע שטראַלן באַגילטער פרילינג!

א לאַנגע צײַט אויפֿן געלעגער האָט בערל אײַזענבערג געזען מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגן דבורהלעס געשטאַלט: א גאָלד־געלאָק־טער קאָפּ... אויגן — אַן אָפּגלאַנץ פון הימלשן לאַזור... ליפּן — זאַפּ־טיק־רויטע קאַרשן.... א מיידלשער גוף, וואָס פולסירט מיט קראַפט, ווי שטאַרקער ווײַן, וואָס פאַרשיכורט...

עס האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז אין דער נאַכט־שטילקייט צעטראָגט זיך דער געזאַנג פון פרילינג...

וואָס פאַרא שאַרפער קאָנטראַסט איז איר שוועסטער מירעלע... א תּליבע, שלאַנקע, שטילע, מיט גרויסע שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן... א שטיק זומער־נאַכט... א ברידערל האָבן די שוועסטער אַזא אומע־טיקן, אַזא שווייגנדיקן... ווי א שאָטן שלײַכט אַרום דאָס זעקס יערי־קע קינד צווישן די אין שאָטנס אײַנגעהילטע, געוועלבטע קאָרידאָרן, ווי א שאָטן צווישן שאָטנס..

מישהלע האָט זיך אין זײַן עלנד געטוליעט צו זײַנע שוועסטער און זיי האָבן אים געטוליעט צו זיך. שטאַרק געדריקט צו זיך און היים געקושט...

פאַר מענדל גרינצווייגן האָבן זיך געצויגן טריבע טעג. לאַנג אויסגעצויגענע ווי די שאָטנס אויף די ווענט פון די געוועלבטע האָ־טעל־קאָרידאָרן.

מיט זײַן חבר בערל אײַזענבערג האָט ער שוין אויסגעוואַנדערט די גרויסע שטאָט, און די אומגעגנט, געזען די הײַזער אין שפּאַנישן קאָלאָניאַלן סטיל געבויטע, שווערע האַמעטנע געביידעס מיט פאַר־גראַטעטע פענצטער ווי תּפיסות, גאַסן אין צענטער — מאָדערנע, ה׳ישיקע, גרויס־שטאָטישע און נאָר אביסל אַרום — שמאָלע, ענגע, שמוציקע געסלעך מיט אײַנגעהויקערטע הײַזלעך, געדיכט באַפּעל־

קערטע און אַנגעפּיקעוועטע מיט דלות... און אַמ ווידער פּראַכט, לוקסוס, רייכטום... קאָלאָניעס מיט רעזידענצן ארומגעפלאַנצט מיט בלומען און גרינסן, ממש א גן־עדן אויף דער ערד. ווילועס אין אַלט־קאַסטילישן סטיל און אַמ גאָר אמעריקאַניש־מאָדערנע... פּאַרקן מיט שפּריצנדיקע פאָנטאַנען, וואָס פרישן אָפּ די לופט און דערקוויקן דעם גוף און די נשמה...

ארום שטאָט — בערג, בערג, בערג, א טייל פון זיי וואָלקאַנען... מענדל גרינצווייג און בערל אייזענבערג האָבן זיך נישט געקענט אָפּוואונדערן פון די פּראַכטפולע פּאַנאָראַמעס פון דעם טראָפּישן לאַנד...

נאָך פון באַן פון דער פּאָרט־שטאָט אָן כסדר באַרג ארויף, האָבן זיי געזען לאַנדשאַפטן וואָס פאַרכאַפּן דאָס אויג; בערג, וואָס שניידן זיך איין אין די וואָלקנס אריין און טאָלן טיפע, קוים מיטן אויג צו דערגרייכן.

מיט שניי־באַדעקטע באַרג שפּיצן, אין וואָלקנס איינגעהילטע ווי ריזן וואָס שניידן זיך אריין עמ־ווייט אין די הימלען, און אַמ־אַמ וועלן זיי די זון דערגרייכן...

טאָלן, וואָס זעען אויס ווי אָפּגרונטן וואָלטן זייערע מיילער גע־עפנט, גרייט איינצושלינגען די זינדיקע ערד. מעקסיקע אַנגעמט מיט שטאָט און טראָפּיק. שטיין און פּאַלמעס. א מערקווירדיקע האַר־מאָניע פון מעשה בראשית מיט מענטשלעכער קולטור. שווער צו דערקענען, ווו עס ליגט די גרענעץ.

צייטווייז זענען די חברים פאַרכישופט געוואָרן פון דעם רייץ פון דער טראָפּישער לאַנדשאַפט, און צייטנווייז מיד געוואָרן פון צו־פיל איבעראַשונג מיטאַמאָל...

— עקזאָטיק... דאָס איז דער כישוף פון דער נאַטור, וואָס רייצט און מאַכט מיד...

— עקזאָטיק, דאָס איז דער סוד פון מעשה בראשית, וואָס וועקט דעם נייגער און זעטיקט נישט קיינמאָל...

— עקזאָטיק, דאָס איז דער אור־אַלטער פּרימיטיוו, געאַרעמט מיט דער נייסטער מענטשלעכער קולטור!

די יונגע אימיגראַנטן זענען גאָר גיך מיד געוואָרן פון דעם רייץ און כישוף פון דער טראָפּישער עקזאָטיק, און זייערע נשמות האָבן אָנגעהויבן נאָגן אָן אומעט.

זייערע טעג האָבן זיך אָנגעהויבן ציען אומעטיקע, טריבע און לאַנג־אויסגעצויגענע, ווי די אָוונט־שאָטנס אויף די בערג.

בערל אײזנבערג האָט אָנגעהויבן אויף גאַנצע טעג פאַר־שווינדן און איבערלאָזן זיין חבר אַליין מיט זיין אומעט, פיין און עלנד.

האָט אָבער מענדל גרינצווייג געהאַט אַ געטרייעם חבר, אַזאַ וואָס האָט מיט זיין נשמה מיטגעפילט און מיטגעלעבט אַלע פּיבעדן. די פאַרבאָרגנסטע פאַר אַ זייטיקן אויג; אַ חבר מיט וועלכן מענדל גרינצווייג האָט זיך געטיילט זיין עלנד, פּיין און שווער געמיט... דאָס איז געווען זיין פידעלע.

מענדל גרינצווייג האָט פאַרלאָזן זיין היים, זיך צעשיידט פון זיינע עלטערן, פריינט און חברים; פון זיין פידעלע, האָט ער זיך נישט צעשיידט.

דאָס פידעלע, זיין בעסטן חבר האָט ער מיט זיך מיטגענומען; האָט מענדל גרינצווייג אין די טריבע טעג, און אומעטיקע אָוונטן פון זיין פידעלע אַרויסגעצויבערט דעם פּיין, וואָס האָט געפּלאָגט זיין עלנדע נשמה.

האָט זיך אין אַ טריבן, אומעטיקן אָוונט, גרינצווייגס פידעלע צעוויינט, האָט זיך אַ געוויין צעטראָגן איבער אַלע שכנותדיקע באַ־ראַקן, און זיך צענויפגעגאָסן אין איין געמיינזאַמען יאָמער.

דאָס איז געווען דער יאָמער פון עלנדע אימיגראַנטן־וואַנדערער אויף פרעמדער ערד.

וואָס אַ טאָג איז מענדל גרינצווייג אַלץ שפּעטער אויפגעשטאַ־נען און מיטן אָנהייב אָוונט אויפן געלעגער אַרויף.

— זאָלן די טעג ווערן קירצער, קירצער!

אָפטמאָל איז אים אַ טרויעריקער געדאַנק אַריין אין קאָפּ:

— וואָלטן זיינע טעג אינגאַנצן פאַרשוווּנדן.

און ער האָט זיך פאַר זיין שרעקלעכן געדאַנק פאַרשעמט, און זיין פאַרביטערט האַרץ אויסגעגאָסן אויף די צאַרטע סטרונעס פון זיין פידעלע.

דאַן איז אים גרינגער געוואָרן זיין שווער געמיט, ער האָט דער־פילט אַז ער האָט אַ חבר...

מענדל גרינצווייג האָט אָבער נישט געוווּסט אַז ער האָט נאָך

א חבר, אויסער זיין פידעלע; א חבר וואס לעבט איבער זיין פיין, זיין עלנד, זיין שווער געמיט; גאר נאנט פון אים איז זיין חבר, אויף יענער זייט וועגטל פון זיין באראק, און ער האט נישט געוווסט...

דבורהלע האט ביז אין די שפעטע אוונט־שעהן ביי זיך אין צימערל, אויפן געלעגער געשלונגען זיינע טרויעריקע פידל־טענער צוזאמען מיט זיינע זיפצן.

שמעון דארנבוימס יונגע, בליענדיקע טאכטער האט פארבארגן פון פרעמדע בליקן, מיטגעלעבט זיינע ליידן, און ער האט דאס נישט געוווסט.

איינמאל האט זי אים געזען און אים דורכגענומען מיט אירע הימל־בלויע בליקן און פון דאן אן איז איר נשמה געווארן אומרואיק, און נאר מענדל גרינצווייגס פידל־טענער האבן איר אומרו געקענט שטילן.

ווען ער האט געשפילט אויפן פידל, האט אויף יענער זייט וועגטל דבורהלע אין דער שטיל געשעפטשעט א תפילה, אז די זיסע טענער פון איר שבנס פידעלע זאלן אייביק, אייביק אזוי קלינגען אין חלל און ווען דאס פידעלע איז איינגעשטילט געווארן, איז זי א לאנגע צייט געבליבן פארחלומט מיט אפענע אויגן און איר האט זיך אויסגעדוכט, אז זי הערט ערגעץ ווייט פון די בערג אן אפקלאנג פון יענע פארכישופטע טענער...

מענדל גרינצווייג האט דאס נישט געוווסט, און זיין נשמה האט זיך געקארטשעט אין צער, עלנד און פיין...

‚מיטאמאל, ווי א רעגנבויגן באווייזט זיך אויפן פארכמארעטן הימל, האט זיך אומדערווארט פאר אים דבורהלע באוויזן און דער סוד איז פאר אים אנטפלעקט געווארן.

ס'איז געווען אין א פארנאכט, ווען ער האט אויף זיין פידעלע געשפילט אן אומעטיקע סערענאדע צום זון־אונטערגאנג, האט זיך די טיר פאמעלעך געעפנט, און עס האט זיך אין צימערל אריינגע־שארט א זעקס יעריק שעמעוודיק יינגעלע; דאס קינד איז שטיין גע־בליבן ביים שוועל און קיין אויג נישט אראפגענומען פונם פידעלע.

דאס איז געווען דעם שבנס זינעלע, משהלע. דאס קינד האט מיט נאיווע בליקן נאכגעפאלגט יעדע באוועגונג מיטן סמיטשיק אויפן פידעלע.

עך האט זיך אויסגעוויזן, ווי דאס קינד, וואלט וועלן דערגיין דעם סוד פון די פארכישופטע מענער...

מענדל גרינצווייג האט געענדיקט שפילן, איועקגעלייגט אויפן בעטל דאס פידעלע און באטראכט דאס חנודיקע פנימל מיט די קלוגע פארטראכטע אויגן פון דעם זעקס־יעריקן וואנדערער.

אויפן קינדס טונקל־מאטאוון פנימל איז געווען אויסגעצייכנט צארטקייט, בענקשאפט און דער חן פון קינדערשער נאאיוויטעט איז אין זייערע גרויסע שווארצע אויגן, דער גאנצער אומעט פון דעם יידישן גלות.

פון דרויסן האט זיך דערהערט א יונג מיידלשע שטים:

— משהלע, משהלע!...

אויפן שוועל האט זיך באוויזן א בלאנד־געלאקט יונג מיידל מיט הימל־בלויע אויגן און א פנים, באגאסן מיט דער צארטער רויטקייט פונם זונען־אויפגאנג פון באגינען.

משהלע איז שוין געלעגן מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם אונטער מענדל גרינצווייגס בעטל.

— אנטשולדיקט, איך האב אייך געשטערט... האט דאס מיידל געשעפטשעט, האט איר דא נישט געזען מיין ברידערל?...

אירע אויגן האבן ווי פארלארענע געבלאנדזשעט און אירע קארשן־ליפעלעך האבן זיך צעגויפגעשנירלט.

— געווען... וועט באלד זיין... זיצט... ווארט־צו... דבורהלע!

דאס מיידל איז שטיין געבליבן אין מיטן צימער א ווייל, א צעטומלטע, אבער באלד האט זי זיך באוואיקט, אויפגעהויבן אירע בלויע לאזור־בליקן און ארייגעקוקט דעם יונגן בהור דורך זייגע אויגן־פענצטערלעך, גלייך אין דער נשמה אריין...

— שפילט, שפילט ווייטער! — האבן אירע ליפן געשעפטשעט, איך שפילט אזוי זיס... זי האט אראפגעלאזן אירע אויגן א פארשעמטע און צוריקגעטראטן הינטער זיך, אבער מענדל גרינצווייג האט איר באוואיקט:

— גייט נישט אוועק, איר האט מיר גארנישט געשטערט, אדרבא..

— טא שפילט, איך בעט אייך... און דאס מיידל האט זיך

אָנגענומען מיט מוט. געמאַכט א טריט פאַרויס און לייכט אָנגענומען דעם יונגן בחור ביי דער האַנט.

מענדל גרינצווייג האָט א ציטער געטאָן, ווי אן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אים דורכגענומען; ער האָט גענומען דאָס פידעלע, א צי געטאָן דעם סמיטשיק און א כוואַליע פון טענער האָט זיך צעגאָסן איבערן צימער.

ווען די לעצטע טענער פון דעם פידעלע האָבן זיך אויסגעלאָשן צוזאַמען מיט די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון און אין דבורהלעס אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן, איז פּלוצלונג פון א באַהעלטעניש אַרויסגעשפּרונגען איר ברידערל מיט אן אומגעצוימטער, קינדערשער פרייד און צוויי אומבאַקאַנטע נשמות האָבן זיך פאַרייניקט אין איין פרייער, אומגעשטערטער האַרמאָניע.

צוויי יונגע עלנדע נשמות, זענען שוין נישט געווען עלנד.

עס האָט זיי פאַרייניקט דער אומעט פון זון־אונטערגאַנג: עלנד און פּיין... און די פרייד פון באַגינען: צוקונפט און האָפנונג!...

און עס איז געקומען דער טאָג, און בערל אייזענבערג און שמעון דאַרנבוים זענען אַרויס אין גאַס מיט פּעקלעך קראַוואַטן, זאָקן, שלייקעס, נאָז־טיכלעך, פּעדלען שותפות און פאַר מענדלען האָבן זיי אויך געשאַפן א „פּעקל".

דאָס פאָלק פון לאַנד האָט באַטראַכט די נייע טיפּן, באַהאַנגענע איבערן האַלדז און נאַקן מיט פאַרשיידענע סחורות, ווי באַוועגלעכע קראָמען... נאָר א נאָז האָט מען פון אַזא אַמבולאַנט־קראָם אַרויסגעזען און די נאָז איז געווען אַנדערש ווי די נעז פון לאַנד; לאַנגע אָדלער־נעז, יידישע נעז.

אין דאָס פאָלק וואָס לעבט אַזוי נאָענט פון א מדינה מיט קנאַפּע פינף מיליאָן יידן, האָט געוווסט נאָר פון יענעם פאַנטאַסטישן יידן, וואָס האָט געהייסן „כודאַס", וועלכער האָט „פאַרראַטן" זייער גאָט און איז דערפאַר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א טייוול...

האָבן זיי זיך געשאַפן אַזעלכע יום־טובים, ווען יונג און אַלט פאַרזאַמלט זיך אויף די מאַרק־פּלעצער, ווו מען פאַרברענט דעם „כודאַס", אין געשטאַלט פון א פּאַיאַצן־פיגור, אָנגעשטאָפּט מיט פייער־ווערק; אָט אַזא פאַנטאַסטישן, טייוולשן, פייער־יידן האָבן זי:

נעקענט... דערפאר זענען די אמתע יידן ביי זיי אין די אויגן גע־
ווען ארימע דייטשן נעבעך, וועלכע האבן פארשפילט די מלחמה
און זענען געקומען קיין מעקסיקע פעדלען... איז טאקע א רחמנות
אויף די ארימע „אלעמאנעס" (דייטשן) און מען דארף ביי זיי קויפן
קראוואטן, און נאז־טיכלעך, א פאר זאקן, צי אנדערע זאכן... האבן
יידן דערווייל געלייזט און הנאה געהאט פונם ליכטיקן לאנד...
אמעריקע!...

— וואס איז מעקסיקע?... נישט אמעריקע... און אנדערע האבן
צוגעגעבן:

— בעסער ווי אמעריקע!...

האבן זיי געשפאנט איבער די מעקסיקאנער גאסן, איינער
מיט לאנגע פיס און מיט א פעקל וואס איז באשטאנען פון קראוואטן,
זאקן, שקארפעטן, נאז־טיכלעך, שלייקעס און פאסקעס. נאך אים,
דער צווייטער, מיט דראבנע טריט, א קליין דאר נפשל, מיט אויך
אזא פאק ווי דער ערשטער, נאר אים האט דער פאק איינגאנצן פאר־
דעקט, מען האט קוים ארויסגעזען א נאז, מיט א געל־גרוי בערדל;
מער גארנישט...

מענטשן וואס האבן זיי אבסערווירט, האבן זיך לייכט געקענט
אנשטויסן אז דאס זענען צוויי שותפים, ווייל איינער איז פון צווייטן
נישט אפגעטראטן אויף א שפאן.

פאר די קונים האבן ביידע פארגעלייגט זייערע קראמען זיך
אויסצוקלייבן און מיטן פדיון האט מען זיך צעטיילט גלייך אויפן
ארט.

נאך א האלבן טאג ארומשפאנען און האווען ארום די דורכ־
גייער, ווי בינען ארום האניק, האט דער קליין־געוויקסיקער זיך אפ־
גערופן צום הויכן יונגן מאן:

— נו, וואס זאגט איר בערנארד, גייט עס עפעס נשקשה?...

— איר זעט דאך דארנבוים, אז פון פעקל איז שוין באלד
גארנישט געבליבן.

— נו, און מיטאג?

— ווער מיטאג, וואס מיטאג, מע ארבעט היינט ביז ביי־
נאכט... און די אמבולאנס־קראמען האבן זיך א ריר־געטאן מיט

נאָך מער קוראזש און געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די דורכ־גייער.

— אלעמאנעם (דייטשן)?

— אלעמאנעם!

— נייז, דאכט זיך פּאָליאקן!

— וואָס פאַרא פּאָליאקן?

— אנו, לאָמיר פרעגן!

האָט מען געפרעגט און באקומען א תשובה:

— יאָ אלעמאנעם... און אונטערן נאָז מיט ציצית...

דער טאָג איז אוועק ווי א מזמור, די פּעקלעך האָבן זיך אויס־געלאָזן, די קעשענעס — אָנגעפילט; איז מען אוועק אין „דעספּאַ־טשאָ" איינקויפן, און דאן ערשט שפּעט אין דער נאכט, אהיים אויפן דאך, אין די באראק־צימערן אריין, זיך צו זען מיט אייגענע, דערכאפּן דאָס הארץ, און דערציילן די נסים פון דעם אָפּגע־פּערלטן טאָג...

מענדל גרינצווייג האָט געוואונדערט ווי א שאָטן מיט זיין „פּעקל", פאררוקט דעם פּנים צווישן די קראוואטן, מען זאָל אים נישט זען... אים האָט זיך אויסגעוויזן אז ער פלאמט פון בושה, און ער איז מער געלאָפן, ווי געגאנגען. ער האָט זיך אליין נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון אז ער מיידט אוים מענטשן, אנשטאָט זיך צו ווארפן אין די אויגן...

שפּאנענדיק סתם, אָן א ציל, האָט ער נישט באמערקט ווי ער האָט זיך ארויסגעשלייכט פון די צענטראלע, רוישיקע גאסן און איז אריין אין די שטילע קאָלאָניעס וואָס האָבן גערוט אין אלייען, פּארקן, ווילעס מיט א בנחתדיקן רו פון מענטשן, וואָס האָבן גע־האט צופרידענע, זאָרגלאָזע טעג.

דער טאָג איז געווען א הייסער און דער אוונט איז אָנגעקו־מען א קילער, א פולע זילבערנע לבנה מיט ליכטיקע שטערן אין הימל און שווארצע פינקלדיקע פּרטיען־אויגן אויף דער ערד...

ער איז מיד געוואָרן פון דעם גאנצן טאָג זינלאָזן ארומשפּאַ־נען, האָט ער דערזען אין א בולוואר א באנק קעגנאיבער א פאנטאן,

האט ער פון זיך אראפגעווארפן דעם פאק און זיך צוגעזעצט אפ־רוען.

א פריש ווינטעלע האט געבלאזן פונם פאנטאן, און ער האט זיך דערפרישט.

צווישן די בוימער־שורות האבן שפאצירט פארליבטע פאר־לעך און שטיל, געהיימניספול געפליסטערט, ווי די שטילע וואסערן פונם פאנטאן.

מענדל גרינצווייג האט זיך דערמאנט אין דער גאלד־בלאנ־דער דבורהלען מיט די הימל־בלויע דורכזיכטיקע, קרישטאלענע אויגן...

ווי גליקלעך וואלט ער געווען, ווען ער איז רייך, ווען זי זאל באטש זיין א טאכטער פון רייכע עלטערן, ווי די וואס שפאצירן דא...

— וואס איז ער? — א פעדלער...

מיטאמאל איז אים געקומען אויפן געדאנק, אז איר פאטער איז א שותף מיט בערלען, און זיי מאכן גוט. יא, זיי ווערן רייך... איר פאטער און בערל... און פינצטערע מחשבות האבן זיך אריינ־געגנבעט ווי זלידנע פליגן אין זיין אויסגעמאטערטן מח; ספקות האבן אים אנגעהויבן פלאגן. ער האט שוין ארים זיך גארנישט געהערט, גארנישט געזען, נאר א שרעקלעך בילד האט פאר זיינע אויגן אויפ־געטויכט פון צווישן די טונקעלע שאטנס פון דער אליי. דבורהלע אין בערנארדס ארעמס... יא, בערנארד הייסט ער שוין, נישט בערל... ער האט ברייט צעעפנט די אויגן צו זען, צי איז עס א חלום, א בייזער חלום, צי חלילה די וואר. יא, ס'איז געווען א חלום, וואס איז צערונען געווארן, באלד ווי ער האט אויפגעעפנט די אויגן; — דאס קען נישט זיין! דאס טאר נישט זיין! דאס וועט נישט זיין!

ער האט זיך ארומגעקוקט צי קיינער הערט נישט, ווי ער רעדט צו זיך אליין און מיטאמאל וואס זעט ער? — פאר אים שטייט, א יונג ברונעט מעקסיקאנער מיידל:

— ווייסינקער, וואס פארקויפסטו, קראוואטן?... — קום צו דער ליכט!... און זי האט אים לייכט אנגענומען פאר דער האנט און אים צוגעפירט צום דערבייאיקן עלעקטרישן לאמטערן.

— ווייסינקער, האסט דאך גאר שיינע קראוואטן, און אזא

סורטידאָ, גאָרנישט געלייזט היינט, אָרימער אַלעמאַן... איך וועל בײַ דיר קויפֿן אַ קראַוואַט, דעם שענסטן קראַוואַט, פֿאַר מײַן חתן...

— קלײַב אויס וועלכן דיר געפֿעלט, נו גיכער ווייסינקער, וואָס טראַכסטו?...

מענדלס פֿינגער איז געפֿאַלן אויף אַ קראַוואַט פֿון גאָלד־קאָליר, מיט העל־בלויע אויגעלעך באַשפּרענקלט.

— אָ, סאַראַ שיינעם גוסט דו האָסט, ווייסינקער, דאָס איז דער שענסטער, דער שענסטער!

דאָס מיידל האָט הילכיק געלאַכט, און איר געלעכטער האָט אָפּגעקלונגען מיט צענדליקער עכאָס, ווי זילבערנע גלעקעלעך וואָלטן זיך צעקלונגען אין דער נאַכט־שטילקייט.

זי האָט געגלעט דעם קראַוואַט ווי אַן אוצר, און שעלמיש געקוקט דעם יונגן, ווייסינקן „אַלעמאַן" אין די אויגן אַרײַן.

— איך האָב נישט מיט זיך קיין געלט, קום מיט מיר, איך וווין דאָ באַלד אויף יענער זייט פּאַרק.

דאָס מיידל האָט אים פֿעסט גענומען אונטערן אָרעם און אַריבערגעפֿירט איבערן פּאַרק; אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך מענדל גרינצווייג געפֿונען מיט דער אומבאַקאַנטער פֿרוי אין אַ צימער, וואָס איז געווען באַגאָסן פֿון לבֿנה־שײַן, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן דורך די שויבן פֿון פֿענצטער, וואָס איז אַרויס אין גאַס אַרויס פֿון דעם אויבערשטן שטאָק, פּונקט אַנטקעגן דעם פּאַרק, וווּ ס'האָט מיט דער זעלבער רואיקער געמיטלעכקייט נאָך אַלץ געשלאָגן דער סודותפֿולער פֿאַנטאַן, אײַנגעהילט אין אַ מחנה נאַכט־שאָטנס...

— וואָס ביסטו אַזוי פֿאַרטראַכט, ווייסינקער... אָ, דו האָסט אַזעלכע שיינע, זיידענע זאָקן... ביסט אומעטיק?... נאָ דיר אַ קוש...

אַ פֿאַרפּלאָנטער, האָט זיך מענדל גרינצווייג אַרויסגעריסן פֿון די אָרעמס פֿון דער יונגער כּישוף־מאַכערין, און מיט אַ ביטער געפֿיל פֿאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי מיאוס געלאָזט פֿאַרנאַרן, איז ער ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן געלאָפֿן מיט זײַן פּאַק, וואָס איז אים שוין גאָרנישט שווער געווען, ער האָט פֿליגל באַקומען... ס'האָט אים מיט טויזנטער מאַגנעטן געצויגן צו יענעם אָרימען ווינקל, וואָס איז

אין זיין פאנטאזיע אויסגעוואקסן ווי א פאלאץ, וווּ עס זיצט זיין גאלד־בלאנדע פרינצעסן...

א טויטע שטילקייט האט באהערשט דעם האטעל, ווען מענדל גרינצווייג איז אין א שפּעטער שעה ארויף מיט די מאסיווע שטיינערנע טרעפּ, דורך די טונקעלע קאָרעדאָרן, צו זיך אין דעם דאַך צימערל.

אין די באראקן האט שוין קיין ליכט נישט געברענט; שלאָף האט אלץ און אלעמען באהערשט.

נאָר אין זיין צימער האט געברענט ליכט.

ווי א פארזינדיקטער האט ער שטיל געעפנט די טיר; אויף די שפּיצן פינגער איז ער אריין אין צימער אריין, אויף א שטול אראָפּגעלייגט פון זיך דעם פּאק, זיך א שליידער געטאָן אויפן בעטל, מיטן פּנים זיך איינגעגראָבן אין קישן, געשטיקט זיינע טרערן אין האלדז, כדי בערנארד, וואס איז געזעסן ביים טיש איבער א קופּע געלט, זאל אמאל נישט דערהערן זיין וויינען...

בערנארד אייזענבערג האט אים נישט באמערקט, נישט געזען זיין אריינקומען, און נישט זיין היסטעריש פאלן אויפן בעטל.

ערשט ווען ער האט געענדיקט ציילן דאס געלט, האט ער זיך ארומגעקוקט און דערזען מענדלען אין א היסטערישער פּאָזע אויפן בעטל און לעבן איבער אויפן שטול, אזא גרויסן פּאק... — גאַרנישט פארקויפט... א ווייל איז ער שטיין געבליבן פארוואונדערט, א מאך געטאָן מיט דער האנט אויף דער זייט פונעם „שלים־מזל"... אין זיין בליק איז געווען פול מיט פאראכטונג.

דאס איז געווען דער ערשטער בליק פון פאראכטונג צו זיין חבר.

דריטער קאפיטל.

דער שלים מזל.

דער טאג האט זיך געענדיקט, און די פעקלער ביי די פעדלער האבן זיך אויסגעלאזט, די קעשענעס פול מיט זילבער און קופער־געלט, איז מען מונטערע, האפערדיקע געגאנגען אהיים, זיך אויסחשבונען, עסן אוונטברויט, און אויסרוען זיך א נאכט, אנצוזאמלען כוחות פארן קומענדיקן טאג.

בערנארד אייזנבערג און שמעון דארנבוים האבן דעם טאג געהאט גאר א מזלדיקן; ס'איז נאך ליכטיק געווען אין דרויסן, ווען זייערע פעקלער האבן זיך שוין געהאט אויסגעלאזט, האבן זיי צופרידענע זיך געקלאפט אין די פלייצעס, געריבן די הענט און קלימפערנדיק מיט די מטבעות אין די קעשענעס, זיך אומגעקערט אהיים.

מיט א טומלדיקן שמועס זענען זיי ארויף אויף די טרעפ, אריין צו דארנבוימען אויף קאווע מיט פוטער־קוכנס, און אויף צו מאכן דעם חשבון פון דער ערשטער אפגעפעדלטער וואך.

עס איז געווען דינסטיק, א מזלדיקער טאג, דערפאר האבן זיי אנגעהויבן דינסטיק, און געמאכט דעם ערשטן חשבון דינסטיק, עס זאל זיין בכי מיב.

מענדל איז שוין געלעגן אויף זיין געלעגער, און געלייענט א ביך. וואס האט זיינע מחשבות פארטראגן אין אנדערע וועלטן.

די לעצטע טעג פלעגט ער שוין קומען פריער און דבורהלע פלעגט אים באגעגענען מיט א גוטמוטיקן בליק, וואס האט גערעדט מער ווי מיט ווערטער... דאסמאל האט זי געבראכט א ניי ביך און געזאגט:

— נאט, לייענט, איך האב דאס בוך געלייענט און געוויינט, א סך געוויינט...

ס'איז געווען „וויקטאָריא". פון קנוט האמסון. א בוך פון שווערע ליידן פון א צאַרט־פילנדיקער מיידל, וואָס האָט מיט איר גאַנצן נשמה־פיבער געליבט אן אָרימ׳ען, עלנדן בחור.

מענדל האָט זיך פאַרטיפט אין בוך, און נישט געהערט דעם אנקום פון די שכנותדיקע פעדלער־שותפים.

מיטאמאָל האָט ער דערהערט א טומל, וואָס האָט אים געשטערט דאָס לייענען. האָט ער פאַרמאַכט דאָס בוך, און זיך צוגעהערט. די קולות זענען געקומען פון יענער זייט ווענטל. ער האָט באַלד דערקענט דאַרנבוימס קוויטשיקן, היסטערישן קול, און אייזנבערגס באַסאָוון, רואיקן און פעסטן טאָן, וואָס האָט אויסגעדריקט זיכערקייט און כאַראַקטער.

— וואָס וועט זיין מיט מענדלען?

— וואָס וועט זיין דער סוף?... האָט דער דינער קול געליאַרעמט און דער באַס האָט געענטפערט קורץ און אָפּגעהאַקט:

— ס'איז נישט קיין פעדלער!

— א שלים מזל! א שלים מזל!...

— ער איז א שלים מזל! — האָט זיך געהערט דער דינער קול.

— מען דאַרף ביי אים צונעמען דאָס פּעקל!

— לאָמיר וואַרטן נאָך אַכט טעג!

— ער וועט דאָך אויפעסן דאָס פּעקל...

— לאָמיר וואַרטן... האָט דער באַסאָווער קול באַרואיקט, און דער דינער קול האָט געליאַרעמט: א שלים מזל! א שלים מזל!, דער טומל איז שטיל געוואָרן און אין דער שטילקייט האָט זיך דערהערט אן איינגעהאַלטן, פאַרשטיקט שלוכצן...

עס האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ, און ער האָט איינגענוּרעט זיין קאָפּ אין קישן און געשטיקט אין האַלדז די טרערן, וואָס האָבן זיך פון אים געריסן און געפונען א וועג דורך די אויגן, און פייכט געמאַכט זיין קישן...

בערנאַרד אייזנבערג איז אַריינגעקומען, געפונען דאָס צימערל פינצטער, מענדלען, א שלאָפנדיקן, האָט ער פון זיך האַסטיק אַראָפּגעוואָרפן די קליידער, זיך א שליידער געטאָן אויפן געלעגער און באַלד איינגעשלאָפן.

מענדל גרינצווייג האָט די נאַכט נישט געקענט שלאָפן; עס

האָבן אין דער געדיכטער פינצטערניש ארומגעשוועבט אויסטערל־שע בילדער; אַט זעט ער זיך קליין, איינגעשרומפּן און ער ווערט נאָך קלענער, איינגעשרומפּענער, ער איז שוין גאָר א קארליקל, און זיי, וואקסן, זיי ווערן ריזן, אזוי ווי די בערג ארום שטאָט, זיי זעען שוין נישט דעם קארליקל, טרעטן איבער אים און ער שרייט און זיי הערן נישט זיין געשריי, פילן נישט זיין ווייטיק, און זיי טרעטן, טרעטן, און ער ווערט צעטראָטן...

און אַט זעט ער, ווי שמעון דאַרנבוים רייסט זיך ארויין מיט זיינע נעגל אין דבירהלעס צארטן גוף, און רייסט פון דאָרט ארויס איר נשמה, און שליידערט זי צו דער ערד, און טרעט זי, טרעט זי און דבורהלע שרייט:

— מיין נשמה! מיין נשמה!... אָבער קיינער הערט נישט איר געשריי...

און אַט דערזעט ער א גרויסן, פּראכטפולן פּאלאַץ, מיט א גאָרטן ארום, א פאנטאַן שפּריצט הויך, הויך; דערקוויקט און דער־פרישט ארום די לופט. דינער מיט הינט ווי לייבן שטייען ביי די טויערן און היטן די איינוווינער פון פּאלאַץ.

— ווער וווינט אין דעם פּאלאַץ?

דינער ענטפערן קורץ: הער בערנאַרד אייזענבערג!

— ווער נאָך?

— זיין יונגע, שיינע פרוי!

— ווי הייסט זי?

— דאָראָטעא.

— דבורהלע?!...

ער האָט זיך אויפגעכאפּט, ארומגעקוקט זיך... ארום אים איז פינצטער, שטיל; קיין מענטשלעך קול הערט מען נישט, און ער?... האָט ער געשריגן, האָט אים עמעץ געהערט? — — שטיל, הויש, קיין אָטעם הערט זיך נישט... און פון דעם שטילן געהיימניספולן חושכדיקן תהום קומען ארויס געשטאַלטן ליבע, הארציקע — —

זיין פארעלטערטער פאָטער — — זיין אין צער פארקלעמטע מוטער — — אירע ליפּן שעפּטשען: — מיין מענדעלע... מיין מענדעלע — — —

ווען ער איז אויפגעשטאנען איז שוין אין דרויסן געווען גרויס

דער טאָג. ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, ארומגעוואַשן, אויסגעטרונ־קען א גלאָז מילך, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש און ארויס...

דבורהלע איז אים אנטקעגנגעקומען.

— וואַרט, כ'דאַרף אייך עפּעס זאָגן... קומט היינט פריער, וועלן מיר גיין שפּאַצירן, כ'האָב מיט אייך עפּעס צו רעדן... מענדל גרינצווייג האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, א דריק געטאָן מיט זיין האַנט דבורהלעס הענטל און געפילט ווי א זיסע וואַרימקייט איז דורך זיינע גלידער:

— א דאַנק פאַרן בוך!

— געוויינט, אמת?...

מענדל גרינצווייג האָט זיך פאַררויטלט און אָן א וואָרט צו ענטפערן, אראָפּ פון די טרעפּ. עס האָבן אים פאַרפאָלגט דבורהלעס לעצטע ווערטער: — געוויינט, אמת? — האָט זי געהערט? — — ער האָט דאָך אויך אירע פאַרשטיקטע שלוכצן געהערט...

א פאַרוואָלקנטער הימל האָט זיך צעלייגט איבערן שטאָט. די בערג האָט מען נישט געזען, נאָר א געדיכטער נעבל, ווי א גרויער שלייער, האָט איינגעהילט אַלץ ארום... מענטשן זענען געגאַנגען ווייניק אין גאַס און די וואָס זענען געגאַנגען, האָבן זיך נישט אָפּגע־שטעלט, מענדל גרינצווייג האָט באַגעגנט פּעדלער, פאַרכמורעטע, אָנגעברוגזטע; — איינער האָט אַרויסגעברומט: — נאָך קיין אָנ־הייב נישט געמאַכט!

א צווייטער: — ווי ווערט מען שוין פּטור פון דעם פּעקל!

און א דריטער: — בערל מיט שמעונען האָבן פאַרכאַפּט דעם מאַרק, אז פאַרהאַפּט זאָלן זיי ווערן!...

מענדלען האָבן שאָקירט די קללות, ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויערן און אוועק ווייט, ווייט וווּהין די פּעדלער־טריט דערגרייכן נישט מער — — הינטערן שטאָט, וווּ עס האָט זיך ברחבותדיק צע־לייגט דער פּאַרק, וואָס האָט אויסגעזען ווי א וואַלד, און זיין נאָמען איז אַזוי משונהדיק, ווי זיין ריזן־אויסזען: — ט ש א פּ ו ל ט ע ־ פּ ע ק..

ליגנדיק אויפן ווייכן גראָז, איז ביי מענדלען אוועק דער גרייער טאָג צוזאַמען מיט זיין גרויסן געמיט און מיטן אַנקום פון אָוונט איז ער שוין געווען אויפן דאַך.

א צעשטראַלטע, שײנענדיקע האָט אויף אים געוואַרט דבורהלע.

— קומט אַרײַן! — האָט ער דערהערט איר קול, וואָס האָט אים צוגעגעבן מוט און ער איז אַרײַנגעגאַנגען. אויפֿן טיש איז שוין געשטאַנען אַ טעפּעלע הייסע קאַווע מיט זיסע געבעקס. דבורהלע האָט פֿאַר אים צוגערוקט אַ שטול. און האָט אים געסודעט אײן אויער אַרײַן: — עסט אָפּ וועלן מיר גײן!

— איך האָב שוין געגעסן פֿריער!... — אַ שעריעודיריער! — האָט זי באַמערקט דער מאַמען און זיך דערבײַ געוויטלט...

מענדל גרינצווייג האָט אויסגעטרונקען די קאַווע, צוגעביסן די זיסע בולקעס און זיך אויפֿגעהויבן גרייט צום גײן.

דבורהלע האָט צוגעוואָרפֿן אַן אומעטיקן בליק דער מאַמען, וואָס האָט איר פֿאַרשטאַנען און מיט שטומע בליקן געלייענט אירע געדאַנקען.

— קומט נישט שפּעט!... האָט די מאַמע געבעטן און פֿון צווייטן צימער האָבן אַרויסגעקוקט מירעלעס גרויסע, שוואַרצע אויגן און עס האָט זיך געהערט דאָס כראָפּען פֿון אַ שלאָפֿנדיק קינד.

שווייגנדיק זענען זיי אַראָפּ פֿון די טרעפּ און זיך געלאָזן דורכן ברייטן „מאַקאַלאַ“־פּלאַץ צו די צענטראַלע גאַסן און פֿון דאָרט צום „אַלאַמעדאַ“־פּאַרק.

— אָט איז אַ באַנק, לאָמיר זיך זעצן! האָט דבורהלע אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקער באַנק, פֿון אַ גרויסן פּאַלמע־בוים באַשאָטנט און געקילט פֿון אַ פֿריש אָוונט־ווינטעלע.

— ווי גוט דאָ איז!... האָט דבורהלע אָפּגעאָטעמט און גענומען מענדלס הענט אין אירע און גלייך קוקנדיק אין זײַנע אויגן געזאָגט:

— איר האָט מיך ליב, אמת?...

— קען מען אײַך נישט ליב האָבן?...

— אַלץ הייסט ליב האָבן... אין דער היים, אַז איך בין נאָך גאָר אַ קינד געווען האָבן מיך ליב געהאַט יינגלעך, בחורים, מענער, נאָר איך האָב נישט געפֿילט, אַז כ'בין געליבט, כ'האָב נאָר געוווּסט, אַז יענער האָט מ י ך ליב און א י ך בין נישט צופֿרידן געווען... מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מ'האָט מיך ליב, ווי

מ'האט ליב א שיינע בלום, רייסט מען זי ארויס און מען באצירט זיך די לאצן און דערביי שטאלצירט מען. אז א בלום באצירט... אויך דא האט מען מיך ליב, איך ווייס דאך שוין מכתמא, אז בערנארד האט מיך ליב... אבער איך וויל נישט, אז ער זאל מיך ליבן!...

— איך ווייס גאר נישט צי ער קען ליבן, —א מענטש מיט אזא גרויסן גוף און אזא קליינינקער נשמהלע... דבורהלע האט דערביי באפרייט אירע הענט און געוויזן ווי קליין ס'איז בערנארדס נשמהלע, קוים מיט די שפיצן פון צוויי פינגער אנצונעמען, דער־ביי האט זי זיך היסטעריש צעלאכט ארויסרופנדיק צענדליקער עכאס, ווי גאלדענע גלעקעלעך וואלטן פאנאנדערגעוויגט די אייננע־דרימלטע לופט פונם סודותדיקן, אין שאטנס איינגעהילטן פארק.

,— דבורהלע! — האט זיך מענדל אפגערופן — יעדער מענטש האט א נשמה, ווי קען מען א מענטשנס נשמה מעסטן?... ער איז צו מיר געווען אויפן שיף בעסער ווי א ברודער — א טאטע איז ער צו מיר געווען.

— געווען! — האט דבורהלע אונטערגעכאפט, אויך מיין טאטע האט פון אייך געהאלטן, ער האט געשעצט אייער טאלאנט, אבער דאס איז געווען...

דבורהלע האט זיך אנגענומען מיט מוט ארויסצוגעבן אלץ, וואס האט געפרעסט איר הארץ און זי האט אנגעהויבן:

— טייערער חבר — יא, איך רוף אייך טייערער חבר, האט זי זיך באלד פארענטפערט, ווייל איך פיל אז איך קען צו אייך זיין א חבר, איר פארשטייט מיך און איך קען צו אייך רעדן אפן און פריי, אלץ וואס עס דריקט מיך אין מיין הארצן... און מיר מוזן דאך ארויפרעדן; מיא הערט מיך אוים — זיי שעצן אייך נישט מער, נישט אייער חבר, נישט מיין פאטער — אייער טאלאנט איז פאר זיי ווערטלאז — אייער נשמה נעמען זיי גארנישט אין אכט... אייערע געפילן פאראכטן זיי — ווייסט איר פארוואס? — דבורה־לע האט זיך צוגערוקט נענטער און מענדלען געסודעט אין אויער אריין: — זיי האבן דערפילט דעם טעם פון דער מטבעה, און די מטבעה גלאנצט און פארבלענדעט אזוי די אויגן אז מען קען שוין

נישט זען קיין מענטשן... זיי זעען נישט מער קיין מענטשן... נאָר געלט, געלט, און געלט...

ווען איר צעגיסט אייער נשמה אויפן פידעלע, קלינגען זיי מיט זילבער און פאר זיי איז דער זילבער־קלאַנג זיסער ווי די קלאַנגען פון אייער פידעלע. אזא וועלט!... אמעריקע!...

מענדל האָט אויפגעהויבן זיינע בליקן און דערזען אין דבורה־לעס אויגן, ווי פריש געפאַלענער טוי, פערלדיקע טראָפּנס — טרערן.

— זיי רופן אייך שלים מזל, ווייל איר קענט נישט פעדלען... איר קענט נישט אָפּשטעלן קיין מענטשן אין גאַס. איר קענט זיך נישט וואַרפן פרעמדע לייט אין די אויגן, איר קענט נישט צושטיין, איר קענט דאָס נישט...

— זאָגט, וואָס זאָל איך טאָן? — האָט זיך מענדל גרינצווייג מיטאמאָל א ריס געטאָן פון אָרט — איך וועל אייך אלין פאָלגן, אזוי ווי אין מיין היים האָב איך געפאָלגט מיין מוטער; איך בין דאָ עלנד; זייט צו מיר א מוטער!

— טוט אלץ וואָס איר קענט, און זייט אזוי ווי זיי, ווייל אויב נישט — און דבורהלע האָט אָפּגעהאַקט.

— וואָס, אויב נישט? — שרעקט זיך נישט, קיין שלעכטס נישט, נאָר איך מיין אז דאָ איז אמעריקע, איר מוזט זיין אזוי ווי אלע...

— צעברעכן מיין פידעלע? — האָט מענדל גרינצווייג אויס־גערופן היסטעריש און א צאַפּל געטאָן.

— באַרואיקט זיך, טייערער חבר, קיינער מיינט דאָס נישט; אדרבא שפּילט, גיסט אויס אייער האַרץ אויפן פידל, סיי־ווי וועל איך אייער פידעלע און אייך מיטפילן, ווי א מאמע.

א לאַנגע פויזע האָט געהערשט, בעת צוויי הערצער האָבן מיט א אויגן־שפּראַך גערעדט דאָס וואָס די ליפּן רעדן נישט.

ווי די בוימער־בלעטער סודן זיך אין ווערטער, אזוי דערציילן זיך אויגן אין א ווערטער־שפּראַך, וועגן געפילן וואָס פליסן פון איין האַרץ צו דעם אנדערן...

דבורהלע האָט מיטאמאָל איבערגעריסן די געדריקטע שטיל־קייט:

— נו, קומט, עס ווערט שפּעט; איך האָב צוגעזאָגט אז איך

וועל זיין צו אייך א מאמע און איר וועט מיך פאלגן ווי א מאמען...

שווייגנדיקע האבן זיי זיך אומגעקערט אהיים, ווען די פעדער זענען שוין געווען צוריקגעקומען, דאס מאל, פון א שלעכט געפעדלטן טאג.

מענדל גרינצווייג איז אריין צו זיך אין צימער, זיך א וואר‍ף געטאן אויפן געלעגער און זיך גענומען ווייטער צום לייענען וועגן דעם טראגישן גורל פון האמסונס „וויקטאריא", אבער ווידער האט אים א טומל פון יענער זייט וואנט געשטערט דאס לייענען. ער האט געהערט שמעון דארנבוימס קוויטשיק קול: — מיט וועמען? —

— מיטן שלים מזל?!

אן אנגעברוגזמטער, אן א „גוטן אוונט" איז בערנארד אייזענבערג אין צימער אריין, האסטיק הינטער זיך פארקלאפט די טיר, זיך א ווארף געטאן אויפן בעט אין די קליידער און מיט א ברום:

— צום טייוול!... הארט איינגעשלאפן.

מענדל האט נאך עטלעכע מאל געהערט פון יענער זייט וואנט דאס ווארט: „שלים מזל" און באלד נאכדעם, דאס באקאנטע שטילע שלוכצן.

— אפשר זענען זיי גערעכט — האט ער נאכגעטראכט, איך בין א שלים מזל...

— זאל איך ווערן אזוי ווי זיי?... וועל איך דאך שוין נישט זיין קיין שלים מזל... אוים שלים מזל... א מענטש, א פעדלער... פארדינען געלט... שפארן געלט... וואס מער שפארן געלט...

מענדל גרינצווייג איז איינגעשלאפן און געזען אין חלום, ווי מטבעות טאנצן ארום אים א קאראהאד און קלימפערן, אויסזינגענדיק מיט זילבערנע און קופערנע קולות דאס איינטאניקע, אומעטיקע, הארץ־פרעסנדיקע ליד: — שלים־מזל! — שלים מזל! — שלים מזל!

פערטער קאַפּיטל.

פ ר אָ ג ר ע ס.

צווישן די אימיגראַנטן האָט מען אָנגעהויבן רעדן וועגן בערנארד אייזנבערגן און שמעון דאָרנבוימען, אַז זיי האָבן זיך „ארויסגעאַרבעט". פּטור געוואָרן פון פּעקל און געוואָרן לייט

זיי האָבן שוין געעפנט אין צענטער שטאָט א „דעספּאַטישאַ" און די פּעדלער קומען צו זיי נאָך פּעקלעך און טראָגן זיי זעקלעך געלט...

אין האָטעל אויפן דאך, אין די אָרימע באַראַקן האָבן זיי שוין נישט געדאַרפט וווינען. זיי האָבן זיך שוין געקענט פּאַרגינען וווינען מיט מעבל, ווי „ארויסגעאַרבעטע" מענטשן אין דער גאַלדענער מעקסיקע.

בערל האָט דער ערשטער פאַרלאָזן דעם דאך. פאר אים איז עס גרינגער געווען: איין מענטש, האָט ער פאר זיך געדונגען א צימער ביי א מעקסיקאַנער פאַמיליע בזול אין די נויטיקסטע מעבל: א טישל, צוויי שטולן, א שאַפע און א בעטל, האָט ער געקויפט אויפן מאַרק און זיך געפרייט:

— פּטור געוואָרן פון דאך! עס וועט מיר קאָסטן ביליקער, בעסער לעבן און — שפּאָרן געלט; דערצו נאָך פּטור געוואָרן פון דעם קעסט־קינד!...

זיין חברשע ליבע. האָט זיך פאַרביטן אין א אומבאַגרענעצטן האַס. ער האָט דערפילט, אַז מענדל גרינצווייג שטייט אים אין וועג צו געווינען דבורהלעס האַרץ. מיט די עלטערן איז ער שוין פאַרטיק, אָבער איר ווייס ער נישט ווי אזוי צו געווינען, ער קען נישט געפינען דעם שליסל צו איר האַרץ...

דערצו האָט אים, ווי א פּעלז דעם וועג פאַרשטעלט, איר היי־כע ליבע צו דעם שלים מזל.

ער איז געקומען אויף זיין שותפס חתונה, וואָס איז באשטאַ־נען פון דריי אויסמעבלירטע צימערן, מיט פיינע מתנות פאַר דבורהלען, אָבער זי האָט זיי צוגענומען נאָר, ווי מען טוט א העפ־לעכקייט; קאַלט, אַז א ריר פון הארץ... ער האָט דאָס געפילט און דאָס האָט אים ווי געטאָן... ער האָט איצט געליטן פון דבורהלעס קאַלטער באציאונג צו אים, מער ווי פון דעם הונגער, עלנד און הילפלאָזיקייט אין די ערשטע טעג פון זיין אָנקומען אין דעם פרעמדן לאַנד.

ער האָט זיך ווידער דערפילט עלנד, דערשלאָגן, פאַרצווייפלט, ווי אין יענע ערשטע טעג.

עס האָט אים נישט באקומען זיין געלט, וואָס איז וואָס א טאָג געוואָרן מער; עס האָט אים נישט באקומען זיין באקוועם לעבן, נאָכן אָפּפינצטערן אומענדלעך לאַנגע טעג אויפן דאָר־באַראַק; עס האָט אים אפילו נישט באקומען דער אָנזען צווישן די אימיגראַנטן, וואָס האָבן געשמייכלט צו אים, בעתן איינקויפן זייערע בעקלעך; עס האָט אים גאָרנישט באקומען ווען ער האָט געזען, ווי די יונגע שטראַלנדיקע דבורהלע האָט פאַר אים נישט קיין פונק פון צערט־לעכקייט, קיין שמייכל, קיין וואַרים וואָרט...

נאָכמער האָט עס אים געפייניקט, אַז ער האָט געוווסט אַז מיט דעם „שלים־מזל" באגעגנט זי זיך, שמייכלט צו אים, מיט אים שפּאַצירט זי, פאַר אים האָט זי וואַרימע ווערטער, אים ליבט זי...

די עלטערן האָבן דבורהלען געשטראָפט, זיך געבעטן ביי איר מיט גוטן; גערעדט מיט בייזן, ביז עס איז זיי דערעסן געוואָרן און זיי האָבן פאַרשוויגן.

— וואָס קען מען טאָן, אַז דאָס מיידל איז פאַרעקשנט? — האָט זיך שמעון דאַרנבוים ווי א שולדיקער, פאַרענטפערט פאַרן שותף.

בערנאַרד אייזענבערג פלעגט שווער אָפּזיפצן און הילפלאָז שווייגן, זיין האָפנונג אויף דבורהלען האָט ער אָבער נישט אויפ־געגעבן.

ביי זיך אין הארצן האָט ער געטראַכט, אַז עס וועט קומען

דער טאָג און זי וועט זיין זיינע: דערוויל דאַרף מען פּראָגרעסירן, נאָך און וואָס מער...

ער האָט גענומען וואָס ווייטער אַלץ מער אַרבעטן, נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן, נאָר איינגעשפּאַנט זיך ווי אַן אָקס אין יאָך, וואָס מער געלט זיך צו שאַפן, וואָס רייכער, אָנגעזועגער, און מעכטיקער צו ווערן און דאַן וועט מען זען, ווער עס וועט זיך מיט אים קענען פאַרמעסטן.

די לאַגע אין אייראָפּע איז נאָך דער מלחמה ערגער געוואָרן, האָט מען אויסגעוואַנדערט ווהין דאָס אויג האָט געטראָגן; זענען צו די מעקסיקאַנער ברעגעס געקומען כסדר שיפן מיט נייע אימי־גראַנטן, נייע פּעדלער, נייע פּעקל־נעמער, ביי בערנאַרד אייזענ־בערגן און שמעון דאַרנבוימען. די „דעספּאַטשאָ" פון אייזענבערג און דאַרנבוים איז געוואַקסן און דער קאַפּיטאַל האָט זיך ביי די שותפים געמערט, זייער אָנזען איז געשטיגן, זייער לעבן איז גע־וואָרן באַקוועמער פון טאָג צו טאָג, פון וואָך צו וואָך, פון חודש צו חודש, און פון יאָר צו יאָר.

צווישן די אימיגראַנטן האָט מען שוין אָנגעהויבן צו שאַצן זייער קאַפּיטאַל אין די גאָר. גאָר הויכע ציפערן און די שאַצער האָבן זיך ווי אין א געוויסער איבערגעשטיגן, און די פאָנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט.

זענען אייזענבערג און דאַרנבוים אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון די אָרימע אימיגראַנטן ווי מיליאָנערן, שיר נישט ווי ראָטשילדס... א קליינינקייט, אזא גרויסע „דעספּאַטשאָ", אזעלכע אַבאַראַטן, אזעל־כע וווינונגען אין די שענסטע קאָלאָניעס, מיט אייגענע קאַבשעס...

האָט מען צו בערנאַרד אייזענבערגן און שמעון דאַרנבוימען אָנגעהויבן צו קומען נאָך טובות: גמילות חסדים, סובסידיעס, ביי־שטייערונגען און נאָך און נאָך אזעלכע זאַכן מיט שיינע, קלינגענ־דיקע נעמען, וואָס האָבן אויסגעביטן מטבעות אויף כבודים, חני־פות, הויכע טיטלען, ווי „סעניאָר", „דאָן", „מעצענאַט" און נאָך און נאָך...

האָט מען געדאַרפט גרינדן א שול צום דאַווענען, ברענגען א שוחט און א ספר תורה און נאָך אַנדערע כלי קודש וואָס יידן

דארפֿן האָבן. איז מען געקומען צום סעניאָר דאַרנבוים; א פֿרו־מער ייד א פֿילאַנטראָפּ, א מענטש מיט א יידיש האַרץ, ווי וועט ער עס אָפּזאָגן?...

און שמעון דאַרנבוים האָט נישט אָפּגעזאָגט, נאָר מיט איין תנאי, ער זאָל האָבן די דעה, ער דאַרף וויסן, האָט עס געהייסן, ווהין דאָס געלט גייט.

האָט מען געדאַרפֿט שאַפֿן א קלוב, א יידישע ביבליאָטעק, א דראַמאַטישן קרייז, איז מען געקומען צום סעניאָר אייזענבערג, א וועלטלעכער מענטש, א וווילגעלערנטער, א קולטור־מענטש, א מע־צענאַט, ווי וועט ער עס אָפּזאָגן?... און בערנאַרד אייזענבערג האָט נישט אָפּגעזאָגט, נאָר מיט איין באַדינג, ער זאָל האָבן דעם קאָנ־טראָל, ווייל ער וויל אז עס זאָל זיך פֿירן ריכטיק.

ווען א שולע איז מען געקומען צו ביידע שותפים; א שולע, וווּ יידישע קינדער זאָלן ווערן דערצויגן ווי יידן, דאָס איז אלעמענס א ענין — האָבן ביידע שותפים געגעבן שיינע נדבות אויף א שו־לע, און יידישן גייסט: דאָס הייסט, מען זאָל לערנען סיי תורה, סיי וועלטלעכע למודים, און ביידע שותפים זענען אריין אין קאָמיטעט, דאָס איז געווען דער איינציקער קאָמיטעט, וווּ ביי איין טיש זענען געזעסן צוזאַמען די שותפים אייזענבערג און דאַרנבוים, און זיי האָבן זיך געפֿירט, ווי ביי זיך אין „דעספּאַטשאָ" און קיינעם איז גאָר נישט איינגעפֿאַלן צו טראַכטן, אז עס דאַרף גאָר אנדערש זיין. עפּעס פּאַרט זייער געלט!...

דער ישוב איז געוואַקסן, און עס האָט זיך געשאַפֿן אין מעק־סיקע א יידיש לעבן, מיט א שול צו דאַווענען, און א שול פֿאַר קינ־דער, א קלוב מיט א ביבליאָטעק און מענדל גרינצווייג איז געוואָרן אויס פּעדלער. ער איז געוואָרן בייטאָג דער סעקרעטאַר פֿון קלוב און אין אָוונט דער ביבליאָטעקאַר.

פֿאַרן פּרעזידענט פֿון קלוב האָט די ערשטע אלגעמיינע פֿאַר־זאַמלונג איינשטימיק אויסגעקליבן דעם סעניאָר בערנאַרד אייזענ־בערג, דער שותף פֿון דער דעספּאַטשאָ „אייזענבערג און דאַרנבוים", — אנגראָ און דעטאַל — פֿאַרקויף פֿון זאָקן, קראַוואַטן, סוועטערס, העמדער און אנדערע אַרטיקלען פֿון בעסטן קוואַליטעט און צו די ביליקסטע פּרייזן...

פינפטער קאפיטל.

אין ביבליאָטעק.

די יידישע ביבליאָטעק האָט זיך געפונען אין א זייטיקן צימער פון דעם ברחבותדיקן, פיין־אויסגעמעבלירטן קלוב.

דער ערשטער צימער איז געווען גרויס און מיט פיינע מאָלערייען אויף די ווענט, פון וועלכע עס האָבן אראָפגעקוקט די בילדער פון מענדעלען, פרצן, און שלום עליכמען.

מענדעלע דער זיידע האָט געשמייכלט צו די אייניקלעך די קונדסים, וואָס האָבן זיך ארויפגעדראַפעט אויף די מעקסיקאַנער בערג און לייענען זיין „קליאטשע". „פישקע דעם קרומען" און די „מסעות בנימין השלישי"...

עס האָט געקוקט דער גוטמוטיקער טאטע פרץ אויף זיינע קינדערלעך; ווייט פון דער היים האָבן זיי דאך הנאה פון פאָלקסטימלעכע געשיכטן. און שלום עליכם האָט אראָפגעלאָכט צו זיינע מנחם מענדלעך, וואָס האָבן זיך ארויפגעארבעט צו אזא שיינעם קלוב, וואָס אין דערהיים האָבן זיי אזעלכן אפילו אין חלום נישט געזען...

די באזוכער אין קלוב זענען געווען פון אלע מינים: אויפגעקומענע גבירים און עמך־לייט; יונגע, זארגלאָזע, שטיפערישע און אויך פארחלומטע. וואָס פלעגן פארבייגיין דעם גרויכן זאל מיט די געמאלן אין בילדער אויף די ווענט און די ווייכע שטולן אין אלע ווינקעלעך און אפילו דעם בופעט מיט כל־טוב און גלייך ארייגגיין אין ביבליאָטעק בייטן א בוך.

צווישן די איינגייער אין ביבליאָטעק איז אויך געווען דבורהלע, די טאָכטער פון דעם גביר שמעון דאָרנבוים, דעם שותף פון דער באוווסטער „דעספאטשאָ" — אייזענבערג און דאָרנבוים...

זי איז אויסגעוואקסן שלאנק, גראציעז און נאך שענער גע־וואָרן, רייצנדער... יונגע און אלטע האָבן איר נאָכגעקוקט, נאָר זי האָט קיינעם נישט געזען.

אין ביבליאָטעק פלעגט זי קומען שפעטער, זיך באגריסן מיט א ווארימן האנטדרוק מיטן ביבליאָטעקאר און זיך לענגער ווי אלע לייענער אויפהאלטן: זי פלעגט זוכן, נישטערן אין די קאטאלאָגן — דאָס, שוין געלייענט, דאָס, נישט אינטערעסאנט — דאָס, צו מאָד־נאָטאָן — אזוי לאנג ביז אלע לייענער פלעגן זיך פארנאנדערגיין און דער ביבליאָטעקאר מענדל גרינצווייג האָט אויף גיך פארמאכט די ביבליאָטעק און א צעשטראלטער פון פרייד, גענומען דבורהלען אונטערן אָרעם און איר אָפגעפירט אהיים.

מיטאמאל איז זי פארשווונדן געוואָרן... לאנגע הארבסטיקע נעכט איז מענדל גרינצווייג געלעגן אויף זיין געלעגער אינם צי־מער וואָס ער האָט געדונגען ביי א אימיגראנטן־פאמיליע נאָענט פון דער ביבליאָטעק און געטראכט: — וואָס זאָל דאָס באדייטן?

— יאָ, ער האָט זיך דערמאָנט — זי בלאָזט מיט קעלט; זי דערווייטערט זיך, ס'איז נישט דיזעלבע דבורהלה... נישט דאָס צארטע קינד פון מיט דריי יאָר צוריק.. מען רופט דאך איר שוין דאָראָטעא און א נאָמען זאָגט עפעס, אמאָל א סך, א סך...

אין איין קאלטן ווינטער־אוונט, האָט זיך אין ביבליאָטעק באַוויזן א שלאנקע, בלאָנדע פריילין אָנגעטאָן אין א גרויסן פוקסענעם פעלץ און אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן א גרינלעך גלאנציק, פליושן היטעלע מיט א גרויסער רויטער בלום אין דער זייט.

מענדל גרינצווייג האָט זיך צוגעקוקט — יאָ, דאָס איז זי... נאָר איר האָט געשפאנט מיט פעסטע טריט זיין געוועזענער חבר און איצט, זיין שעף, בערנארד אייזענבערג.

זי און דערנאָך ער האָבן אים קאלט באגריסט, גענומען ביי אים א ביכל, ווי מען נעמט ביי א צופעליק באקאנטן ביבליאָטעקאר און זיי זענען אוועק מיט דער זעלבער קאלטער באגריסונג, ווי זיי זענען געקומען...

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט מענדל גרינצווייג אנגע־

הויבן נאָכטראַכטן. — איז דאָס אמת?... און ער האָט זיך אין דעם מאָמענט דערמאָנט, אז ער האָט געזען אויף איינעם פון אירע פינ־גער א רינג, מיט א שטיין, וואָס האָט געפינקלט מיט פארשייד'ענע קאָלירן פייערלאַך...

זיין קערפּער, ווי מיט בליי אָנגעגאָסן, איז שווער אראָפּגע־פאַלן אויפן שטול און דעם קאָפּ אָנגעלענט אויף די הענט. האָט ער געהעשעט: — איז עס די וואָר?... איז עס נישט קיין חלום....

מיטאמאָל האָט עפּעס פאַר אים א בליאַסק געטאָן און אים אינגאַנצן פאַרבלענדעט; ער האָט אויפגעהערט צו זען די ביליאַ־רעק און אלץ ארום איז פארשוואונדן...

ער האָט פעסט פארמאַכט די אויגן, אָבער דער בליאַסק האָט זיך אים אריינגעריסן אין די פארמאַכטע אויגן אריין און צו זיינע אויערן האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן א טעמפּער גערויש פון א מאַשין...

זעקסטער קאפיטל.

א חלום.

אין יענער נאכט האט מענדל גרינצווייג געזען א משונהדיקן חלום, עס הערן זיך קלאנגען פון מוזיק, און באלד דערנאך, קלאנגען פון מטבעות.

און א געראנגל קומט פאר, צווישן די צווייערליי קלאנגען. דער געראנגל גייט אן ארום א צארטער לאזור־נשמה, וואס שוועבט אין די וואלקנס און די קלאנגען ווילן די נשמה פאנגען אין זייער נעצן.

באלד ווערן די קלאנגען פארוואנדלט אין געשטאלטן, די מוזיק־קלאנגען גיסן זיך צענויף אין א לויטערער, וויברירנדיקער געשטאלט, וועלכע מען רופט אן מיטן שיין קלינגנדיקן נאמען ארפעאן.

די מטבעה־קלאנגען גיסן זיך צענויף אין א שווערער, מאסיווער מעטאליצנער געשטאלט, וועלכע מען רופט אן מיט האמעטנעם נאמען מאמאן.

צווישן זיי שוועבט א געשטאלט, וואס איז פארוואנדלט געווארן פון יענער אין דער לופט־שוועבנדיקער נשמה. די געשטאלט איז א זוניקע, שטראלנדיק דורכזיכטיקע, פלאטערט ווי א זומערפייגעלע און לייכט ווי הימל־לאזור.

דעם געשטאלט רופט מען מינערווא.

גייט אן א ביטערער געראנגל צווישן ארפעאן און מאמאן ארום דער מינערווא.

יעדערער פון זיי ווענדעט אן זיין גאנצע ריזן־קראפט איר צו פאנגען אין זיינע נעצן, און גרויסע מחנות האט הינטער זיך אד־

פעַז און גרויסע מחנות האָט מאמאַן, און שווער פאַרביטערטע קעמפן ביידע מחנות.

זייער קאַמף איז נאָר אין חלל און מיט פאַרטויבנדיקע קלאַנגען, ווי זיי וואָלטן זיך איינס דאָס אַנדערע וועלן איבערשרייען און באַזיגן. פלאַטערט מינערוואַ און צאַפּלט זיך הילפלאָז, אָט פאַלט זי אויף איין זייט, אָט אויף דער אַנדערער זייט.

מענדל גרינצווייג וויל אויסשרייען מיט אַלע כוחות:

— מינערוואַ, קלייב אויס די אמתע קלאַנגען פון אָרפעאַן, פאַרלאָז דעם פאַלשן קלאַנג פון מאמאַן, אַנטלויף, ראַטעווע זיך!..

אָבער ער קען נישט, זיין האַלז איז פאַרשטיקט, קיין שאָרך נישט אַרויסצולאָזן.

ער וויל אַנטשטיין, זיך וואַרפן אין קאַמף אויף אָרפעאַנס זייט און ער קען נישט, ער איז מאַכטלאָז; ער איז געשמידט אין קייטן...

עס ציטערט זיין האַרץ: — וועט זיגן מאמאַן?... וועט באַזיגט ווערן אָרפעאַן? — וועט געפאַנגען ווערן מינערוואַ?...

א באַגאַסענער מיט אַנגסטן און מיט א קאַלטן שווייס האָט ער זיך אויפגעכאַפּט. ווען אין דרויסן איז שוין געשטאַנען א זוניקער טאָג...

זיבעטער קאַפּיטל.

אַ נגידישע חתונה.

די דאָרנבוימס זענען שוין נישט געווען יענע אָרימע, דער־שלאָגענע אימיגראַנטן, פון מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען זיי האָבן געוווינט אינם באַראַק אויפן האָטעל־דאָר; זיי זענען שוין געווען נגידים און האָבן געוווינט אין אַ גרויסאַרטיקער היים, אין דער אַריסטאָקראַטישער ,,קאָלאָניאַ ראָמאַ״; דאָרט איז פון שמעונען געוואָרן דאָן חימאָן, פון זיין פרוי זלאַטע, דאָניאַ סאַבינאַ. פון דבורהלען, סעניאָריטאַ דאָראָטעאַ, פון מירעלען, שוין אַ מיידל פון זעכצן יאָר, אַ שוואַרץ חנודיקע, שלאַנקע, מיט גרויסע, שוואַרצע, פאַרחלומטע אויגן — סעניאָריטאַ מאַריאַ, און פון משהלען, שוין אין צענטן יאָר, אַ שילער פון פערטן קלאַס אין דער יידישער פאָלקס־שול, איז געוואָרן צוויי: — משהלע אין שולע, און מאָויסעס — אין דער היים...

ביי די דאָרנבוימס אין דער היים איז שוין קיין שפור נישט געבליבן פון די אַלטע זיטן פון דעם קליינעם שטעטעלע אין וואָלין.

די שפּאַנישע שפּראַך האָט אין דער נייער היים פאַרשטויסן דעם אַלטן יידיש־לשון.

אפילו דער יידיש וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביי די עלטערן, ווי אַ ירושה, פון וועלכער מען קען זיך נישט באַפרייען, איז אויך געוואָרן ווי אַ בעשפּרענקלט קלייד, פאַרמישט מיט זייער אַ סך שפּאַנישע ווערטער, מיט אַ וואָלינער יידישן אַקצענט — די קינדער אָבער, האָבן שוין אינגאַנצן פאַרוואָרפן די שפּראַך, וועלכע האָט זיי דערמאָנט די דחקות פון די ערשטע אימיגראַנטן־יאָרן.

עס האָט דאָך נישט געפּאַסט פאַר די נייע שכנים צו רעדן מיט דער שפּראַך פון דער אָרימער יענער זייט ים...

זייער אַריסטאָקראַטיש לעבן האָבן זיי אָנגעהויבן אויף דער שפּראַך, וואָס האָט געקלונגען אַרום זיי, אין די הייזער, גערטנער, בולוואַרן און טעאַטערן: שפּאַניש.

אַנשטאָט בײַטן יידישע ביכער אין דער יידישער ביבליאָטעק, האָט אָנגעהויבן אַרײַנצוקומען ביי די דאָרנבוימס אין הויז דער שפּאַנישער ראָמאַן, רעקאָמענדירט דורך די נייע פרײַנט פון דער אַריסטאָקראַטישער קאָלאָניע.

די מעבל אין די באַלעבאַטישקייט האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון דער סביבה, דעם קאָלאָניאַלן סטיל, וואָס איז דאָן אַרײַן אין דער מאָדע.

שווערע טישן, שטולן און שאַפעס האָבן אָנגעפילט די גרויסע רייכע צימערן. ראָמאַנטיש־קאָלאָניאַל זענען געוואָרן אײַנגעאָרדנט די שלאָף־צימערן פאַר די עלטערן, פאַר די טעכטער און פאַרן קינד; יעדעס שלאָף־צימער מיט זיין שטייגער מעבל, אַלץ אין קאָלאָניאַלן סטיל.

רייכקייט און לוקסוס האָבן אַראָפּגעגלאַנצט פון אַלע ווינקעלער; פון די גרויסע געשליפענע שפּיגלען אויף די ווענט, פון די קונסט־בילדער, פון די הענג־לייכטערס און ראָמאַנטישע לאַמטערן, פון די שאַפעס, הינטער גלעזערנע טירן, אָנגעפילט מיט גלאָזוואַרג, קרישטאָל, גאָלד און זילבערוואַרג און פון די טייערסטע פּערסישע טעפּיכער אויף די באָדנס. פון אַלע ווינקעלער האָט געשײַנט רייכטום, גלאַנץ און לוקסוס.

דאָס לעבן ביי די דאָרנבוימס, זייער פירונג, זייער שפּייז און זייער קליידונג, זייער באַנעמונג מיט מענטשן, זייערע וויזיטן, פאַרוויילונגען, שטייגער און זיטן, אַלץ האָט ביי די דאָרנבוימס באַקומען אַ נגידיש־אַריסטאָקראַטישן אויסזען.

שמעון דאָרנבוים האָט זיך צוגעשוירן דאָס בערדל מיט אַ פראַנצויזיש שפּיצל און אויף די אויגן האָט ער אָנגעטאָן שפּאַקולן מיט גאָלדענע ראַמלעך, כאָטש קיין דאָקטאָר האָט אים קיין ברילן נישט פאַרשריבן. עס האָט אַזוי געפּאַסט צום שטאַט; מעשה נגיד, גבאי, פילאַנטראָפּ!

געקליידעט האָבן זיך די דאַרנבוימס לויטן לעצטן שיק און נישט געשפּאָרט פון דעם בעסטן און דעם טייערסטן, אדרבא, וואָס טייערער איז בעסער...

קיין געלט האָט נישט געפעלט און וועגן עולם הבא האָט מען נישט געטראַכט... אזוי האָט אָנגעהויבן פליסן דאָס נייע לעבן אין דער אַריסטאָקראַטישער רעזידענץ פון די אויפגעקומענע גבירים און וואָס מען האָט געטון, האָט מען נישט אזוי געטון פאַר זיך, ווי פאַר לייטן... דאַראַטעא דאַרף דאָך געפעלן ווערן אין די אויגן פון דאַן בערנאַרדאָ, דעם שותף אין די געשעפטן, דעם נגיד און דעם אָנגעזעענעם כלל־טוער. וועגן מאַריאַן דאַרף מען דאָך שוין אויך טראַכטן עפּעס א תכלית און נישט אבי מיט וועמען, מיט עפּעס א שלים מזל...

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער טערמין פון דאַראָטעאס התונה.

די ערשטע זאַך האָט מען אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט דער גאַרדעראָב. איר גאַרדעראָב און דערנאָך פון דער גאַנצער פאַמיליע; מען דאַרף זיך דאָך באַווייזן עפּנטלעך ווי די היינטיקע און נישט ווי די אמאָליקע...

האָט מען געקויפט פון די טייערסטע זיידענע, פּלושענע, סאַמעטענע און וואָלענע שטאָפן. האָט מען גענייט ביי די בעסטע שניידערס און נייטערקעס און מען האָט געצאָלט מיט דער ברייטער האַנט.

וועגן זאַל, האָט גאָר קיין פראַגע נישט געקענט זיין, אז נישט אנדערש ווי אין יידישן קלוב, ווו דער חתן דאָן בערנאַרדאָ אייזענבערג איז דער פּרעזידענט און דאַרטן וועלן קומען אַלע יידן און עס וועט טאַקע זיין א כשרע קיך אויך. דערביי האָט זיך שמעון דאַרנבוים געריבן די הענט פאַר נחת און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט:
— וועט עס טאַקע זיין אי חסידיש, אי נגידיש! — און זיך געשמאָלצן פון נחת.

— זאָל זיין אין א מזלדיקער שעה! — האָט דאַניא סאַבינא צוגעווונטשן און פון דער אלטער געוווינהייט, זיך געווישט א טרער, אין דער צייט, ווען דאָס האַרץ האָט געקוואָלן פון פרייד.

מכח חופּה וקדושין איז מען שוין דורכגעקומען פאַר א גוטער

מטבעה מיט יהודה לייב שוחט, א יונגערמאן א הויכגעוויקסיקער, מיט א פיין ארומגעשוירן בלאנד בערדל, א רעפּרעזענטאבעלער און א ביז גאר העפלעכער אין באציאונג מיט גבירים. דערפאר טאקע האט יהודה לייב שוחט שטארק איינגענומען ביי די דארנבוימס באלד פון זיין אנקומען אן, מיט עטלעכע חדשים צוריק און דורכן איינפלוס פון די דארנבוימס איז יהודה לייב שוחט געווארן שוחט, בעל תפילה און מסדר קדושין און דערצו נאך אין דער שטיל — באקומען פון די דארנבוימס פון צייט צו צייט א פיינעם מתנת יד פאר א פעטער עליה צי פאר אן אנדער שיינעם כיבוד. וואס נגיזיים האבן אזוי שמארק ליב. דערביי פלעגט יהודה לייב שוחט צושמייכלען: — רבי היה מכבד עשירים!...

אז עס האט געהאלטן ביי דער חתונה צווישן דאן בערנארדא אייזענבערג און סעניאריטא דאראטעא דארנבוים, האט יהודה לייב שוחט שוין א צייט פריער זיך געריבן די הענט פאר נחת און דערציילט זיין גיטעלען בסוד, אז עס קלייבט זיך א נדן פאר זייער בת־יחידה, פאר זייער ישרהלען...

יהודה לייב שוחט האט זיך טאקע נישט אפּגענארט. פאר מסדר קדושין זיין דאס פּארל בערנארדא און דאראטעא האט ער פון ביידע צדדים באקומען א פיינע מנה יפה, כדי ער זאל דאס מאכן מיטן גאנצן קנאק, אויפן הויכן, שיינעם קול, מיט א ניגון, אזוי ווי עס פּאסט פאר נגידים, דאס הייסט פארציען דעם א ת ה ח ת ן ו א ת ה כ ל ה אזוי, אז אלע זאלן דערשפּירן אז דאס זענען נישט אבי ווער, וואס מען מורמלט נאר אפּ ביי זיי אויף גיך און אונטער דער נאז, און „מזל טוב!" החתונה געהאט... ניין, די חתונה דארף זיין מיטן גאנצן קנאק, אזוי ווי עס פאסט פאר א נגידישער חתונה!...

מוזיקאנטן האט מען באשטעלט פון די בעסטע און סארווערס — פון דעם בעסטן רעסטאראן און בלומען, גרינע צווייגן און גירלאנדן צו באפּוצן דעם זאל און דעם טראן אויף וועלכן מען וועט באזעצן דעם יונגן פּרינץ בערנארד אייזענבערג מיט דער יונגער פּרינצעסין דאראטעא דארנבוים.

אז עס איז געקומען צו מאכן דאס צעטל, האט שמעון דארנבוים פארגעלייגט אז מען זאל אנשרייבן א בילעט פארן חתנס חבר,

מענדל גרינצווייגן, אבער בערנארד אייזענבערג האט זיך שארף קענגעשטעלט: — ווייס איך וואס, דעם שלים מזל!... און מען האט מענדלען נישט איינגעלאדן.

יהודה לייב שוחט איז דערווייל ארומגעגאנגען איבערן שטאט און איינגערוימט יעדן איינעם א סוד אויפן אויער, אז דאס וועט זיין א חתונה, וואס אזא איז נאך נישט געווען. „דאס וועט זיין אי חסידיש, אי נגידיש" האט יהודה לייב שוחט צום הונדערטסטן מאל איבערגעחזרט שמעון דארנבוימס ווערטל.

און דער טאג פון דער חתונה איז געקומען. די שטאט איז געגאנגען אויף רעדלעך. קינד און קייט האט זיך געגרייט צו דער חתונה, וואס אזא איז נאך נישט געווען.

אויף יעדן טריט און שריט האט מען זיך געסודעט:

— איר האט געהערט? — עס וועט דאך זיין, זאגט מען, „אי חסידיש, אי נגידיש".

און אין די גרויסע, עלעגאנטע זאלן פון קלוב אין וועלכן דער חתן איז געווען דער פרעזידענט, זענען שוין געמאכט געווארן אלע הכנות צו דער גרויסער, חסידיש־נגידישער חתונה.

די ווענט זענען געווארן באפוצט מיט בלומען, גרינע צווייגן און גירלאנדן. אין איין זאל איז אויפגעבויט געווארן א בינע מיט א טראן פאר חתן־כלה; אין א צווייטן זאל — א בינע פארן אָר־קעסטער, וואס איז באשטאנען פון די בעסטע מוזיקאנטן פון שטאט און אין א דריטן זאל זענען צעשטעלט געווארן לאנגע טישן מיט הונדערטער שטולן פארן גרויסן עולם געסט, כמעט גאנץ שטאט...

אין קיך איז געווען א טומל פון סארווערס, קוכערס און קע־כענס און דער שארפער ריח פון געקאכטע, געפרעגלטע, געבראטע־נע און געבאקענע מאכלים האט זיך צעטראגן איבער אלע צימערן און זיך צעגויפגעמישט אין א סימפאניע פון ריחות...

די מחותנים זענען ארומגעלאפן פארפלאמטע, געבראכט משקאות, בלומען, כלים און נאך און נאך אנדערע קלייניקייטן, אין וועלכע מען האט אלע ווילע זיך דערמאנט, אז עס פעלט...

די מוזיקאנטן זענען געקומען אויסגעפוצטע, ווי מחותנים, אין שווארצע פראקן; זייערע פנימער האבן געשמייכלט, ווי ביי מענטשן, וואס האבן דערגרייכט עפעס, אויף וואס זיי האבן לאנג אויסגעקוקט...

זיי האָבן זיך אויסגעזעצט אין א האלבן ראָד אויף דער גרויסער בינע און האָבן אָנגעהויבן צוגרייטן זייערע כלים. אָנגעצויגן די סטרונעס פון פידלען, האַרפעס און גיטאַרעס; דער נאָך פּרובירט פּאַרציען א טאָן, יעדער איינער אויף זיין שטייגער, פריי, הפקרדיק. אַן נאָטן און אַן א ניגון.

אין דערזעלבער צייט האָבן פון קיך זיך דערהערט פּראָטעסטן:

— אז פאַרטויבט זאָלן זיי ווערן מיט זייער קאַצניאַמער!...

— דאָס איז די מוזיק?!...

— זייט נישט קיין שוטה, דאָס זענען דאָך נאָר הכנות, אמער טומלען מיר...

— אירט הערן שפּעטער! האָט עמעץ באַרואיקט די אויפגערודערטע געמיטער.

די זאַלן פון דעם יידישן קלוב זענען געוואָרן העל באַלויכטן, יום־טובדיק אויסגעפּוצט און עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען געסט. פריער די עמך לייט, פּשוטע מענטשן, קבצנים און דערנאָך די נגידים, אויפגעקומענע גבירים און אויך אזעלכע וואָס האָבן געשמט אלס גבירים פון דער היים, די האָבן זיך גאָר געבלאָזן און געקוקט אויף די אויפגעקומענע פון אויבן אראָפּ.

דער קלוב איז געוואָרן אָנגעפילט מיט אַן אויפגערוימטן, יום־טובדיקן עולם. וועלכער האָט זיך באַלד צעטיילט אין באַזונדערע קלאַסן און שטאַנדן.

די רייכע האָבן זיך אָפּגעטיילט פון די אָרימע, די גבירים פון דער היים, פון די אויפגעקומענע; די אַריסטאָקראַטיע, פון די עמך לייט און די יוגנט פון די אַלטע...

ווי אויף א שיף האָבן זיך די באַזונדערע קלאַסן פאַנאַנדערגעטיילט און זיך געהיטן פון באַגעגענען זיך מיט נישט פון אייגענעם קלאַס...

גבירים האָבן זיך געבלאָזן.

אַריסטאָקראַטן האָבן געהאַלטן שטאַט.

עמך לייט האָבן געזשומעט ווי אין א בינשטאָק.

יוגנט האָט דערווייל געפלירטעוועט, ראָמאַנסירט און — זיך פאַרליבט...

די מוזיק האָט געשפּילט (שוין מיט א טאַלק), אויפגעמונ־

טערט דעם עולם און די מחותנים, דאַן סימאַן דאַרנבוים און זיין פרוי דאַניאַ סאַבינאַ האָבן מיט פריינטלעכע מינעס אויפגענומען די חשובע געסט, וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו פרעגן:

— ווען קומען די חתן־כלה?

— אָט אָט, באַלד, האָבן די דאַרנבוימס בארואיקט, שוין נישט לאַנג צו וואַרטן!

סעניאָר דאַרנבוים האָט מיט א ווייכן, זיסן קול געגלעט די נשמות פון די חשובע געסט און געפינקלט מיט די בלויע אויגן אונטער די גאָלדענעברילן.

— באַלד, באַלד מיינע טייערע!...

דאַניאַ סאַבינאַ האָט אין סאַמעט און פּליוש, באַפּוצט מיט פּערל, דימענטן און בריליאַנטן אויסגעזען, ווי אַן אויסגעשטערנטער הימל אין א שיינער זומער־נאַכט...

— באַלד, באַלד קומען זיי, אָט באַלד, מיינע טייערע! האָט בארואיקט און געמוטיקט די נאָבעלע דאַניאַ סאַבינאַ.

מיטאַמאָל האָט אין זאַל זיך באַוויזן די הויכע געשטאַלט פון יהודה לייב שוחט. זיין פּנים האָט געשטראַלט, ווען ער האָט אויסגערופן מיט א הויכן, קלינגענדיקן קול:

— אָרקעסטער, שפּילט אויף א מאַרש! עולם מאַכט א וואַרע! די חתן־כלה קומען!...

— זיי קומען! זיי קומען!! האָבן זיך געהערט קולות פון אַלע זייטן.

די מוזיק האָט אויפגעשפּילט דעם טריאומף־מאַרש פון „אַאי־דאַ", און אויפן שוועל האָבן זיך באַוויזן געאַרעמט די חתן־כלה, באַגלייט פון דער כלהס יינגערער שוועסטער, מאַריאַ און פון א גרו־פּע חברים און חברטעס פון די חתן־כלה.

בערנאַרד אייזענבערג, אָנגעטאָן אין א שוואַרצן פראַק און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן א הויכן צילינדער־הוט, האָט ער אויסגעזען ווי א אמתער פּרינץ און דאַראָטעאַ דאַרנבוים, אינגאַנצן אין ווייסן, מיט א ווייסן, טיולענעם וועלאָן אויפן קאָפּ, האָט זי אויסגעזען ווי א פאַרכישופטע פּרינצעסין פון די לעגענדעס פון טויזנט און איין נאַכט...

אירע הימל־בלויע אויגן האָבן אויסגעזען ווי טויבן און אירע

גאָלד־בלאָנדע שטראַלן אונטערן וועלאָן, ווי זונען־שטראַלן אונטער א דינעם נעפּל.

— א פּרינץ מיט א פּרינצעסין!... האָט מען געמורמלט.

— א ברכה צו מאַכן!...

— אָט דאָס הייסט חתן־כלה!

דאָן סימאָן דאַרנבוים מיט זיין פרוי, דאָניאַ סאַבינאַ זענען צו מיטן גאַנצן אימפּעט צו זייער טאָכטער. דער כלה און צו זייער שותּף דעם חתן און זיי לאַנג און האַרציק געהאַלזט און געקושט.

הינטער זיי איז געשטאַנען יהודה לייב שוחט און ווי א מאַר־שאַל, אויסגעצייגן, געוואַרט אויפן באַפעל פון זייערע מאַיעסטעטן.

די ערשטע קויש־צערעמאָניע האָט זיך געענדיקט און דאָן האָט יהודה לייב שוחט אויפן ווונק פון דאָן סימאָן דאַרנבוים, איבערגע־נומען די קאָמאַנדע.

דער מאַרשאַל, יהודה לייב שוחט האָט באַלד געגעבן א באַפעל צום אָרקעסטער ווידער אָנצוהייבן דעם טריאומף־מאַרש פון „אאידאַ״, ווע־לכער האָט זיך געהאַט אויסגעלאָזן מיטן מאָמענט, ווען עס האָט זיך אויסגעלאָזן די ערשטע קויש־צערעמאָניע פון די מחותנים מיט די חתן־כלה.

דאָן האָט ער געגעבן א צייכן דעם פּרינץ און דער פּרינצע־סין, אז זיי זאָלן מאַרשירן צום טאַקט פון דעם מאַרש און זיי האָבן אים געפאָלגט, ווייל זיי האָבן געוווסט, אז יהודה לייב שוחט איז א מייסטער פון חתונה־צערעמאָניעס.

דער צערעמאָניע־מייסטער האָט געשפּאַנט הינטער זיך, מיטן פּנים צו די חתן־כלה און אזוי טריט ביי טריט, אונטער די קלאַנ־גען פון דעם „אאידאַ״־מאַרש זיי דורכגעפירט דורך דער זאַלע פון דעם אויפגעלייגטן, יום־טובדיקן עולם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שיטן מיט קאָנפעטי און סערפּענטין, דעם פּרינץ בערנאַרד איי־זענבערג מיט דער פּרינצעסין דאָראָטעאַ דאַרנבוים צו זייער טראָן.

די פּרינצעסין דאָראָטעאַ האָט זיך אויפן באַפעל פון דעם צערעמאָניע־מייסטער געזעצט די ערשטע אויפן טראָן און איר פּרינץ האָט איר איבערגעדעקט מיט א זיידענעם דורכזיכטיקן וואוּאַל דעם פּנים און דערמיט האָט זיך געענדיקט די צערעמאָניע פון באַדעקן.

דאן האָט דער חתן, דער פּרינץ בערנארד אייזענבערג זיך גע־זעצט ביי דער זייט פון זיין כלה, דער פּרינצעסין דאָראָטעא דאָ־רענבוים, ארומגערינגלט פון די מחותנים, דער כלהס עלטערן און איר יינגערער שוועסטער מאריא און איר ברודערל מאָריסל זײַנען נאָענטע באקאנטע פון חתנס צד און דאן יוגנט, מיידלעך אין ראָזאָ־ווע טיול־קליידלעך מיט פרישע רויזן־בוקעטן אין די הענט און יונגעלייט אין שווארצע פראקן, ווי חתנים. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט, חתן־כלה, מחותנים און געסט האָבן זיך משמח געווען און זיך געווונטשן:

— מזל־טוב!...

— אם ירצה השם, ביי אייער יינגערער טאָכטער!...

— א דאנק, ביי אייערע קינדער אין נחת!...

— נאָר אויף שמחות!...

— זאָלן זיין שמחות ביי יידן!...

דער אָרקעסטער האָט אַלץ געשפּילט און געשפּילט און געסט מיט חתן־כלה און מחותנים האָבן זיך משמח געווען, געטרונקען „לחיים!“ און זיך געווונטשן.

— עס ווערט שפּעט!... האָט דער מחותן, דאָן סימאָן דאָרנ־בוים איינגערוימט אויפן אויער יהודה לייבן און דאן האָט דער צערעמאָניע־מייסטער מיט א האנט־באוועגונג געבן א צייכן צום אָרקעסטער און עס איז געוואָרן שטיל. אין דער פּאוזע פון אן אָרא־טאָר האָט זיך יהודה לייב שוחט אוועקגעשטעלט אויף א טרעפּל פון דעם טראָן, ביי דער זייט פון די חתן־כלה, וועלכע האָבן פון אים די גאנצע צייט קיין אויג נישט אראָפּגענומען:

— רבותי! האָט יהודה לייב אויסגעקלונגען מיט זיין טענאָר־שטים, וואָס האָט זיך צעשאָטן מיט ווידערקלאנגען איבער אַלע ווינקעלעך פון גרויסן פּול־געפּאקטן זאַל.

— רבותי! דער גרויסער נגיד, דער פילאנטראָפּ, דער עוסק בצרכי צבור באמונה, דער ירא שמים, דאָן סימאָן דאָרנבוים און זיין נאָבעלע פרוי דאָניא סאַבינאַ פירן אין א מזלדיקער שעה צו דער חופּה זייער גערעטענער עלטסטער טאָכטער, די יפת תואר וטובת מראה, דער איידעלער סעניאָריטאַ דאָראָטעאַ מיטן באוווסטן

גביר, דעם כלל־טוער און פרעזידענט פון אַט דעם פּראַכטפולן קלוב, סעניאָר בערנאַרדאָ אייזענבערג;

— די כלה געפינט זיך אין אַ גליקלעכער לאַגע, וואָס ביי איר זייט געפינען זיך אירע ליבע עלטערן, וועלכע וועלן האָבן די גרויסע זכיה איר צו פירן אין אַ מזלדיקער שעה צו דער חופּה!

— דאַקעגן דעם חתנס עלטערן געפינען זיך מעבר לים, וועל איך דערפאַר ברשותם און ברשות החתן החשוב והנכבד, איינלאַדן אַלס אונמערפירער זיינע בעסטע פריינט, דעם חשובן פאַבריקאַנט אין מעצענאַט, דאָן אַראָן גלוסקין, און זיין נאָבעלער פרוי, סעניאָרא ראַקעל־לואיזאַ.

צווישן עולם האָט מען זיך געשושקעט: — אהרן — רחל־לאה!... איר קענט זיי נישט?... אַט גייען זיי!

און עס האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ מיטל־יעריק פּאָרל,ביידע מיטל־געוויקסיקע, פעט־לייביקע, אויסגעפוצטע ווי די מאַנאַרכן און מיט אַ פּאָזע פון זיגער, זיך געשטעלט פאַרן פעלדמאַרשאַל, וואַר־טענדיק אויפן באַפעל.

יהודה לייב האָט געגעבן אַ צייכן און די גלוסקינס האָבן גע־נומען דעם חתן אונטערן אָרעם, בעת דער כלהס עלטערן האָבן אויף יהודה לייבס באַפעל זיך געשטעלט ביי ביידע זייטן פון דער כלה וואַרטן.

דער אָרקעסטער האָט ווידער אויסגעשפּילט אַ מאַרש און די גלוסקינס האָבן געאָרעמט געפירט דעם חתן צו דער חופּה אונטער יהודה לייבס געניטער ליטונג.

באַלד איז יהודה לייב צוריקגעקומען און באַפוילן דער כלהס עלטערן: — נעמט אין אַ מזלדיקער און אַ גליקלעכער שעה און פירט אייער טאָכטער צו דער חופּה!

מיט דער זעלבער צערעמאָניע ווי מען האָט געפירט דעם חתן, האָבן איצט די עלטערן געפירט אונטער יהודה לייבס ליטונג, זייער טאָכטער דאָראָטעאָ צו דער חופּה אונטער וועלכער ס'איז געשטאַ־נען און געוואַרט איר אויסדערוויילטער, רייכער חתן, בערנאַרדאָ אייזענבערג.

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַ ריס געטאָן אין צווייטן צי־מער אריין בייצווזיין די חופּה וקדושין.

און עס איז געווען פייערלעך, צערעמאָניאַל, כדין וכדת „חסי־דיש און נגידיש", אזוי ווי יהודה לייב האָט אַלעמען צוגעזאָגט אין נאָמען פון רב שמעון דאַרנבוים, דעם נגיד, פילאַנטראָפּ און ירא־שמים.

די עלטערן האָבן זיך מיט דער כלה זיבן מאָל ארומגעדרייט ארום דעם חתן. יהודה לייב שוחט האָט אויפן הויכן, קלינגענדיקן טענאָר אויסגעזונגען די זיבן ברכות, געגעבן פון א גלעזל ווייַן צו טרינקען די חתן־כלה און נאָכדעם ווי דער חתן האָט אָפּגעזאָגט דעם „הרי את" און אַנגעטאָן דער כלה דעם קדושין־רינג, האָט ער האַס־טיק א טרעט געטאָן אויפן גלעזל, ווילכן יהודה לייב האָט אים גע־וואָרפן צו די פיס און צעטראָטן מיטן געפיל ווי ער צעטרעט זיין שונא, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג צו זיין גליק...

— מזל־טוב! — מזל־טוב! --- מזל־טוב!...

און האַלדזן און קושן פון אַלע זייטן האָבן פאַרענדיקט די אָפיציעלע צערעמאָניע און דאַן איז מען געגאַנגען צו די טישן צום מאַלצייט, כיד המלך: פאַרשידענע פאַרשפייזן, פליישן; געבראָטע־נעס געקאָכטע, געפרעגלטע, עוף אָדער שניצל, וואָס איינער האָט געוואָלט. געטראַנקען: ליקערן, קאָניאַקן און שאַמפּאַניער, האָבן זיך געגאָסן ווי וואַסער און דער אָרקעסטער האָט כסדר געשפּילט, און כאַרווערס אין ווייסן האָבן ארומגעשוועבט און באַדינט, סערווירט, געהנפּעט... און די מחותנים זענען געווען אין זיבעטן הימל און די חתן־כלה האָבן געשיינט, און דער עולם האָט געקוואַלן, ווער אויף אַ אמת, און ווער ווייל „עס פּאַסט אזוי"...

נאָכן מאַלצייט האָט אויף יהודה לייבס באַפעל, א מחנה סאַר־ווערס צעכאַפּט די טישן און פלאַץ געמאַכט פאַרן עולם צו טאַנצן...

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און יונג און אַלט האָט זיך איינגעפלאָכטן אין א טאַנץ לכבוד חתן־כלה.

שפּעט אין דער נאַכט, האָט יהודה לייב שוחט, שוין בגילופנ־דיק אויף א שטיינער, זיך צעלאָזט מיט לידלעך, וואָס ער האָט גע־הערט אמאָל אין די וואַרשעווער טעאַטערן „ביי מיר ביסטו שיין, דו ביסט מלא חן" און פאַרענדיקט מיט א הילכיקן: חתן־כלה מזל־טוב!.. און ס'האָט פון הונדערטער העלזער זיך געריסן דאָס שטור־מישע, פריידיקע חתונה־געזאַנג: חתן־כלה מזל־טוב!... אי, אי, אי,

חתן־כלה מזל־טוב!... און ווידער אמאָל און ווידער אמאָל: חתן־כלה מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!...

אין דערזעלבער צייט האָט אין די טונקעלע אלייען, קעגנאיבער דעם נייעם פּאלאַץ, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אלס רעזידענץ פאר דער נייער פאמיליע אייזענבערג, געוואנדערט א שאָטן...

דער שאָטן האָט זיך באהאלטן אונטער א בוים אין געווארט אויפן מאָמענט, ווען דאָס פּאָרל בערנארד און דאָראָטעא וועלן קומען אין דעם פּאלאַץ אריין אלס מאן און ווייב.

— אָט קומען זיי!... אָט שטייגן זיי אוים פון זייער פּראכטפולן אויטאָ!... אָט איז זי... א מלאך... מיין מלאך... אין די אָרעמס פון דעם גראָבן נפש!...

ווען די שווערע טויערן פון דעם פּאלאַץ האָבן זיך פארמאכט, און אינעווייניק זענען געבליבן גליקלעכע, ווי א פּרינץ מיט א פּרינצעסין אין א לעגענדארישן פּאלאַץ, בערנארד און דאָראָטעא, האָט פון דער טונקעלער אליי, אז עלנדער, דערשלאָגענער, אויסגעלאָכטער, מענדל גרינצווייג אויפגעהויבן א האנט, געבייזלט אין א פויסט צום פּאלאַץ, וואָס האָט זיך גדלותדיק געטורעמט צום אויסגעשטערנטן און מיט א ווייכן לבנה־שיין, באגאָסענעם הימל...

אכטער קאפיטל.

עולים ויורדים.

דאָס לעבן איז ווי דער ים; עס הויבן זיך און פאלן זיינע כוואליעס אין דער ים גייט ווייטער און ווייטער זיין אייביקן וועג. דאָס לעבן איז דער ים, און די מענטשן, זיינע כוואליעס. הייבן זיך, און פאלן... עולים ויורדים...

באלד נאָך דער חתונה, האָט בערנארד זיך אָפּגעטיילט פון זיין שותף, זיין שווער שמעון דאָרנבוים און געמאכט שותפות מיט זיין אונטערפירער גלוסקין, א זאָקן־פאבריק; בייזע צינגער האָבן גערעדט:

— עס פאסט אים שוין נישט, דעם דבר אחר, צו האָבן פאר א שותף זיין צעקנייטשטן שווער, שמעון דאָרנבוים...

— געוואָרן ביי זיך גרויס, אז מען קען שוין גאָרנישט רעדן צו אים...

— עט־עט א קליניקייט, אז אויפגעקומענער גביר!

— געקימען פון דער היים אַז א סענט — נישט געהאט וואָס אפצועסן — געוווינט אויפן דאך מיט מענדל גרינצווייגן אין א צימער.

— ער איז דאָך נישט ווערט מענדלס אַפּפאל!...

— און וואָס איז פון מענדלען געוואָרן, עס גייט ארום א רוח, נישט קיין מענטש — א שאָטן פון א מענטשן.

— פארוואָס איז ער אָבער פאָרט אוועק פון שווער?

— דער רוח ווייסט אים, ס'האָט זיך אים פארוואָלט ווערן א פאבריקאנט.

— עט ווייס ער וואָס — מע שמועסט גאָר, אז ס'איז דאָרט

ביי זיי געוואָרן א נשקשהדיקע לאָר אין דער שותפותדיקער קאַסע...

— עס האָט געפעלט סחורה...

— גייט, גייט. רעדט נישט קיין לשון הרע!. מיט די ווער־טער האָט זיך אריינגעמישט אין דעם פעדלער־געזעמל יהודה לייב שוחט און ס׳איז שטיל געוואָרן.

פאַר יהודה לייבן האָט מען זיך געהיט, מ׳האָט געוווסט אַז ער איז „זייערער" א מענטש.

דעם אמת, פאַרוואָס בערנאַרד אייזענבערג איז אוועק פון שווער האָט קיינער נישט געוווסט, בערנאַרד אליין האָט דאָס נישט דערציילט און זיין שווער האָט אָנגענומען א פולן מויל מיט וואַ־סער און געשוויגן, כאָטש אין הארצן איז ביי אים געוואָרן א וווּנד; אליין צו פירן א געשעפט איז ער צו שוואַך, שוין נים קיין יונגערמאַן און זיך עפּעס אָנגעליטן אין זיינע יאָרן, נאָר — פאַר־פאַלן...

אין עק שטאָט, אין פאַבריקן קוואַרטאַל איז אויסגעוואַקסן א גרויסע געמויערטע געביידע, מיט א גרויסן שילד:

„פאַבריק פון זאַקן: גלוסקין — אייזענבערג".

די געביידע איז באַשטאַנען פון צוויי שטאָק. אונטן — די פאַבריק. אויבן די קאַנטאָר און די לאַגערן.

צווישן צוויי לאַנגע שורות מאַשינען, ביי וועלכע עס זענען געזעסן איבערגעבויגן יונגע מיידלעך און געצויגן פעדים מיט ביידע הענט און באַוויגן פּאַלאַנקעס מיט ביידע פיס און די אויגן נישט אויפגעהויבן אויף קיין מינוט פון דער ארבעט, האָט זיך ארומגע־דרייט בערנאַרד אייזענבערג און הנאה געהאַט ווי די מאַשינען קלאַפּן צום טאַקט פון זיין באַפעל:

— זאָקן — זאָקן — זאָקן — וואָס מער זאָקן!

א צופרידענער שמייכל האָט זיך ברייט צעליגט איבער זיין פעטן פּנים. מיט א זיידן טיכעלע האָט ער אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און האָט אָפּגעזיפצט ביי דער דערינערונג פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן...

דאָר, האָט ער געטראַכט, האָב איך דערגרייכט... און באַלד

איז א צווייטער געדאנק אים געקומען אין קאָפּ און אים שוין נישט אפּגעלאָזט:

— ניין, דאָס איז נאָך נישט אַלץ!... איך מוז נאָך דערגרייכן!...

זיין שותּף גלוסקין פלעגט זעלטן ווען קומען אין פאבריק אריין. גלוסקין האָט שוין פון א סך יאָרן געהאט א פאבריק פון נאָז־טיכלעך און מיט דער פאבריק זיינער איז ער געווען ווי צוזאמענגעוואקסן, זיך נישט צו שיידן.

האָט ער דערפאר אין דער נייער שותּפותדיקער פאבריק אריינגעזעצט זיינעם א מענטשן, דובינסקין, וועלכער איז געזעסן א גאנצן טאָג אין קאנטאָר מיטן פליכעוואטן קאָפּ אריבערגעבויגן איבער גרויסע, שווערע ביכער און געשריבן ציפערן, אריין, ארויס, סוף מירט און צוגעשטעלט באלאנסן זיינע באלעבאטים.

נאָכן ערשטן מאָנאט־באלאנס האָט שוין אייזענבערגן אָנגעהויבן עגבערן אין מח א פּלאַן אליין צו ווערן דער אייגנטימער פון דער גרויסער פאבריק, וואָס גיט אזעלכע גוטע רווחים.

— יאָ. האָט ער עטלעכע מאָל איבערגערעדט אין געדאנק -- איך דארף אליין ווערן דער באלעבאָס פון דער פאבריק!... ווי אזוי?... די צייט וועט ווייזן!...

בערנארד אייזענבערגס רייכע רעזידענץ איז גאָר גיך געוואָרן דער צענטער פון דער אריסטאָקראטיע אָדער „גביראָקראטיע”, ווי לצים האָבן אָפּגעלאכט פון די אויפגעקומענע גבירים, וואָס האָבן אין זכות פון זייערע דערוואָרבענע פארמעגנס, זיך געהאלטן פאר גאַנצע אריסטאָקראטן און די איינציקע דעה־זאָגערס אינם קהלשן לעבן.

יעדן אָוונט זענען אינם גרויסן, העל־באלויכטענעם זאל, ארום א גרויסן, מיט כל־טוב באדעקטן טיש, געזעסן מענער און פרויען פון פארשיידענעם עלטער, אלע זאָרגלאָזע, צופרידענע, ווייל דאָס לעבן האָט זיי געגעבן מיט א ברייטער האנט... זענען זיי געזעסן ביי א גלעזל טיי מיט צובייסן און האָבן געשפּילט א קערטל, מיטן איינציקן ציל צו פּטרן די איבעריקע פרייע צייט און אויב מען האָט דערביי געוווּנען אָדער פארלוירן אביסל געלט, האָט עס א וועדט?...

די שטענדיקע „הענט” ביי א קערטל זענען געווען די גלוסקינס, בערנארדס אונטערפירער און דערנאָך שותּפים; סעניאָר אדאָלף

גאָלדשטיין, א מיטליעריקער פעסט־געבויטער גאַליציאַנער ייד, א פּאַבריקאַנט פון אונטערוועש, ער מיט זיין ווייב, א געוועזענער טענ־צערין אין פּאַריז און דוד וויסבערג, א פעט־לייביקער מאַן פון א יאָר זעכציק, וועלכער האָט דערציילט, אז ער לעבט אויפן חשבון פון א רייכן זון אין אמעריקע. אָט די זענען דאָס געווען די שטענ־דיקע „הענט״ צום קערטל אין בערנאַרד אייזענבערגס רעזידענץ; עס זענען אָבער פון צייט צו צייט צוגעקומען אויך אנדערע פּאַר־שוינען, אָבער אַלץ פון דעם זעלבן מין... אַלץ אַזעלכע, וואָס האָבן זיך שוין אַרויפגעדראַפּעט אויפן לייטער, ווער העכער און ווער ני־דעריקער און ווער ס׳האָט ערשט געהאַלטן אין קלעטערן נאָך נישט זייענדיק גאָר זיכער צי ער וועט נישט צוריק אַראָפּפאַלן...

ביי איינעם אַזאַ קערטל האָט בערנאַרד אייזענבערג געוווּנען ביי זיין שותּף א שפּאָרע סומע געלט און בייזע צינגער האָבן שוין גערעדט, אז א קאַץ איז דורכגעלאָפן צווישן די שותּפים...

דעם אַלטן, שמעון דאַרנבוים האָט אָנגעהויבן צו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ. פון זינט זיין שותּף און איידים, בערנאַרד איי־זענבערג האָט אים פאַרלאָזן, האָט ער צו זיך נישט געקענט קומען.

— סטייטש? א מענטשן געשטעלט אויף די פיס, אים א נאָ־מען געמאַכט און אים זיין טייערסטן אוצר אוועקגעגעבן, זיין דבורהלען, זיין אויג אין קאָפּ!... און ווען דער אַלטער שמעון דאַרנבוים האָט זיך דערמאָנט אַז זיין טאָכטער, וועלכע דערקענט שוין נישט קיין טאַטע־מאַמע, האָט ער טיף אָפּגעזיפצט. אין האַרצן האָט אים שוין באַנג געטאָן אויפן גאַנצן עסק.

—איינגעקויפט זיך אין יחוס! — האָט ער אָפּטמאָל מיט ווייטיק איבערגערעדט און זיין ווייב פלעגט אים דערביי שטאַרק קוקן אין די אויגן און שווייגן.

די געשעפטן האָבן אָנגעהויבן צו גיין ביי דאַרנבוימען אַלץ ערגער און ערגער. וועקסלען זענען צוריקגעקומען מיט פּראָטעסט און דאַרנבוימס קרעדיט האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען.

שלעכט! שלעכט!... האָט דער אַלטער געזיפצט אין די לאַנ־גע, אומעטיקע אָוונטן. מירעלע פלעגט זעלטן זיין אין דער היים, עס פלעגט הייסן אז זי גייט צו דער שוועסטער...

רופט זיך אפ איין מאל שמעון דארנבוים צו זיין ווייב: — הער אוים זלאטע! (צווישן מאן און ווייב זענען זיי אליץ געבליבן שמעון און זלאטע) — מען דארף א טראכט טאן וועגן א תכלית פאר אונזער מירעלען, א מיידל פון זיבעצן יאר אין דעם לאנד...

— איך וואלט דיר געזאגט מיין מאן — האט די אלטע גע־ענטפערט מיט איר באזאכטן שכל — אז מען דארף א טראכט טאן וועגן מענדלען; א יידישער בחור, אט נעמט מען אים דאך פאר א לערער...

— אזוי, ער ווערט א לערער?

שמעון דארנבוים האט זיך ווי פון שלאף אויפגעכאפט. הייסט דאס אז בערנארד איז אים דאך נישט קיין שונא, ווייל אן בערנארדס צושטימונג, וואלט ער דאך נישט אנגעקומען... אזוי... — אזוי?...

אין די רייד איז אנגעקומען מירעלע, א אנגעברוגזטע, א פאר־פלאמטע און געבעטן: — עסן, גיכער!...

— וואס איז טאטער, וואס איז די איילעניש, וועסט פאר־שפעטיקן די באן? זעץ זיך מ׳וועט דיר געבן עסן.

די מאמע האט דערלאנגט הייסע קאווע מיט צובייסן און זיך געזעצט אנטקעגן דער טאכטער און איר געפארשט מיט די בליקן, ווי וועלנדיק מיט דער אויגן־שפראך, דערגיין דעם סוד פון איר טאכטערס געדאנקען...

מירעלע האט די אויגן נישט אויפגעהויבן; איר גאנצער וועזן כמעט א קינד נאך, האט קאנוולסיוו געציטערט, נאר די דינע לי־פעלעך פעסט פארשנירלט, א ווארט נישט ארויסצולאזן.

שמעון דארנבוים האט זיך אנגענומען מיט מוט און זיך גע־ווענדעט צו דער טאכטער:

— מירעלע, וואס וועט זיין דער תכלית? ביזט דאך שוין נישט קיין קינד...

מירעלע האט נישט דערטרונקען די קאווע, נישט דערשלונגען דעם ביס אין מויל, זיך א ריס געטאן פון ארט, און אויסגעשריגן היסטעריש:

— וואס ווילט איר פון מיר? איר ווילט מיך פארשלייערן ווי דבורהן?!...

— חלילה, דוקא פארקערט. פאר דיר זוכן מיר א מענטשן!

— יאָ, דעם מ ע נ ט ש ן נישט דאָס געלט... האָבן די עלטערן אויפגערעגט אָפגעענטפערט.

מירעלע איז שטיין געבליבן פארטראכט, געקוקט די עלטערן אין די אויגן אריין, געפרוווט ליי‏ענען זייערע געדאנקען.

— וועמען מיינט איר? — האָט זי געפרעגט — זאָגט קלאָר!

— גרינצווייגן!

— יואָב, מיט דעם שלים־מזל זאָל איך חתונה האָבן? כא־כא־כא...

— וואָס טוט זיך מיט דיר, מירעלע, דו האָסט דאָך געחלומט־יועגן א מענטשן, דעם מ ע נ ט ש ן האָסטו דאָך געזוכט, די נום און נישט די שאָלעכטס; נישט דעם גוף, נאָר דעם גייסט, דעם שיינעם גייסט... האָט די מאַמע א פארצווייפלטע זיך גענומען בעטן.

— נו, איז שוין ביי אייך מענדל גרינצווייג דער שיינער גייסט, נישט בערנארד און זיין קאָמפּאַניע, אזוי גאָר, כא־כא־כא!...

— קינד מיינס — האָט זיך די מאַמע געבעטן — פארוואָס רעדסטו אזוי?

— איר האָט דאָך גרינצווייגן אין מיינע אויגן פארמיאוסט!

— איר האָט דאָך אים אָנגערופן „שלים־מזל” איר, איר!...

— אָבער מענטשן בייטן זיך דאָך! — האָט שמעון דארנבוים ארגומענטירט.

— אויב אזוי, האָב איך זיך געביטן!...

— וואָס הייסט דאָס?!

— דאָס הייסט, אז היינט זענט איר די „פאַנטאַזיאָרן”, איר שוועבט אין די וואָלקנס, ווי איך אַמאָל... א גוטע נאַכט!!

מירעלע איז פארשוווּנדן אין איר צימער אריין און איר עלטערן זענען געבליבן זיצן פארצווייפלטע, קיין וואָרט נישט ארויס־לאָזנדיק פון די ליפּן. עס איז געווען ביי די דארנבוימס א לאַנגע, שלאָפלאָזע נאַכט.

די אַלטע, זלאַטע דארנבוימס איז ווי אן אָנגעווייטיקטע מאַמע אויפגעשטאַנען באַגינען מיט רויטע אויגן פון שכילן, אין זיך פאר־שטיקטן געוויין און זיך צו טרייסטן אין איר פּיין, האָט זי גענומען

אויף די הענט איר מישהלען, א פארשלאפענעם, אים שטארק גע־דריקט צום הארצן און זיין קעפל באגאסן מיט הייסע טרערן.

— אירע ליבן האבן געשעפטשעט: — משהלע, זאל איך כאטש פון דיר נחת האבן... איר מאמעס הארץ האט נישט קיין גוטס פארגעפילט.

אויף מארגן איז עס געשען.

ווען שמעון דארנבוים מיט זיין פרוי זענען אין אוונט אהיימ־געקומען פון זייער „דעספאטשא", האבן זיי זייער מירעלען שוין נישט געפונען; אין שטוב און אויפן טיש איז געלעגן א צעטעלע מיט מירעלעס האנט געשריבן. טאטע־מאמע האבן געלייענט און געגאסן טרערן:

— טייערע עלטערן, זוכט מיך נישט, ווייל איר וועט מיך נישט געפינען, זייט געזונט, איך מוז אייך פארלאזן, איך האב אנ־דערש נישט געקענט. א דאנק אייך פאר אלץ, זייט געזונט.

אייער מירעלע.

די אלטע טאטע־מאמע האבן קריעה געריסן און שבעה געזעסן נאך זייער קינד, וואס איז פון זיי פארשוואונדן אן א שפור און זיי האבן עיין נישט געהאפט ווען עס איז זייער קינד צו זען, אזוי ווי זי וואלט שוין נישט עקזיסטירט.

פריינט האבן באדויערט.

שונאים האבן זיך געפרייט.

מירעלע דארנבוימס איז אוועק מיט א שפאניער...

ניינטער קאפיטל.

דער שפּאַניער.

אַ הויז הייבט זיך אָן בויען פון דעם פינצטערן קעלער, דערנאָך הייבן זיך אויף וואָס ווייטער אַלץ העכערע שטאָקן מיט פענצטער צו דער ליכטיקער זון און מיט אַן אויסבליק צום הימל.

די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן איבער אַ פינצטערן תהום, ביז עס האָט אַ דונער געטאָן די געטלעכע שטים פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן: „יהי אור!" און עס איז געוואָרן ליכטיק.

אַזוי איז געווען דער אָנהייב פון דער וועלט, אַזוי איז דער אָנהייב פון דעם בנין פון אַ נייעם ישוב. צוערשט איז פינצטער, דערנאָך גייט אַרויס די זון און פאַרטרייבט די פינצטערע שאָטנס אין די קעלער־לעכער אַריין פון וואַנען זיי זענען געקומען, בעת עס איז געווען פינצטער.

שרעקלעך איז די נויט. שרעקלעך, ווייל נויט פּייניקט דעם גוף און נאָך שרעקלעכער, ווייל נויט פּייניקט אויך די נשמה. אין די זומפּן פון דער נויט ראַיען זיך די געפערלעכסטע, העסלעכסטע מיקראָבן, וואָס פרעסן אויף דעם גוף צוזאַמען מיט דער נשמה. שרעקלעך איז אויך דער איבערגעזעטיקטער ווילטאָג, וואָס צעברעכט אַלע צוימען, ווי אַ וואַסער, וואָס צעשטערט די דאַמבעס און פליצט אומגעצוימט און פאַרניכטעט אַלץ וואָס עס באַגעגנט אין וועג.

נאָך שרעקלעכער איז, ווען עס באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים ביטערע נויט, וואָס טרייבט צו פאַרצווייפלונג מיט פאַרשייטן ווילטאָג, וואָס טרייבט צו וואַנזין!

אַזוי איז דער אָנהייב.

איר והושך משתמשים בערבוביה...

ליכט אנטקעגן פינצטערניש אזוי נאנט. אז עס מישן זיך צענויף שטראלן מיט שאטנס אין א משונהדיק־ווילדן געוועב, דאס איז דער אנהייב.

די וואס האבן געזוכט ליכט, זענען אריינגעפאלן אין דעם פינצטערן תהום.

אזוי האט עס פאסירט ביים ממושטשן, אין ליכט און פינצ־טערניש איינגעהילטן אנהייב.

אין דעם אנגערויכערטן קאפע־הויז — „ווענוס", פול מיט ליארם און שוימיקן געלעכטער, איז ארום א קיילעכדיקן מארמאר־טישל געזעסן א חברה מענער, יונגע און מיטל־יעריקע, געטרונקען פון קליינע טעפעלעך שווארצע קאווע, געקלאפט אין טיש מיט מאסיווע דאמינא־ביינער און ארויסגעלאזן אירערע חלל וואלקנס פאפיראסן־רויך. זיי האבן זייערע מיט פעטס פארלאפענע אויגן צוגעשמידט צו די שווארצע דאמינא־אויגן, ווי די מעגמטשן־אויגן; מיט די אויגן אויף די דאמינא־ביינער וואלטן זיך גוט פארשטאנען...

זיי זענען אזוי א לאנגע צייט געזעסן און געשוויגן. ווי מענטשן, פארטראכטע איבער א וויכטיקן ענין. מיטאמאל האט די שטילקייט איבערגעריסן א הייזעריקע שטימע, א פילע, א דעמפיקע, ווי פון א פאס ארויס:

— בינטשיק, שטעל א ביין!

דער קול איז געקומען פון א פעטן פארשוין, א מגושמדיקן נפש אין די מיטעלע יארן; זיין פנים איז געוועזן מיט שמאלץ פארלאפן און זיינע קליינע אויגעלעך זענען ארומגעלאפן ווי מייזעלעך איבער שמאלץ, אויסגעקרימטע לעבער.

א ביין האט א טעמפן קלאפ געטאן איבערן טיש און באלד האט נאכאמאל א ברום געטאן דער הייזעריקער, רויער קול:

— יאפאנטשיק, שלאף נישט, שטעל א ביין!

אין דעם מאמענט האט דער קליינגעוויקסיקער, אויסגעפיל־טער „יאפאנטשיק" זיך איבערגעקוקט מיט זיין שכן, דעם הייכן, אויסגעדארטן „בינטשיק" און מיט א צופרידענעם שמייכל אוועק־געשטעלט אויפן טיש א ביין.

אין א מינוט ארום האט דער פעט־לייביקער „יאפאנטשיק" ארויסגעלאזן א וואלקן רויך פון זיין דיקן ציגאר און ברייט צע־עפנט א פאר גרויע קאצ־אויגן איבער דעם ביינער זיג־זאג, וואס האט ווי א שלאנג זיך געדרייט און פארנומען דעם גאנצן דעק פון דעם מארמאר־טיש. זיין פנים האט זיך אנגעכמורעט און מיט א הארטן, באסאווען קול האט ער א בייזן ברום געטאן: — עך גיי נישט; אין דער זעלבער מינוט האט נאך א ביין א זעץ געטאן אין דעם קאלטן מארמאר־טיש און דער פריערדיקער קול פון פאס האט א כריפע געטאן, ווי פארשיכורט פון נצחון: —

— דער שפאניער געווינט, א רוח אין זיינע ביינער ארייןǃ...

אין דער חברה האט מען דעם פארשוין געהאלטן פאר א חכם, ווייל ער האט גערעדט אזוי פארשטעלט און צווייידייטיק, אז עס איז שווער געווען צו פארשטיין גענוי וואס ער מיינט און אז ער האט געשאלטן אין די ביינער אריין, האט מען עס גיצקענט אננע־מען, אז ער מיינט עס אין דעם „שפאניערס" ביינער פון דער דא־מינא אדער טאקע אין זיינע ביינער... האבן חברה געקוואלן און געהירזשעט פון זיין חכמה...

דעם פארשוין, וועלכן חברה האבן געהאלטן פאר א חכם און אפגעגעבן כבוד, שיר נישט ווי א רבין ביי חסידים, האט מען גע־רופן אייזיק און טאקע פון גרויס דרך־ארץ צו אים, האט מען אים געמאכט אן אויסנאם און מען האט אים נישט גערופן ביי קיין „צונאמען" ווי אלעמען אין דער קאמפאניע, נאר ביי זיין נאמען, אייזיק.

פון דער גאנצער חברה, האט זיך אמיינסטן איינגעקויפט ביי אייזיקן דער „שפאניער" און נישט איינער פון זיי איז אים מקנא געווען, דערפאר וואס ער איז אייזיקס ליבלינג.

זייער אפט האט מען געזען אייזיקן זיך סודען אין א זייט מיטן „שפאניער". און ס׳האט זיי גוט פארדראסן, אבער שווייגן האבן זיי געמוזט, ווייל פארן „רבין", דארף מען האבן דרך־ארץ און מיטן „שפאניער" האט מען זיך נישט געוואלט אנהייבן, ער איז דאך עפעס א יונג מיט ביינער...

אייזיק האט געהאלטן אן אויג אויפן „שפאניער", ווען מ׳האט געדארפט פארנארן אין נעץ אריין עפעס א פיין פישעלע. די אי־

בעריקע זענען געווען פּראָסטע „שוואַרצע" אַרבעטער אָבער דער „שפּאַניער" האָט געטויגט צו אַ פיינער שטיקל אַרבעט. ער איז דערצו געווען פון דער נאַטור באַגנעדיקט. זיין שיינע געשטאַלט, זיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן, זיינע פיינע מאַנירן, זיין געשליפענע צונג, אַלץ איז געווען ווי האַרמאָניש צענויפגענומען אין דער פיזיאָנאָמיע פון דעם טונקעלן פאַרשוין, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פון אַ איידעלן שפּאַניער, אַ קאַוואַליער פון דער פיינער געזעלשאַפט, אַ ליבהאָבער פון פיינע, יונגע פרויען, כדי זיי צו פאַרנאַרן אין די נעצן פון טומאה...

אויפן „שפּאַניער" האָט דער פירער פון דער „חברה" זיך געקענט רואיק פאַרלאָזן, אַז ער וועט טאָן, וואָס מען הייסט אים און ער וועט עס מאַכן אַזוי אַז קיין האָן זאָל נישט קיין קריי טאָן...

דאָס קאַפע־הויז איבער וועלכן עס איז געהאַנגען אַ גרויסע, אָפּגעבליאַקעוועטע שילד מיט אַן אויפשריפט „קאַפע ווענוס", איז געווען דער זאַמלפונקט פון דער אונטערוועלט. דאָרט האָבן זיך באַגעגנט גנבים, טמאים און אַלערליי שווינדלער.

אייזיק איז געווען די פּאָפּולערסטע פּערזענלעכקייט ביי דער חברה, אַן אים האָט זיך קיינער פון זיי נישט גערירט פון אָרט. אַלע האָבן אים געדאַרפט קוקן אין די אויגן אריין און מ'האָט אים געדאַרפט פאַרשטיין אויפן ווונק.

חברה האָט זיך געדאַרפט היטן ווי פון פייער פאַר אַ פאַלשן שריט. עס האָט זיך קיינער נישט געטאָרט מישן אין דעם אַנדערנס „געשעפטן". פאַר קריכן אויף „פרעמדע קברים" האָט מען געקענט געניזוקט ווערן. מיט „יאָלדן" פון דרויסן האָט זיך די חברה זייער אָפּט לייכט אַן עצה געגעבן, דערצו האָבן זיי שוין געהאַט זייערע „מענטשן", אָבער ווייל איז געווען צו איינעם פון דער חברה, וואָס האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ „יאָלד"... האָט מען זיך געהיטן ווי פון פייער און געקוקט דעם „רבין" אייזיקן אין די אויגן אריין, ווייל חברה האָט גוט געוווסט אַז אייזיקל האָט שוין נישט איינעם געהייסן מאַכן מיט אַ קאָפּ קירצער...

אַט די מורא פאַר „אַ קאָפּ קירצער" האָט די חברה צענויפגענומען און זיי פעסט געהאַלטן, ווי אין אַן אייזערנער רייף, וואָס

האָט פאַר א זייטיקן אויג אויסגעזען ווי א פּריווויליקער באַנד, שיר נישט ווי א אידיליע...

זיי האָבן געוווּסט, די חברה־לייט, ווי צו פאַרבלענדן נאַיווע אויגן. זיי האָבן עס געטאָן מיט זיסע רייד, מיט העפלעכקייט אי־בער דער מאָס, מיט גרייטקייט צו העלפן שוואַכע, געפאַלענע, נויט־באַדערפטיקע און ווער רעדט נאָך וועגן זיין קאַוואַליערן צו דאַמען!

זיין האָבן אויך פאַרבלענדעט נאַיווע אויגן מיט זייער אוי־בערלעכן שטאַט, מיט זייערע טייערע קאָסטיומען און מיט אי־בערגעטריבענער זויבערקייט, וועלכע האָט געגאָלטן צו פאַרשטעלן זייערע שמוציקע נשמות.

דערצו האָבן נאָך פון זייערע קראַוואַטן און פון אַלע פינגער פון די הענט אַראָפּגעבלישטשעט פינקלדיקע שטיינער, אַמיינסטנס פאַלשע, ווייל דער פאַלשער בליאַסק פאַרבלענדעט מער די נאַיווע, נישט דערפאַרענע אויגן...

אַזאַ אויסגעפּוצטער פראַנט מיטן אויסזען פון א עכטן קאַ־וואַליער איז געווען דער „שפּאַניער", וועלכער האָט אין יענעם אוונט געדאַרפט געווינען די דאַמינאָ, ווייל אייזיק האָט שוין צו אים א ווונק געטאָן פון דער זייט אין דאָס האָט געהייסן, אַז ער האָט פאַר אים א שטיקל אַרבעט.

די דאַמינאָ־שפּיל האָט זיך געענדיקט און אייזיק מיטן „שפּאַ־ניער" האָבן פאַרלאָזן דעם קאַפע „וועניוס".

מירעלע האָט פון קינדווייז אָן געשוועבט אויף די דינע פליגל פון דער פאַנטאַזיע, וועלכע האָבן איר קיינמאָל צו הויך נישט דער־הויבן, אָבער גענוג הויך אויף צו פאַלן.

נאָך דער שוועסטערס חתונה, האָט זי זיך דערפילט איינזאַם אין געזוכט וואָס שנעלער איר איינזאַמקייט צו פאַרטרייבן. קיין חברטעס וואָס זאָלן איר פאַרשטיין האָט זי נישט געפונען; די היים איז איר געווען פרעמד, האָט זי געזוכט געזעלשאַפט אויסער דער היים.

ווי א קינד מיט א פרייען גייסט, איז זי געגאַנגען ווו זי האָט געוואָלט, זי איז געווען זיכער אַז איר וועט עס נישט שאַטן.

פאַר די עלטערן האָט זי קיין רעכענונג נישט געדאַרפט אָפּ־

געבן, אויפן ערגסטן פאַל, האָט זי געהאַט אַ גרייטן תירוץ — —
ביי דער שוועסטער...

פון איין פאַרוויילונג צו דער אַנדערער, האָט מירעלע, ווי אַ זומער־פייגעלע אַרומגעפלאַטערט; ספּאָרט־קלובן, און טאַנץ־זאַלן, קאָנצערטן, טעאַטער־פאָרשטעלונגען און קינאָס. אַלץ האָט זי באַזוכט און אויף עקסקורסיעס אין די בערג פלעגט זי פאַרפאַלן ווערן אויף גאַנצע טעג, און אומעטום האָט זי אַרויסגעשיינט מיט איר פריי־גייסט... זי איז צו יעדן נייעם באַקאַנטן באַלד געוואָרן צוגעלאָזן, צו יעדן פרעמדן זיך אַנפאַרטרויט מיטן בלינדן צוטרוי צו דעם מין מענטש, אַז ער איז נישט קיין אַפּשיין פון דעם שטן, ווי די „פעסימיסטן" האָבן איר געפּרוווט איינרעדן...

— מענער?... זיי זענען דאָך מלאכים, עס פעלט זיי נאָר פליגל, און מיט איר, באַקומען זיי די פליגל אויך און זיי דאַרפן זיך נאָר מיט איר אויפהויבן און זיי וועלן שוועבן הויך איבער די וואָלקנס אין פון דאָרט אַראָפּלאַכן צו די קליינינקע וועלטעלעך. וואָס פויזן אויף גאָטס ערד און זיי רעדן זיך איין אַז זיי זענען מענטשן...

קיין חברטעס האָט מירעלע נישט געהאַט, זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר איר אומגעצוימטן פרייען גייסט.

עלטערן האָבן געהאַלטן אין אויג אויף זייערע קינדער, און נישט געלאָזט זיך צו ווייט אוועקפירן פון מירעלע דאַרנבוימס.

האָט אַמאָל פּאַסירט אַז שרהלע יהודה ליבס האָט זיך געלאָזט פון מירעלען מיטנעמען אויף אַ טאַנץ־אָוונט און געקומען אַהיים פאַרטאָג, האָט איר דער טאַטע באַגעגנט אויפן שוועל, מיט צוויי פייערדיקע פעטש, האָט זי שוין מער נישט געוואַגט...

מיט נישט־יידישע מיידלעך האָט זי זיך יאָ באַגעגנט. אָבער זיך צובינדן צו זיין האָט זי נישט געקענט, ביי זיי אין די אויגן איז זי געווען און פאַרבליבן אַ שעמעוודיקע יידישע טאָכטער... דערפאַר אָבער קאַוואַליערן האָבן איר אַרומגערינגלט ווי בינען. זי האָט זיך פון זיי נישט געקענט און נישט געוואָלט באַפרייען. אַדרבא זיי פאַרשאַפן איר דאָך פאַרגעניגן, זיי פאַרטרייבן דאָך איר אומעט, וואָס נאָגט אַזוי איר נשמה אין דער היים, וועלכע איז פול מיט זאָרגן, זיפצן און קרעכצן.

זיי, די קאַוואַליערן רעדן דאָך צו איר נאָר פון פרייליכע זאַכן,

זיי דערציילן איר וויצן און לאכן מיט איר הויך איפן קול. אפט־מאל דוכט זיך איר, אז די יונגע מענער שעצן איר זייער הויך, זיי באטראכטן איר פאר זייער פרינצעסין, זיי באשיטן איר מיט קאמ־פלימענטן, אט־אט דערקלערן זיי זיך צו איר אין ליבע... יא, זיי פארגעטערן איר...

אויף איינעם פון די טאנץ־אוונטן האט זי זיך באקענט מיט א יונגן „שפאניער" וועלכער האט זיך פאר איר פארגעשטעלט אלס דאן פעליפע גאמעס דעל קאסטיא און דער „שפאניער" האט אויף איר געמאכט א שטארקן איינדרוק מיט זיין נעטער האלטונג, זיינע שיינע מאנירן און זיין גאלאנטער געשטאלט און אויגן, אזעלכע, וואס פארכישופן פון דעם ערשטן בליק.

ער האט איר איינגעלאדן צום טאנץ און איר ישוין מער פון זיינע ארעמס נישט ארויסגעלאזט. ער האט איר באשאטן מיט קאמפלימענטן. אזא טענצערין האט ער נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געזען... אזא גראציעזע פיגור... אזא עלאסטישקייט... אזוי פיל לעבן! ביזן גרויען טאג האט זי אין יענער נאכט געטאנצט און אן אויפגעמאטערטע, הילפלאזע, איז זי אין זיינע ארימס ארייננעפאלן און ער האט איר פארגעטערט און באלד פון דעם ערשטן מאמענט איר געשוואוירן אייביקע, טרייע ליבע... דערנאך האט ער איר דער־קלערט, אז ער פארט אינגיכן אפ צוריק אין „זיין שפאניע" און אויב זי איז מסכים, נעמט ער איר מיט און ער האט פאר איר גע־מאלן „זיין שפאניע" אין ראזאווע פארבן, זי דארף נאר ענטפערן צי זי איז מסכים און — זי האט איר הסכמה געגעבן...

מיט אז אומבאגרענעצטן צומרוי האט זיך מירעלע איבערגע־געבן אין די הענט אריין, פון דעם, וועלכער האט זיך פאר איר פאר־געשטעלט פאר א שפאניער, און די נאיווע מירעלע האט נישט גע־ווסט אז דאס איז איינער פון דער חברה פון דעם קאפע, „וועגוס", די רעכטע האנט פון אייזיקל מזיק...

אויף א שיף וואס איז אפגעגאנגען פון ווערא־קרוז קיין האַ־וואנא, האבן זיך צווישן די אריסטאקראטישע פאסאזשירן פון דער ערשטן קלאס געפונען דער „שפאניער" דאן פעליפע גאמעס דעל קאסטיא מיט זיין כלה, סעניאריטא מאריא.

מיט קיינעם פון די פאסאזשירן האט זיך איר „חתן" נישט אפגעגעבן, אלעמען האט ער אויסגעמיטן — פון איר קיין אויג נישט אראפגעלאזן...

— ער איז דאך אין מיר פארליבט ביז משוגעת — האט זי געטראכט און נישט אויפגעהערט זיך צו טוליען צו אים. און אים באדעקן מיט הייסע, ליידנשאפטלעכע קושן... ביז די שיף איז אנגעקומען אין דעם מאלערישן פארט פון דער אינזל־מדינה, קובא.

עס איז געווען א הייסער, טראפישער זומער־טאג, די לופט פארשטיקט, דעם אטעם נישט צו כאפן.

אין א ווייס, דורכזיכטיק מיול־קליידל, איז פון שיף אראפ דאס נאיווע מיידל, די טרוימערן און פריי־גייסט, מירעלע דארנבוימס; זי האט געשוועבט ווי א מלאכל — און נאך איר האט געשפאנט און פון איר קיין אויג נישט אראפגענומען איר „חתן", דער „שפאניער"...

צענטער קאַפּיטל.

ביים ראַנד פון אָפּגרונט.

אראָפּ פון שיף, האָט דער „שפּאַניער" באַלד א וואונק געטאָן צו אן אויטאָ און ער איז מיט זיין „כלה" צוגעפאָרן צו א צענטראַלן, גרויסאַרטיקן האָטעל.

אריין אין האָטעל־צימער, האָט מירעלע זיך גלייך א וואָרף געטאָן אויף א סאָפקע און שווער סאָפּענדיק, זיך געווישט דעם שווייס, וואָס איז איר געראָנען איבערן האַלז, און זיך געקלאָגט:

— אזוי הייס, אז מען קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן!... ווען פאָרן מיר ווייטער? — פעליפּע, איך פיל, אז איך וועל דער־שטיקט! האָט זי זיך געצערטלט פאַר איר חתן...

— אינגיכן, מיין טייערע מאַריאַ! — האָט איר דער „שפּאַ־ניער" באַרואיקט — מאָרגן אָדער איבערמאָרגן גייט אָפּ אונזער שיף קיין שפּאַניע. אַך, וועט דאָס זיין אן אינטערעסאַנטע רייזע!...

— א לוקסוס־שיף וועלן מיר האָבן, מיט מוזיק און מיט טענץ!...

עטלעכע מאָל האָט דער „שפּאַניער" ארומגעשפּאַנט איבערן צימער און מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך ערנסט פאַר־טראַכט, א טאַפּ געטאָן זיך אין דער בוזים־קעשענע, דערנאָך אין די הויזן־קעשענעס, פריער רואיק און דערנאָך נערוועזער און נער־וועזער און פּלוצלינג איז ער שטיין געבליבן ווי א פאַרגליווערטער און ארויסגעלאָזן א ווילד געשריי:

— געוואַלד, מען האָט מיך באַגנבעט! — אַלץ, אַלץ האָט מען ביי מיר צוגענומען! דאָס גאַנצע געלט, אַלע מיינע פּאַפּירן, אַלץ, אַלץ! — געוואַלד, איך ווער משוגע!! און ווי פון זינען אראָפּ,

האט ער אנגעהויבן ארומלויפן איבערן צימער, זיך געבראכן די הענט, געריסן די האר פון קאפ און מיט די פויסטן געקלאפט זיך אין הארץ: אריין און אין איין קול געליארעמט: — געוואלד, גע־וואלד, מען האט מיר באגנבעט!!... מיט אמאל איז ער צוגעלאפן צום טיש, וואס איז געשטאנען אין א ווינקל, אנטקעגן דער סאפ־קע, וו מירעלע איז געלעגן און זיך קאנוולסיוו געצאפלט, און ווי א שווערע מאסע איז ער אראפגעפאלן אויפן שטול, דעם קאפ אויפן טיש פארווארפן און אנגעהויבן וויינען הויך אויפן קול.

מירעלע איז פלינק ווי א קאץ צו אים צוגעשפרונגען; זי האט שוין נישט געקענט מער פארטראגן זיין פארצווייפלונג; זיינע טרערן האבן איר מיט געריסט און ווי א מאמע, וואס דערזעט פלוצ־לונג איר שוואך, הילפלאז קינד אין א פארצווייפלטער לאגע, איז זי צו אים צו, אים מיט איר גאנצן כח ארומגענומען און געדריקט צום הארצן.

— שא, מיין טייערער, בארואיק זיך... האט זי געשעפטשעט און מיט די שפיצן פינגער געגלעט זיינע בלאנדע, געקרויזלטע לאקן. ער האט זיך אבער נישט געלאזט טרייסטן און מיט א פארשטיקטן געוויין געשטאמלט: — וואס —— וואס —— איך —— איצט ——טאן?... און ווייטער געהליפעט, נישט אייפהייבנדיק דעם קאפ פון טיש.

— נו שוין, וויין נישט, בארואיק זיך, זיי נישט פארצווייפלט, איך בין מיט דיר!...

ביי די ווערטער, האט דער שפאניער אויפגעהויבן זיינע פייכ־טע אויגן און מיט זיינע טריבע, פארכמורעטע בליקן געפרעגט:

— ווילסט מיר העלפן?...

מירעלע האט אינסטינקטיוו דערפילט איר געליבטנס פראגע און געענטפערט: — איך בין גרייט, מיין טייערער, אלץ צו טאן, דיך צו ראטעווען!... ביי די לעצטע ווערטער, האט מירעלע טיף אראפגעבויגן דעם קאפ, צו פארבאלטן פון איר „חתן" די שקארלאט־רויטקייט, וואס האט מיטאמאל באדעקט איר יונג־מיידלשן פנים.

אין דעם מאמענט האט זיך דער „שפאניער" בארואיקט און זיך האסטיק א הייב געטאן פון ארט און נאך עטלעכע מאל דורכשפא־נען איבערן צימער, האט ער זיך פלוצלונג אפגעשטעלט אנטקעגן מירעלען און איר לאנג געפארשט מיט זיינע שארפע, שפיזיקע בליקן.

מירעלע האָט מיט אירע מידע אויגן באַטראַכט איר העלד, וואָס האָט זיך אין דעם מאָמענט געפונען אין אַ שווערער לאַגע און אויסגעקוקט אויף איר הילף; זי, די שוואַכע, די הילפלאָזע, די עלנדע, זאָל אים העלפן און מיט איר פרויען־אינסטינקט, האָט זי דערפילט זיין אויגן־פראַגע.

— יאָ, איך וועל דיר העלפן, איך קען, איך קען טאַנצן!... און זי האָט אַפּגעהאַקט.

— יאָ, אָבער באַלעט!... האָט דער „שפּאַניער" רעפליקירט.

— באַלעט אויך! — האָט מירעלע אַנטשלאָסן געענטפערט און איר פּנים האָט צוריק באַקומען דעם נאָרמאַלן אויסזען, ווי אַ שווע־רע לאַסט וואָלט זיך אַפּגעלאָדן פון איר האַרץ און זי האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט זי צוגעגעבן: — מען זאָל מיר לערנען, וועל איך גיך פאַרנעמען, איך לערן שנעל, באַזונדערס מוז איך דאָך עס טאָן, פאַר דיר, מיין ליבער, דיך צו ראַטעווען! און זי האָט פאַרשטיקט די טרערן, וואָס האָבן זיך איר געשטעלט אין האַלז.

דער „שפּאַניער" האָט שוין געהאַט אַ געלעגנהייט זיך צו איי־בערצייגן אין מירעלעס שוואַכקייט, וואָס קומט פון איר בלינדן צו־טרוי צו אים; ער איז שוין געווען זיכער, אַז זי וועט אין פייער גיין פאַר אים. נו איצט איז אַלזאָ די צייט אַז ער זאָל באַפעלן און זי וועט ווי אַ פּריוויליקע שקלאַפין אויספילן זיינע באַפעלן; ער האָט זיך דאַן מיט לאַנגזאַמע טריט דערנענטערט צו איר און בליצנדיק מיט זיינע פייערדיקע אויגן, געפרעגט רויִק, אָבער אַנטשלאָסן:

— ווערסטו טאַנצן אין אַ טעאַטער?

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ.

— אויך אין אַ קאַבאַרעט?

און זי האָט ווידער אַן וואַקלען זיך, געענטפערט: יאָ!

— אויב אַזוי — האָט זיך אַפּגערופן מיט אַ פעסטן טאָן, דער נאָר וואָס היסטעריש געוועזענער „שפּאַניער" — אויב אַזוי, בלייב דאָ און איך וועל גיין זען מיינעם אַ באַקאַנטן עמפּרעזאַריאָ... און ער איז באַלד פאַרשוואונדן, איבערלאָזנדיק דער עלנדער מירעלען אין האָטעל־צימער, הינטער אַ פאַרשלאָסענער טיר. זי איז פאַר־בליבן איינזאַם, מיט אַן אַנגעווייטיקט האַרץ, אָבער דערפאַר, פריי

זיך אויסצווויינען, קיינער זאָל איר געוויין ניט הערן; קיינער זאָל אירע טרערן נישט זען...

א פאַרמאַטערטע איז זי אוועקגעפאַלן אויף דער סאָפקע. אין די שלייפן האָט איר שווער געקלאַפּט ווי מיט האַמערס; פון דרויסן האָט זיך געטראָגן דורכן אָפענעם פענצטער א שווערע, אָנגעגליטע לופט, דערשטיקט צו ווערן; פון איר שטערן זענען גערונען אויפן האַלז הייסע שטראָמען שווייס.

די צייט, וואָס דער „שפּאַניער" איז אוועק זוכן א טעמפּעראַטוריע, האָט זיך געצויגן, ווי אן אייביקייט, זי האָט זיך דערפילט שוואַך און איז אריינגעפאַלן אין א שווערן שלאָף.

א גאַנצן פרימאָרגן האָט די מידע מירעלע אָפּגעשלאָפן און געזען אין חלום איר היים; די פאַרקלעמטע פנימער פון אירע עלטערן, איר שוועסטער און שוואָגער פאַרטרויערטע און אפילו איר קליין ברידערל איז מיט אמאָל ווי פאַרעלטערט געוואָרן, אויף אַלעמען האָט זיך ארויפגערוקט א וואָלקן און פון זייערע פאַרשמאַכטע ליפן גייט נישט אראָפּ איר נאָמען; — מירעלע... מירעלע... הערט זי ווי זיי שעפּטשען און טרערן שטייען אין זייערע אויגן און אָט מיט אמאָל דערזעט זי זיך אלס טענצערן אין א קאַבאַרעט. ארום איר שוימט מיט פרייד, שיכּרות און אומגעצוימטע לוסט און זי שוועבט אויף די כוואַליעס פון אויפגעפראַלטן, שוימיקן פרייד, זי פלאַטערט לוסטיק, זאָרגלאָז ווי א זומער־פייגעלע און זי ווערט באַוואונדערט און אַפּלאָדירט און אָט ווערט זי באַוואָרפן מיט בלומען... קאַוואַליערן בוקן זיך צו איר, מען וואַרפט איר צו קאָמפּלימענטן... עס הוזשעט ארום איר ווי אין א בינשטאָק... מען כאַפּט איר אויף די הענט און זי ראַנגלט זיך. זי וויל זיך באַפרייען און זי ריפט מיט אַלע כחות: — פעליפּע!!

די טיר האָט זיך האַסטיק געעפנט און א הילכיקער געלעכטער האָט איר אויפגעוועקט. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט דערזען איר „חתן" אין דער באַגלייטונג פון א פרעמדן. דאָס איז געווען א ברוינהויטיקער יונגערמאַן, א שלאַנקער, מיט א קאָפּ געדיכטע פעך־שוואַרצע געקרייזלטע האָר; זיינע קליינע, גרינע אויגעלעך זענען אומרואיק ארומגעלאָפן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט

אין חלל; זיינע ברעמען זענען געווען אזוי געדיכט, אז זיי האָבן אויסגעזען ווי דעכעלעך, וואָס פאַרשטעלן די געהיימניספולע בליקן פון א זייטיקן אויג... זיין פּנים איז געווען געשטופּלט און אויסגעקרימט, ווי אין א גרימאַסע... ביי דער פּלוצלונגער אַנוועזנהייט פון דעם משונהדיקן פרעמדן איז מירעלען געוואָרן נישט היימלעך און זי האָט מיט שטומע בליקן געזוכט ביי איר „חתן" א באַדייט פון דער רעטעניש...

— מאַריאַ, זיי באַקאַנט, דאָס איז דער באַלעט־מייסטער פון דעם אַריסטאָקראַטישן קאַבאַרעט „עראָס", איינער פון די שענסטע פאַרוויילונגס־פּלעצער אויף דעם אינזל.

מיט א קאַלטן שמייכל און מיט א פאַרבאָרגענעם חשד איז האָרצן, האָט מירעלע באַגריסט דעם פרעמדן און זיך אויפגעהויבן פון סאָפקע, אויסרייבנדיק זיך די פאַרשלאָפענע אויגן. דער „שפּאַניער" האָט איר ווייטער דערקלערט מיט א זיסן שמייכל אויף די ליפּן, אז „עראָס" איז דער שענסטער אַמוזירונגס־פּלאַץ. ווו עס קומט זיך צונויף די בעסטע געזעלשאַפט.

— איר וועט האָבן ביי אונז א גלענצנדע קאַריערע, פרוילין!

— האָט מיט א העפלעכן נייג צוגעגעבן דער באַלעט־מייסטער.

— אַלזאָ, גיי מיט דעם מאַן, מאַריאַ! — האָט דער „שפּאַניער" מיט א פעסטן טאָן באַפוילן און באַלד דערנאָך צוגעגעבן מיט דער האַנט אויפן האַרצן: — אויף מיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט!...

— איך מוז זאָפאָרט גיין אין פּאָליציי מעלדן וועגן דער גנבה, איך בין דאָך געבליבן אָן פּאַפּירן, מוז איך דאָך דערווייל אַרויסנעמען פּראָוויזאָרישע דאָקומענטן, אין דעם לאַנד טאָר א פרעמדער זיך נישט געפינען קיין איין מינוט אָן דאָקומענטן, דאָס איז זייער געפערלעך!

— יאָ און איך דו טאָרסט זיך לאַנג נישט אויפהאַלטן, ווייל דער אַנסאַמבל וואַרט!...

— געוויס, דער אַנסאַמבל וואַרט! — האָט דער באַלעט־מייסטער באַשטעטיקט און דערביי אַרויסגענומען פון דער וועסטל־קעשענע א גרויסן גאָלדענעם זייגער.

— אָ, עס ווערט שפּעט!

— גיכער! — האָט דער „שפּאַניער" צוגעאיילט, בעת מי־

רעלע איז אויפגעשטאנען, זיך צורעכט צו מאכן צו גיין מיטן פרעמדן אויף גאַס באראַט, אויף דער פאראנטוואָרטלעכקייט פון דעם מאַן, צו וועלכן זי האָט זיך פארטרויט מיט אן אומבאגרענעצטן, בלינדן צוטרוי...

מירעלע מיט איר „התן" זענען שנעל אראָפּ פון די טרעפּ אין דער באגלייטונג פון דעם פרעמדן פארשוין, וועלכער איז איר גאָר נישט געווען צום הארצן, עס האָט איר אָבער געקלונגען אין די אויערן איר צוזאָג:

— איך וועל טאָן אלץ, אלץ דיך צו ראטעווען!

און גאָר האָט מירעלע קיין צייט נישט געהאַט זיך ארומצוקוקן, ווי דער „שפאניער" איז פון איר פארשוואונדן געוואָרן...

— ווו איז ער? — האָט זי אומרואיק געפרעגט איר נייעם, אימבאקאנטן באגלייטער,

— ער איז אוועק אין פאָליציי, ער האָט דאָך דיר געזאָגט: אז ער דארף ארויסנעמען דאָקומענטן. זיי גיכער פריילעך, וואָס האָסטו זיך פארטראכט. עס וואַרט דאָך דער אנסאמבל!

מירעלע האָט שוין נישט געהאַט קיין מוט זיך צו ווערן, ווען דער פרעמדער מענטש האָט איר פשוט מיט כח ארייַנגעזעצט אין אן אויטאָ, וועלכע האָט באלד אָנגעהויבן צו פליען, ווי א פייל פון בויגן אויף אומבאקאנטע, ווילד־פרעמדע וועגן.

אין די אויערן האָבן איר אָפּגעקלונגען צענדליקער עכאָס פון איר צוזאָג:

— איך וועל טאָן אלץ, אלץ דיך צו ראטעווען!!!

מיטאמאָל איז מירעלען געוואָרן שווער, ווי א שטיין וואָלט זיך איר געלייגט אויפן הארצן, איר געפרעסט און געדריקט, דערשטיקט צו ווערן. זי האָט בשום אופן נישט געקענט באגרייפן. וואָס מיט איר קומט פאָר. איז עס א בייזער חלום? אָט זיצט זי אין א פארמאכטן אויטאָמאָביל מיט א מאַן, וועלכן זי זעט צום ערשטן מאָל און דער אויטאָמאָביל טראָגט זיך מיט דער גאנצער קראַפט און זי ווייסט נישט וווהין... יאָ, דער מאַן איז איר גאָרנישט סימפאטיש און אפילו פארדעכטיק...

— ווער קען ער זיין, דער פארשוין און וווהין פירט ער מיך?

— האבן מירעלעס ליפן געשעפטשעט.

— זאל עס זיין אז איר חתן האט איר איבערגעגעבן אין שלעכטע הענט?...

— איז עס מעגלעך?...

— האט אים אפשר דערצו געטריבן די נוים?...

און מירעלע האט זיך ווידער דערמאנט אז איר צוזאג:

— איך וועל טאן אלץ, אלץ דיך צו ראטעווען!!!

בייזע מחשבות זענען איר באפאלן, ווי די בייסיקע מאסקיטן און איר געפייניקט, משוגע צו ווערן...

— ניין, נישט אין קיין מזלדיקער שעה בין איך פון דער היים אוועק! — האט איר אנגעהויבן באאומרואיקן א ביטער געפיל, צום ערשטן מאל זינט זי האט איר היים פארלאזן און אוועק מיט א אומבאקאנטן מענטשן, בלויז דערפאר, ווייל ער האט איר מיט זיי־נע דורכדרינגענדיקע בליקן פארכישופט...

— ווער איז ער דער שפאניער, איך קען דאך אים גארנישט!...

האט זי צום ערשטן מאל אנגעהויבן איבערטראכטן און בישלעכוויין, בישלעכוויין האט איר בלינדער צוטרוי צום אומבאקאנטן, אין וועלכן זי האט זיך אזוי שנעל און לייכטזיניק פארליבט, זיך אנגעהויבן פארוואנדלען אין חשד, וואס האט ווי א בייזער ווארים אנגעהויבן נאגן איר פארווונדעטע און ביזן גרונט באליידיקטע נשמה.

— וווהין איז ער פלוצלונג פארשוואונדן?

— וווהין טראגט איר איצט דער אויטא מיט אזא טייוולא־נישער שנעלקייט?...

זי האט געוואלט שרייען, רופן הילף, אבער זי האט זיך דער־פילט אזוי דערשלאגן, מוטלאז, שוואך... יא, האט זי זיך דערמאנט. זי האט דאך נאך היינט אין איר מויל אפילו קיין ביסל וואסער נישט געהאט... זי האט דעם ערשטן מאל דערפילט דעם ביטערן טעם פון עלנד, הילפלאזיקייט און דערצו — הונגער און דורשט...

אין הארצן האט איר ביטער גענאגט, איר צונג האט זיך איר געקלעפט צום גומען און אין קאפ האט געשווינדלט... רעדער האבן זיך פאר אירע אויגן געדרייט, זי האט געפילט, אז זי חלשט און נישט ווייסנדיק ווי אזוי דאס איז געשען, האט זי פלוצלונג געעפנט

די אויגן און זיך דערזען אין די אָרעמס פון אַ פרעמדן, אַפּשיילעכן מאַן. אַ קאַלטער שוידער האָט זיך איבער איר שוואַכן, מידן פּנים צעגאָסן און ס'האָט זיך פון איר אַנגעווייטיקטן האַרצן אַרויסגעריסן אַ פאַרצווייפלטער, היסטערישער געשריי: — מאַמע! אָבער אין דעם מאָמענט האָט זי דערפילט אַ מענער־האַנט אויף איר מויל און דער אויטאָ איז נאָך האַסטיקער געלאָפן באַרג אַראָפּ, ווייט אַרויס פון שטאָט, ווייט פון מענטשן, אויף ווילדע, וויסטע, פרעמדע וועגן...

— שריי נישט!.. האָט איר דער פרעמדער געשעפּטשעט אין אויער אַריין — מיר פאָרן אויף געפערלעכע וועגן און דיין געשריי קען אַמאָל פאַרטומלען דעם שאָפער און דאַן זענען מיר פאַרלאָרן!...

מירעלע האָט זיך בישלעכוויז באַרואיקט.

— ניין, האָט זי אין דער שטיל געשעפּטשעט, איך מאָר וועגן מיין חתן נישט טראַכטן קיין שלעכטס...

מיט אַ נערוועזער האַנט־באַוועגונג האָט זי פאַרטריבן פון זיך די בייזע מחשבות צוזאַמען מיט די מאָסקיטן, וואָס האָבן איר נישט אויפגעהערט צו פייניקן פון זינט זי איז פון שיף אַראָפּ אויפן הייסן, טראָפּישן אינזל.

— ער איז אין אַ נויט, האָט זי געטראַכט און זי איז גרייט פאַר אים צו טאָן אַלץ, אים צו ראַטעווען, אָבער פאַרוואָס ציט זיך אַזוי לאַנג דער וועג?... שוין ווייט פון שטאָט אַרויס... מען זעט שוין נישט קיין מענטשן... נאָר פון ביידע זייטן ווייט, ווייט, וווהין דאָס אויג דערגרייכט, ציען זיך וויסטע, פאַרלאָזענע פעלדער וואָס זעען אויס אַזוי אומעטיק, מעלאַנכאָליש ביים זון־אונטערגאַנג. אפשר, ווייל איר געמיט איז אַזוי?...

מיטאַמאָל האָט זי דערזען איבער אַ ברייט פעלד, ביים ראַנד פון אַ הויכן, משופּעדיקן באַרג, אַ מחנה מענטשן, וואָס האָבן אויס־געזען פון דערווייטנס ווי מוראַשקעס; האַלב־נאַקעטע, מיט איבער־געבויגענע קערפּערס און מיט גרויסע מעסערס אין די הענט שניידן זיי צוקער־קאַניעס.

אַ ביטער געפיל האָט ווידער אָנגעהויבן צו פייניקן איר האַרץ אָבער שוין נישט איבער איר גורל, נאָר איבער דער לאַגע פון איר „חתן", וואָס געפינט זיך אין אַ נויט, ווער ווייס, צי וועט ער נישט זיין געצוווּנגען צו ווערן איינער פון די טויזנטער, וואָס פאַרביטערן

זייער לעבן ביי דער שקלאפעריי, כדי מענטשן זים צו מאכן זייער געטראנק און זיי זאלן הנאה האבן פון גאטס וועלט!...

— ניין, האט איר באלד א צווייטער געפיל רעפליקירט און איינגאנצן בארויקט דאס שווערע געמיט, דאס קען נישט זיין! דערפאר האט זי דאך אים באווארנט. זי האט דאך אים צוגעזאגט אליין, אליין צו טאן אים צו ראמציוען פון נויט!... און דאס וועט דאך לאנג נישט דויערן, האט זי זיך געטרייסט, זייער ציל איז דאך די שיינע, ליכטיקע, מיט זון־באגאביענע שפאניע!... ביי דעם געדאנק האט זיך א שמייכל צעלייגט איבער איר בלייבן, אויסגעמאטערטן פנים.

— אבער פארוואס ציט זיך אזוי אומענדלעך לאנג דער וועג?... האט איר ווידער א בייזער געדאנק ווי א ווארים אנגעהויבן טאטשען די נשמה. זי האט ברייט צעעפנט די אויגן און געזען דורכן אויטא־פענצטערל א שטיק הימל אין א שקארלאט־רויטן טיול איינגעהילט און פון דער אנדערער זייט, אין א טונקל וויאלעטענעם טוך פאר־וויקלט. ערגעץ אין א ווינקל צווישן די בערג באהאלט זיך די זון און ווינקט מיט אירע לעצטע שטראלן האפנונג, אז עס וועט מארגן ווידער זיין טאג, אבער דערווייל דערנענטערט זיך די אין שאטנס איינגעהילטע נאכט.

שאטנס, ווי בייזע געשפענסטער צעלייגן זיך אויף די בערג. עס ווערט טונקל, קאלט און א טיפער אומעט פרעסט די נשמה...

דער אויטא קרעכצט און לויפט מיטן גאנצן אימפעט; שניידט דורך בערג און טאלן, פעלדער און אויסגעפלאסטערטע וועגן מיט וויסטע פלאכן פוןביידע זייטן און אט הויבן זיך איבער די קעפ מוראדיקע, ווילדע, נאקעטע פעלזן.

איר הארץ האט זיך אין קראמפן פארקלעמט און טרערן פון עלנד און הילפלאזיקייט האבן איר געשטיקט אין האלז. בגנבה האט זי געכאפט א קוק צו איר פרעמדן באגלייטער און זיך געשטארקט. עס זאל א פרעמדער נישט זען מירעלע דארנבוימס טרערן...

מיטאמאל איז דער אויטא ארויף אויף א הויכן בארג־שפיץ און פון דארט האט זיך געעפנט א טיפער, פינצטערער אפגרונט.

מירעלע האט אינסטיקטיוו פארמאכט די אויגן, נישט צו זען דעם אפגרונט, וואס האט זיך פאר איר געעפנט, ווי א קבר...

מיד פון לאנגן, שווערן וועג, פון אנגסטן און הונגער איז זי

איינגעשלאָפֿן און ווען זי האָט דערוואַכט האָט זי דערזען דורך די אויטאָ־פענצטערלעך אַן אויסגעשטערנטן הימל, וואָס האָט זיך שטיל מעלאַנכאָליש פאַרשפּרייט איבער אַ רואיק, דרעמלענדיק שטעטעלע און אָט האָט זיך דער אויטאָ אָפּגעשטעלט פאַר אַ נידעריק, כמעט ביז דער ערד איינגעהויקערט שטיבעלע און איר באַגלייטער האָט איר געשעפּטשעט אין אויער אַריין: — דאָ איז עס...

דאָס שטעטל איז געווען פאַרזונקען אין שלאָף און אויבן אין דעם טונקעלן, פאַרחלומטן הימל האָבן מיליאַרדן שטערן זיך געכּודעט וועגן מענטשן, וואָס רוען נאָך אַ שווערן, מיט שווייס באַגאָסענעם אַרבעטס־טאָג אויף גאָטס ערד...

פון די קליינע, איינגעהויקערטע שטיבעלעך האָבן דורך פּיר־עקיקע פענצטערלעך זיך אַרויסגעריסן בלייכע ליכט־פּאַסן פון קליינע נאַפט־לעמפּעלעך, ביי וועלכע מען האָט געקענט זען מענטשן זיי שטומע שאָטנס, צענויפגעטוליעטע אַרום טישלעך, טרינקענדיק הייסע קאַווע און צוזאַמען מיט זייער קאַווע, פאַרטרינקען זיי זייער פּיין.

אַרום איז געווען שטיל, טויט־שטיל ווי אויף אַ פאַרכישופטן אינזל...

נאָר אין עק פון שטעטל, וווּ דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער איינגעהויקערטער כאַטקע, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס נאַכט־לעבן פון די, וואָס האָבן זיך געפילט באַליידיקט פון דעם גורל זייַן, האָבן אין ביטערן טראָפּן און תאווה געזוכט צו פאַרטרינקען די צרות...

אָט פאַר דער פאַרלעגענער, אָרימער, קליין־שטעטלדיקער, נאַכט־כאַווערנע האָט זיך אָפּגעשטעלט דער אויטאָ אין וועלכן דער „באַלעט־מייסטער" האָט געפירט מירעלען צו איר ערשטן דעביוט אין דעם תהום פון דעם געזונקענעם לעבן...

פאַרן טיר פון דער טאַווערנע איז געהאַנגען אַ רויט לעמפּל און דורך מיט לאַדנס פאַרמאַכטע טיר און פענצטער האָבן זיך געריסן אין דער נאַכט אַריין קולות קוויטשיקע און קולות האַרטע, הייזעריקע, באַגלייטע פון אַ אומעטיקער, מאָנאָטאָנער מאַניץ־מוזיק.

מירעלע האָט געשפּאַנט פאָרויס מיטן נייגער אין די אויגן צו זען דאָס, וואָס זי האָט נאָך אין איר לעבן פאַר די אויגן נישט געזען. עס האָט אין איר נשמה זיך צעצאַפּלט דאָס בלעטעלע פון איר

קינדערשער, צערייצטער פאנטאזיע. זי האט אלץ געוואלט זען, אלי־
יוסן... אבער באלד ווי די טיר האט זיך פאר איר געעפנט, האבן
טונקעלע רעדער זיך אנגעהויבן דרייען פאר אירע אויגן, ווי אינ
ועג, וועז זי האט זיך דערזען ביים ראנד פון דעם טיפן, פינצטערן
אפגרונט. זי האט דערפילט, אז זי פאלט און אינסטינקטיוו האט זי
זיך אנגעשפארט אן איר באגלייטער, וועלכער האט איר געהאלטן
פעסט אין זיינע הענט און איר דורכגעפירט דורכן צימער, וואס
האט געברויזט מיט אומגעצוימטער לײדנשאפט, שיכרות און הפקרות.
זי איז אויף עטלעכע טרעפלעך ארויף און צום ערשטן מאל געבליבן
שטיין מיטן פנים צום הפקרדיקן נאכט־לעבן...

מירעלע האט מיט אלע כחות זיך געשטארקט און ברייט צע־
עפנט די אויגן. זי האט דערזען ביי א שוואכן עלעקטרע־שיין, צווישן
וואלקנס פאפיראסן־רויך אין א טומל פון מענער און פרויען־קולות
זיך שארנדיקע פארלעך אונטערן קאמפאס פון א אומעטיק־מעלאנ־
כאלישער, איינטאניקער מוזיק... די מענער, ארימע, א טייל פון זיי
גאר יונגע, קינדער כמעט, פארשיכורטע ביז צום פארגעסן זיך אין
אלץ און אלעמען און אין דער וועלט. וואס רינגלט זיי ארום און
איז צו זיי אזוי אכזריותדיק קאלט, ווי א שטיף־מאמע צו עלנדע
יתומים... די פרויען, אויך נאך גאר יונגע, אבער פריצייטיק אפגע־
לעבטע, אן שאנד און אן לעבנס־לוסט אין זייערע אויסגעלאשענע
אויגן...

זייערע פארחלשטע פנימער, באשמירטע מיט ביליקע פארבן;
די באקן רויט ווי די שקארלאט־רויטע אונטערגייענדיקע זון; ארום
זייערע אויגן, רעדער שווארצע ווי די נאכט־שאטנס; די ליפן —
פייערן פון גיהנום!... און עס האבן זיך פארבן מיט שוויים צענויפ־
געמישט אין פארוואנדלט יונגע פרויען־פנימער אין געשטאלטן פון
כישפות... מירעלע האט דערזען אין דעם ווילדן קאראהאד מיט די
אויסגעלאשענע געשרייען אזוי פיל עלנד, אז פאר אירע אויגן האט
געשוועבט נישט קיין אומגעצוימטע פרייד, נישט קיין תאוהדיק
נאכט־לעבן, נאר א מוראדיק בילד פון דעם גיהנום אראפגעשליי־
דערט אויף דער זינדיקער ערד...

— דא וועסטו טאנצן! — האט איר אין דעם מאמענט גע־
שעפטשעט אין אויער אריין איר באגלייטער. זי האט זיך געוואלט

א ריס טאָן און אנטלויפן, נישט וויסנדיק וואוהין, לויפן —— לויפן
—— אין דער וועלט אריין, אָן א ציל... אָבער זי האָט זיך דער־
פילט איינגעקלעמט אין א פּאָר פעסטע מענערשע אָרעמס, זיך נישט
צו רירן פון אָרט. אין א מינוט שפּעטער האָט זי זיך דערזען מיט
איר באגלייטער אין א קליינעם צימערל, ביי א טישל און איר בא־
גלייטער אנטקעגן איר נעמט פון איר קיין אויג נישט אראָפּ... אויפן
טישל איז געשטאנען א פלעשל מיט א שארפן געטראנק, וואָס האָט
זיך געריסן אין די נאָז־לעכער אריין מיט א ביטערן ריח, וואָס ע־
קירט... דערביי — צוויי גלעזלעך. מירעלע האָט געזען ווי איר בא־
גלייטער גיסט אין האלז אריין איין גלעזל נאָכן אנדערן און עס
האָט איר געאיבלט און זי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ אויף א זייט
נישט צו זען דעם פּרצוף פון דעם פארשיכורטן, עקלהאַפטן פארשוי.

מיטאמאָל האָט זי דערהערט א שרעקלעכן ברום, ווי פון א
ווילדער חיה: — טרינק!! —— טרינק, זאָג איך דיר, קאנאַליאַ!!־
און א הילכיקער פּאטש האָט אָפּגעפּייערט איר בלייכן, צעשראָקענעם
פּנים, איבער וועלכן עס האָבן געשטראָמט, הייסע, ביטערע טרערן;

פאר אירע אויגן האָט א טיפער, פינצטערער אָפּגרונט, ווי א
ווילדער מאָנסטער צעעפנט דאָס מויל איר צו פארשלינגען... מער
האָט זי שוין נישט געקענט זען...

צווייטער טייל

אינהאלט

ערשטער קאפיטל — איז הערש־בינעמס רעהטאראן זייט 93
צווייטער קאפיטל — אויפן עולם־הדמיון. " 99
דריטער קאפיטל — אויפן שוועל פון דער טומאה " 109
פערטער קאפיטל — צום קאמף " 113
פינפטער קאפיטל — א ניי לעבן " 129
זעקסטער קאפיטל — געבונדן די סטרא אחרא " 135
זיבעטער קאפיטל — שמעון דארנבוימס לויה. " 153

ערשטער קאפיטל.

אין הערש בינעמס רעסטאראן.

דאס איז געווען מער ווי א רעסטאראן. ס'איז געווען א צענ־טער, ווו אימיגראנטן פלעגן זיך באגעגענען און ווערן פריינט און דאן זיך ווייטער טרעפן, אנצוהאלטן זייער פריינטשאפט און דערביי הנאה האבן פון געהאקטע לעבערלעך, געפילטע פיש, לאקשן מיט בעבלעך און קלאפס.

דורך דער אפענער טיר האבן זיך געריסן אין גאס ארויס די געפעפערטע ריחות פון יידישע מאכלים און דורך דערזעלבער טיר זענען פון דרויסן אריינגעקומען און דערנאך ארויס, מענטשן מיט יידישע נעז, וואס האבן ארויסגעשטעקט פון פעק מיט זאקן, קוא־וואטן און אנדערע אזעלכע ארטיקלען, וואס זענען פארקויפט גע־ווארן אויף די גאסן און מערק פון דער מעקסיקאנער הויפט־שטאט.

אין הערש־בינעמס רעסטאראן איז שטענדיק געשטאנען א טומל. דער טומל האט זיך געשטעלט באלד אין דער פרי מיטן פריש־טיק און זיך פארצויגן ביז מיטאג, ווען דער רעש האט געשפאלטן הימלען און זיך ווייטער געצויגן ביז אין אוונט און דאן שיר נישט ביז טאג.

דער ערשטער האט געטומלט מיט זיין הייזעריקן קול, הערש־בינעם אליין.

— א פארציע לעבערלעך!

— צוויי פארציעס געפילטע פיש!

— א טעלער לאקשן! — פלייש!!

— דערלאנגט גיכער, זיי קענען דאך נישט ווארטן!!

דאָס איז געווען הערש־בינעמס קול אין קיך אריין און פון קיך ארויס האָט אָפּגעענטפערט א דינער קוויטש.

— מע גענט שוין! — מע גענט שוין! — מע קען זאך דאָך נישט צערייסן!!

און ס'האָט געקאַכט, געהוזשעט און געראַוישט!... טעלער, לעפל, גאָפל, מעסער האָבן געקלונגען און דערנאָך האָט געקלונגען געלט און הערש־בינעם האָט געהאלטן אין איין שרייען אויף זיין הייזעריקן קול:

— דערלאַנגט שוין די לעבערלעך! — פיש! — פליייש!! און דאָן האָבן געטומלט די עסערס: — פיש, כ'האָב געבעטן פיש! — הערש־בינעם, לאָזט מער נישט וואַרטן! — נו וויפל איז דער שיר צו וואַרטן?!...

— שוין, שוין, מע גענט שוין! האָט הערש־בינעם יעדן איינעם באַרואיקט מיט זיין הייזעריקן קול.

און נאָך האָט מען געהערט פון ערגעץ א ווינקל: — הערש־בינעם, נעמיץ געלט! —— געט א רעשט! —— שטו קא צאַט!...

דאָן איז ערשט געקומען דער רעכטער געפילדער. דאָס איז געווען דער געמיטלעכער שמועס צווישן חברים און פריינט. אלץ ביטאמאל און דוקא אויפן הויכן קול, מיט אלערליי שטימען: א באַס, א טענאָר, א קוויטשל... ווי אויף א געוועט, ווער עס וועט ווּזמען איבערשרייען...

אינם טומלדיקן געזעמל איז געווען איינער א שווייגער. מ'האָט אים אינגאַנצן נישט געהערט; דערפאַר אָבער האָט מען אים געזען און מ'האָט אויף אים פון דער זייט געטייטלט מיטן פינגער.

— דער פּראָפעסאָר!

דער פּראָפעסאָר, א שלאַנקער מאַן, אין די מיטעלע יאָרן; מיט א קאָפּ שוואַרצע, געדיכטע, געקרויזלטע האָר און זיין בלייכער פּנים, ווי אין א ראַם איינגעפאַסט, אין א שוואַרץ, שיטער בערדל. זיינע קליינע, שפּיזיקע אייגעלעך אונטער גרויסע שפּאַקילן, אנגעזאַטלטע אויף א דין געשניצטער נאָז, איבער שמאָלע געשנירלטע ליפּן און צווישן נאָז און ליפּן — א שמאָלער פּאַס שוואַרצע, גאָר דינע וואָנסעלעך. אויף זיינע ליפּן א גוטמוטיקער שמייכל, ווען ער רעדט מיט זיין דינעם, צאַרטן קול.

אין א ווינקל פון דעם רוישיקן רעסטאראן איז געזעסן דער שטילער פראפעסאר ביי א קליין טישעלע, אריבערגעבויגן איבער א פאק פאפירן און מיט א בלייפעדער געמאכט באמערקונגען: נאר פון צייט צו צייט האט ער אויפגעהויבן זיינע מילדע בליקן צום רעסטאראטאר און שטיל געפרעגט:

— גיבט עס קיינע נייע?... און אז עס איז נישט געווען קיין נייע אימיגראנטן צו רעגיסטרירן און ארויסצוגעבן זיי עטלעכע שפייז־קארטן, האט זיך דער פראפעסאר האסטיק אויפגעהויבן פון ארט, זיך געוואשן די הענט אין א שיסל וואסער מיט א שטיקל זייף, אין א ווינקל פון צימער און נאכן אפווישן זיך די הענט מיט א רייניקן האנטוך. וואס הערש־בינעם האט צוגעטראגן, האט זיך דער פראפעסאר צוגעזעצט צו זיין טישל, איבער וועלכן עס איז פלינק פארשפרייט געווארן א שניי־ווייסער טישטוך און איינס נאכן אנדערן זענען געקומען אויפן טיש ארויף טעלערכ מיט לעבערלעך, פיש, זופ, פלייש און א גלאז טיי.

אפגעגעסן, האט זיך דער פראפעסאר מיט א בערוועדיקע אפגע־ווישט די ליפן, באצאלט, גענומען דעם פארטפעל אונטערן ארעם און אוועק מיט א זיידענעם „אויף ווידערזען"...

אין הערש־בינעמס רעסטאראן האט מענדל גרינצווייג צום ערשטן מאל זיך באגעגנט מיטן קאוונער סטודענט, אליהו אפרתי.

אויך אפרתי האט נישט געקענט פעדלען; ער האט עס גע־רופן „בעטלען". האט ער אויך אזוי ווי מענדל גרינצווייג, ארומגע־וואנדערט ווי א שאטן און פאר זיך אין ערגעץ קיין ארט נישט גע־פונען. האבן זיך ביידע אומרואיקע נשמות קעגנזייטיק פארשטאנען און זיך באהאפטן אין א אויפריכטיקער פריינטשאפט.

עס איז נישט געווען קיין סוד, וואס מענדל גרינצווייג זאל נישט פארטרויען פאר זיין נייעם פריינט אליהו אפרתי, און עס איז נישט געווען קיין סוד, וואס דער שלאנקער, אויסגעבלייכטער אפרתי, זאל נישט פארטרויען פאר זיין חבר גרינצווייגן.

האט זיך איינמאל צווישן די צוויי חברים פארבונדן אזא שמועס:

— האסטו שוין ארבעט, אליהו?
— יאָ! — האט דער באשיידענער סטודענט צוגעוואָרפן מיט
א שמייכעלע און זיין שווארצע טשופרינע איז איב געפאלן אן א
זייט פון שטערן.
— וואס?
— שמירה!
— ביי וועמען?
— ביי אייזענבערגן.

קאלטע טראפנס שווייס זענען אראפגערונען ביי מענדלען אויפן שטערן. — אליהו אפרתי, סטודענט פון פילאזאפיע, א שומר ביי אייזענבערגן... זיינע ליפן האבן געשעפטשעט: — עולם הפוך. א פארקערטע וועלט... א פארקערטע וועלט...

אין הערש־בינעמס רעסטאראן איז פארגעקומען א אינצידענט.

ווי געוויינלעך אין מיטאג־צייט, האט מען געשמאק געגעסן און נאך געשמאקער געטומלט. פון די ווענט זענען אראפגעהאנגען פעקלעך, וואס האבן עדות געזאגט אויף א טומלדיקן, וואנדערנדיקן פעדלער־לעבן.

צוויי נישט־פעדלער זענען געזעסן פאררוקט אין א ווינקעלע ווי פארשעמטע. דאס זענען געווען מענדל גרינצווייג און זיין נייער חבר אליהו אפרתי.

זיי האבן צווישן איין מאכל און דעם אנדערן געשעפטשעט; עפעס אין דער שטיל דורכגעשמועסט א סוד...

זייער טעמע איז דאסמאל געווען דער פראפעסאר, וועלכער איז געזעסן אין א ווינקל און גערעדט מיט נייע אימיגראנטן אויף דייטש.

— ווי הייסן זי?
— באשעפטיקונג?
— דאקומענטן?
— האבן זי פארוואנדטע אין די פאראייניקטע שטאטן?
און ווידער און ווידער דיזעלבע פראגן, וועלכע האבן זיך אלע־

מאָל געענדיקט מיט רעגיסטראַציע און קאַרטן צו עסן אין הערש־בינעמס רעסטאָראַן.

— פון וואַנעט נעמט ער דאָס?

— פון אַמעריקע... פון האיאַס... פון בני ברית...

— חשבון?

— אַ קאָמיטעט!

— ווער?

— אייזענבערג... דאַרנבוים... גלוסקין...

אין דעם איז אַריין אין רעסטאָראַן אַ יונגערמאַן אַ קליינגע־וויקסיקער און מיט פעסטע טריט איז ער גלייך צו צום פּראָפעסאָר.

מענדל האָט שוין אַמאָל געזען דעם יונגנמאַן אין גאַס. אַ לויפנדיקן, אַ שוועבנדיקן, ווי קוועקזילבער.

דער יונגערמאַן האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן פּראָפעסאָר:

— שלמה בערנשטיין!

— פון וואַנען?

— פון ביאַליסטאָק.

— פּראָפעסיאָן?

— סטודענט פון פילאָלאָגיע.

— זא וואָס?... האָבן זי דאָקומענטן?... פּאַס, געבורט־שיין?!...

— הער פּראָפעסאָר! — האָט זיך דערהערט דעם יונגנמאַנס פעסטע שטים, — הער פּראָפעסאָר!... עס טוט מיר זייער לייד; ווי איך זע, האָב איך געהאַט אַ אירטום, איך האָב געמיינט, אַז איך שטיי פאַר אַ וויסנשאַפטסמאַן, אָט ענדע, זע איך, אַז איך שטיי פאַר אַ פּאָליציי־אינספּעקטאָר!...

— נו. יאָ, זי ווייסן דאָך... האָט דער פּראָפעסאָר גענומען שטאַמלען און געצווינגן צו זיך אַלעמענס בליקן און דערווייל איז דער יונגערמאַן פאַרשוווּנדן...

— ווער איז ער, אליהו?

— אַ סטודענט, אַ לערער, אַ מענטש מיט כאַראַקטער־

— אַזוי זענען מיר אויס אין דער פרעמד. סטודענטן, לערער, מענטשן מיט כאַראַקטער, אַז מיר קענען נישט פּעדלען!...

— מיינסטו צו זאָגן, מענדל, בעטלען?... האָט אפרתי איראַ־

ניזירט און א גוטמוטיק שמייכעלע האט זיך צעגאסן איבער זיין אײדל, בלאסן פנים.

אין א ווײלע ארום האט אפרתי מיט א פילאזאפישער רואי־קייט צוגעגעבן:

— עס איז גוט אזוי. מען דארף זיך נישט אונטערגעבן דעם גורל; מען דארף שווימען קעגן שטראם!

— ווען מיר דערשווימען?...

ביידע חברים האבן זייערע אויגן געווענדעט אין איין זייט, אומזעבארן פונקט אין א לאנגע צייט געשוויגן.

צווייטער קאפיטל.

אויפן עולם הדמיון.

מענדל גרינצווייגס געמיט האט זיך נאך נישט בארואיקט נאך דבורהלעס חתונה; זי האט זיך דאך געבוקט פארן עגל הזהב... אין אט איז אים צוגעקומען א נייע, פיל גרעסערע זארג; א זארג וואס האט אים אינגאנצן פון זיין גלייכגעוויכט ארויסגעבראכט; דאס איז געווען די זארג וועגן מירעלען, וועגן איר פלוצימדיקן נעלם ווערן.

נאך דבורהלעס חתונה, איז אים מירעלע נענטער געווארן; דורך איר פלעגט ער זיך דערמאנען אן איר שוועסטער, וועלכער ער האט נאך אלץ געליבט, כאטש די ליבע האט שוין נישט געקאנט זיין מער ווי א פלאטאנישע. מירעלע אבער איז נאך פאר אים געווען א ציל צו דערגרייכן, אויב דער גורל וועט אים ווידער אמאל נישט אפשפילן א סארקאסטישע שפיל.

אפטמאל האט מענדל גרינצווייג אין זיין איינזאמקייט גע־טראכט, אז דורך מירעלען וואלט ער נענטער געווארן צו זיין ערש־טער ליבע, וועלכע האט אין זיין הארצן איבערגעלאזן מליען אזא הייליק פייערל. וואס וועט שוין קיינמאל, קיינמאל נישט פארלאשן ווערן...

— איז דען — האט ער געטראכט — די פלאטאנישע ליבע ווייניקער הייליק ווי עראס?...

מיטאמאל האט ווי א דונער אין א שיינעם פרילינג־טאג אים געטראפן די משונהדיק־ווילדע ידיעה וועגן מירעלעס נעלם ווערן פון דער היים. מיט וועמען?... מיט א שפאניער... ווי אזוי האט עס

מיט מירעלען געקאָנט פּאַסירן?... יאָ, זי איז נאַאיוו, כמעט ווי אַ קינד... ווער ווייס ווער עס איז דער שפּאַניער...

שרעקלעכע געדאַנקען האָבן אָנגעהויבן צעבערן זיין מח. ווער ווייס, ווער ווייס, אפשר איז די נאַאיווע מירעלע אַריינגעפאַלן אין אַ אומריינער נעץ?

ער האָט געוואָלט אָפּשטויסן די מוראדיקע געדאַנקען, וועל־כע האָבן זיך אים אַריינגעגנבעט אין מח אַריין און האָבן אים אינ־גאַנצן געפאַנגען ווי אין אַ נעץ.

אַזאַ מזל האָט ער געהאַט. האָט זיך אַ געדאַנק ביי אים אין קאָפּ געמאַכט אַ נעסט, איז דער געדאַנק נישט אַוועק, ביז ער האָט נישט געפונען זיין תיקון. האָט מענדל גרינצווייג געוווּסט, אַז דאָס וועט אים שוין נישט מיידן; דער געדאַנק האָט אים שוין געפּאַקט און האַלט אים שוין פעסט; ער מוז זיך דורכרעדן מיט אַ פריינט. — מיט וועמען? — האָט ער זיך געפרעגט און גלייך געפונען אַ ענטפער — מיט וועמען דען, אויב נישט מיט אליהו אפרתין? — וועמען דען קען ער זיך פאַרטרויען?...

האָט אים אין קאָפּ אַ בליץ געטאָן — אפרתי — איז שוין ביי אים פעסט געבליבן דעם סוד צו פאַרטרויען אפרתין. אפרתי איז דער איינציקער, וועמען ער קאָן טרויען.

דערווייל איז מענדל אַרומגעגאַנגען ווי אויפן עולם הדמיון. מענטשן האָבן אים נישט דערקענט. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש נישט פון דער וועלט. די אַרבעט אין סעקרעטאַריאַט האָט זיך אים נישט געקלעפּט; נעמען און אַדרעסן פון מענטשן, וועלכע ער האָט געקאָנט אויף אויסווייניק, ווי אַ פרומער ייד אשרי, האָט ער פאַר־געסן; ער האָט דורכגעלאָזן וויכטיקע בריוו און טעלעפאָנישע געשפּרעכן, ס'איז אים אַלץ געגאַנגען ווי אין פּער. ער איז אַרומגע־גאַנגען ווי אַ פאַרחלומטער. פאַר זיינע אויגן האָט געשוועבט אָן אויפהער אַ שרעקלעך בילד: מירעלע אין דער נעץ פון טומאה. ער האָט געוואָלט מיט אַלע כחות פאַרטרייבן פון זיך דעם בייזן חלום און האָט נישט געקענט. אַ גרויל איז אים דורך איבערן לייב.

— מירעלע, די ריינע, אומשולדיקע מירעלע!...

— איך מוז זען מיך מיט אפרתין און וואָס גיכער!... האָט ער צו זיך איבערגערעדט צום וויפלטן מאָל. — איך מוז זען אפרתין

און אים דערציילן אלץ, וואס עס פרעסט מיין געמיט. אפשר וועט ער פון מיר מיינע ספקות פארטרייבן?...

אין רעכמאראן האט מען אויף גרינצוויגן געטייטלט מיט די פינגער.

— זעט נאר א מענטש זיצט פארגלאצט די אויגן און רעדט צו זיך!...

— אויבן עולם הדמיון!

— א משוגענער...

האט ער באמערקט דעם געזעמל ארום אים, איז ער רויט געווארן פון בושה, נישט דערענדיקט עסן, און פארלאזן דעם רעסטאראן.

א לאנגע צייט האט מענדל גרינצוויג ארומגעוואנדערט איבער די גאסן מיטן איינציקן ציל, צו אנטלויפן פון די בייזע מחשבות וואס האבן אים פארפאלגט און אויפהער. די מחשבות האבן אים אבער געהאלטן אין קלעם; ער האט דערפילט אז נישט ער האט איבער זיינע מחשבות א שליטה, נאר פארקערט, זיי איבער אים, ווי איבער א שקלאף.

דעם טאג האט ער אפרתין נישט געטראפן.

אויף מארגן האט מענדל גרינצוויג זיך אנגענומען מיט מוט.

— איך מוז מיך באהערשן! איך מוז ווערן איבער זיך א באלעבאס; על כל פנים פארן דרויסן; זאלן פרעמדע נישט לייענען מיינע געדאנקען; שוין בעסער זאל מען מיך שלעכט פארשטיין. גוייי דער זיך צו פארראטן...

— זיך אויסגעבן פאר מענטשן?... ניין, דאס קיינמאל נישט!...

פאר זיי איז דאך די טיפסטע מענטשלעכע טראגעדיע נישט מער ווי א פארס, אויב עס רירט נישט אן זיי אליין... — ווי שפלדיקוולגאר עס זענען אפטמאל מענטשן... איז עס אפשר דערפאר, וואס זיי געניסן אזוי ווייניק פון דעם גרויסן אוצר, וואס רופט זיך לעבען?... יא, אזוי איז עס. עס איז דער בולטער סימן פון דעם צווייפאכיקן דלות, דער גשמיותדיקער און דער רוחניותדיקער... עס איז שרעקלעך גאר צו טראכטן דערפון: אזוי פיל מענטשן געניסן אזוי ווייניק פון דער שיינער, ליכטיקער וועלט!

— אזוי פיל געטלעכע באשעפענישן לעבן אין שאָטן און זע־נען צופרידן!

— זיי ווילן גאָר די ליכטיקע זון נישט זען... די זון שטעכט די אויגן... רייצט... פּראָוואָצירט... צו וואָס?... אין שאָטן איז שטיל, קיל, רואיק... שלאָפט דער גוף. שלאָפט די נשמה... אָבער אַז ערגעץ פלאַקערט א גיהנום און עס פרעגלען זיך נשמות, וואָס קימערט דאָס זיי!...

א לייכטער האַנט־באַריר איבער דער פּלייצע האָט איבערגע־ריסן דעם פאָדים פון זיינע חלומות.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. איבער אים איז געשטאַנען אפרתי, וועלכער האָט פאַר אים אָנגעוויזן דעם פולן, נישט אָנגערירטן טעלער.

— עס גרינצווייג!

— נישטאָ קיין אַפּעטיט!

אפרתי האָט זיך צוגעזעצט, באַשטעלט פאַר זיך עסן און מיט א געמיטלעכן שמייכל זיך געווענדעט צו זיין חבר:

— עס, דער אַפּעטיט וועט שוין דערנאָך קומען! דערנאָך האָט ער צוגעגעבן מיט א פילאָזאָפישער רואיקייט: — אַפּעטיט איז אַזא זאַך ווי א פאַרשטאָפּט פלעשל פּערפום; עפן נאָר אויף דאָס שטאָפּל, וועט זיך שוין דער ריח צעגיין! . . .

— נו, הייב אָן, אָט אַזוי . . . און אפרתי האָט זיין חבר אַראָפּ־געשלעפּט פון די הימלען, צוריק אויף דער פּשוטער ערד אַראָפּ, כדי ער זאָל אויף עטלעכע מינוט געניסן פון דער פרוכט פון גאָטס ערד, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן צו געניסן, ווי מענטל גרינ־צווייג האָט מיט א מינוט צוריק געפאַנטאַזירט.

ער האָט געגעסן מיט אַפּעטיט און שיר נישט פאַרגעסן דעם ציל, וואָס האָט אים אהער געבראַכט זיך צו טרעפן מיט זיין חבר.

ער געפינט זיך דאָך אין א רעסטאָראַן, האָט ער געטראַכט, אָבער פאַר אים איז עס א טונקעלער פאַרפּלאָנטערטער לאַבירינט און ער זעט נישט פאַר זיך קיין ליכטיקן וועג אין קיינער וועט אים אייפן קלאָרן וועג נישט אַרויספירן, אויב נישט זיין חבר אליהו אפרתי אין דאָ רעדט ער גאָר צו אים וועגן אַזא ווייטער, פון לעבן אָפּגעריי־סענער, פילאָזאָפיע.

— דער מענטש דאַרף זיין א ציל פאַר זיך און נישט פאַר קיין ציל, קיין מיטל!

— נו, און מירעלע!? — וויל ער אויסשרייען, אָבער ער קוקט זיך ארום און דערשטיקט אין האלז זיין געשריי.

דאָ רעדט גאָר זיין חבר וועגן קבלה, וועגן פּרדס, וואָס באַדייט: פּשט, רמז, דרוש, סוד . . . און ביי אים גייט דאָך עס פאַרקערט. ער האלט דאָך ביים סוד און ער זוכט א דרוש, וואָס זאָל אים ברענגען א רמז אויפן פּשט . . .

— יאָ, טאַקע מכח דעם לעצטן אות פון פּרדס האָב איך מיט דיר צו רעדן! האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין חבר, ווען ער האָט געענדיקט עסן.

— סוד?

— יאָ, סוד . . .

אין רעסטאָראַן איז דאַסמאָל געווען שטילער ווי אַלעמאָל. אין די ווינקעלעך האָט מען זיך געסודעט: — דאַרנבוים... מירעלע... שפּאַניער . . .

מענדל גרינצוויג און זיין חבר אליהו אפרתי האָבן זיך האַסטיק א הייב געטון פון אָרט אין פאַרלאָזן דעם געזעמל

איבער זייערע קעפּ איז געהאַנגען אן אָנגעהויגזטער, מיט בליי אָנגעגאָסענער הימל. א ווינט האָט געבלאָזן און געבראַכט צו טראָגן פון ערגעץ כמארעס, גאַנצע פּלאַכטעס. דער הימל האָט אויסגעזען ווי א צעגויפגעלאָזטער.

— ווי מיין געמיט! — האָט מענדל גרינצוויג באַמערקט מיט א טריבן בליק צום אָנגעכמורעטן הימל.

— אומעט און פרייד... האָט איראָניזירט אפרתי און גרינצוויג האָט אים דערויף צוגעוואָרפן: — שאַפּענהויער! . . .

אליהו אפרתי, ווי זיין שטייגער, איז נישט געבליבן הינטערשטעליק און צוגעוואָרפן זיין חבר א פראַגע:

— וואָס טוט מען אָבער, גרינצוויג, אז פרייד איז נישט מער ווי א בליץ און אומעט איז אייביק; טרויער איז טיף ווי דער ים!

—פונדעסטוועגן, האט מענדל גרינצווייג אפערדיק רעפליקירט וואלט איך נישט פארביטן איין בליץ פון פרייד אויף דער אייביקייט פון דיין אומעט! . . .

— וואס מיינסטו מיטן ווארט „פרייד"? האט אליהו אפרתי ערנסט א פרעג געטאן, בעת ביידע חברים זענען געבליבן שטיין איר בערצוואוארטן די ר'עש'יקע באוועגונג, דורכצושניידן דעם קאכעדיקן פאקאלא־צענטער.

— אט דאס איז פרייד! — האט מענדל גרינצווייג אנגעוויזן מיט דער האנט: באוועגונג, דינאמיק, לעבן! — אומעט איז סטאטיק, טויט! — דיין אומעט. פאלג מיר און שיק אוועק אויפן בית הקברות!

— אפשר הייבט זיך דארט אן דאס אמתע לעבן. ווער ווייסט?

— אויב אזוי — איז שוין מענדל גרינצווייג געווארן סארקאסטיש, אויב אזוי, זאג ווייטער. די וועלט איז א פרוזדור פארן טרקלין. וואס הייסט יענע וועלט; עולם הזה איז גארנישט, עולם הבא איז אלץ. . . און איך זאג דיר, אפרתי, אז איך וואלט אוועקגעגעבן דעם גאנצן עולם הבא פאר א ביסעלע עולם הזה!

—אט דאס איז עס דאך, האט אפרתי אנגעהויבן רואיק און געמיטלעך מעדיטירן, שלמה המלך האט דאך אין זיין לעבן טאקע גענאסן פולע עמערס גליק, געהאט דעם פולן עולם הזה און צום סוף האט ער אויסגעפירט — הבל הבלים — אלץ איז פוסט און נאריש און נאר די, וואס געניסן נישט פון לעבן, די שטעלן זיך פאר דאס גליק פון לעבן ווי דאס העכסטע גליק, וואס דער מענטש קען נאר דערגרייכן און צו וואס ער דארף דעריבער מיטן גאנצן לעבנס־לוסט באגערן!

— ניין, נישט אויף אזוי פיל — האט מענדל גרינצווייג אפגעהאקט — ניין, נאר א ביסל עולם הזה; נאר א טראפן גליק! . . . מענטשן באדן זיך דאך אין א ים פון גליק . . . עס שטראמט פאר א טייל מענטשן דאס גליק דורך טיר און פענצטער, בעת אזוי פיל מענטשן לעבן אין חושך, וואנדערן ארום איבער גאטס ליכטיקער ערד ווי שאטנס...

ווייטער האבן ביידע חברים געשפאנט שווייגנדיקע, טיף אין זיך

פאַרטראַכטע און אין סדר פון דער וועלט, וואָס איז שווער צו דער־גרונטעוועז.

אַזוי זענען זיי צוגעקומען צום קילן, טונקעלן, סודותפולן אַלאַ־מעדראַ־פּאַרק. זיי האָבן דערזען אַ פּאַלמע, וואָס איז געווען געגוג גע־דיכט צו שיצן פון רעגן, וואָס האָט זיך געריסן פון די גרויע וואָלקנס. אויף אַ באַנק אונטער דער פּאַלמע האָבן זיי זיך צוגעזעצט.

מענדל גרינצווייג האָט זיך אַרומגעקוקט. דאָ איז ער אַמאָל געזעסן מיט דבורה׳לען. עס האָבן אים איצט אָפּגעקלונגען אין די אויערן אירע ווערטער: — דער קלאַנג פון דער מטבעה פאַרטויבט אַלע געפילן.. דער בליאַסק פון דער מטבעה פאַרבלענדעט אַזוי, אַז מען דערקענט נישט מער קיין מענטשן . . . און איצט, האָט ער זיך דערמאָנט, איז איר שוועסטער מירעלע אַזוי פאַרבלענדעט גע־וואָרן, אַז זי האָט נישט דערקענט קיין מענטשן. פון וואָס פאַרא בליאַסק איז מירעלע פאַרבלענדעט געוואָרן... ווער ווייסט צי באַטש פון אַ ריינעם בליאַסק?...

מיטאַמאָל האָט ער זיך געווענדעט צו זיין חבר מיט אַ שאַרפן, דורכדרינגלעכן בליק:

— זאָג מיר, אליהו, דו הייסט דאָך שווימען קעגן שטראָם. און ווי איז, אַז דער שטראָם פאַרטראָגט?

— וואָס מיינסטו מיט דיינע ווערטער? — האָט אפרתי אומ־רואיק געפרעגט — דערקלער דאָס מיר בעסער!

מענדל גרינצווייג האָט אָפּגעזיפצט און נאָך אַ קורצער פּויזע זיך אָפּגערופן:

— קען דען דער שטראָם נישט פאַרטראָגן אַזעלכע. וואָס האַלטן זיך פאַר געוואַגטע שווימער? — נו און די אומשולדיקע מי־רעלע?

—מיינסטו, גרינצווייג, אַז מירעלע איז פאַרטראָגן געוואָרן פון שטראָם?

— און ווי מיינסטו, אליהו?

אליהו אפרתי האָט זיך פאַרטראַכט און ווי זיין טבע, בעתן טראַכטן, זיך פאַרקוקט אין אַ ווייטן פּונקט, ווי ער וואָלט וועלן אין דער ווייטקייט עפּעס דערזען.

— זאָגן דיר דעם אמת, וואָס איך טראַכט? — האָט ער זיך

אפגערופן ווי פון א חלום דערוואכט — זאגן דיר דעם אמת? . . .

— זאג מיר דעם גאנצן אמת, ווי ביטער ער זאל נישט זיין!
— האט זיך גרינצווייג געבעטן ביי זיין חבר.

— יא, דער אמת איז ביטער, — האט אפרתי שווער אפגעזיפצט.

— איז עס אמת, אז מירעלע איז פארטראגן געווארן פון אן אומריינעם שטראם, אריינגעפאלן אין די נעצן פון טומאה! — האט מענדל גרינצווייג ווי א פארוואונדעטער אויסגעשריגן און פון זיינע אויגן האט א פלייץ געטון א שטראם הייסע, ביטערע טרערן.

— מענדל, נישט רעזיגנירט! — האט אפרתי אויסגערופן מיט א באפעלערישן טאן. — אמת. דאס איז שרעקלעך, אבער עס איז נאך נישט אלץ פארלארן! בארואיק זיך, מענדל! — און מענדל גרינצווייג האט זיך געשטארקט און זיך בארואיקט, כאטש טרערן האבן אים געווארגן אין האלז און עס איז אים שווער געווען א ווארט פון מויל ארויסצוברענגען.

— הער, מענדל, — האט אפרתי מיט א געמאכטער רואיקייט ווייטער גערעדט, איך האב געוואוסט פון דיין געמיט און כ'האב שוין וועגן דעם זיך ערנסט פארטראכט.

— זאג מיר, אליהו, ווייס עפעס וועגן דעם איך שוועסטער, דבורהלע?

— ניין, זי ווייס נישט! האט ער באקומען א קורצן ענטפער און געבליבן דערשטוינט.

— זי ווייס נישט?!

— זי ווייס נישט, ערשט נעכטן געקומען פון שפיטאל.

— וואס איז?

— וואס שרעקסטו זיך? — געהאט א קינד, א מיידעלע, שיין ווי א מלאכל...

— נו, קום, מענדל, עס ווערט שפעט און עס גייט באלד אראפ א רעגן. מיר וועלן נאך רעדן דערפון. עס איז א מכה מיט ווילד-פלייש אויף אונזער גוף.

— דארף מען די מכה אויסברענען! — האט מענדל גרינצווייג אויסגעשריגן און איז אויפגעשפרונגען פון ארט.

— ביסט גערעכט! — האָט אליהו אפרתי זיך אָפּגערופן און אים לייכט געקלאַפּט איבערן פּלייצע.

—זעען מיר זיך מארגן, אפרתי?

— געווים, עס וועט זיין וועגן וואָס צו רעדן!

— און צו טאָן! — האָט אפרתי צוגעגעבן אנטשלאָסן און ביי־דע חברים האָבן זיך לאנג, ערנסט און פילדייטיק איבערגעקוקט.

זייערע אויגן האָבן געזאָגט:

— מיר זענען גרייט ביזן לעצטן אָטעם־צוג צו קעמפן קעגן דער טומאה, וואָס האָט זיך ווי א פעסט ארייננעכאַפּט אין אונזער יונגן ישוב!.. מיר וועלן קעמפן אזוי לאנג, ביז עס וועט זיך פון הימל אראָפּלאָזן א מחיצה צווישן טומאה און קדושה אזוי ווי צווישן לעבן און טויט!..

דריטער קאפיטל

אויפן שוועל פון דער טומאה

מענדל גרינצוויוויג האט געהאט א לאנגע, שלאפלאזע נאכט. שווערע געדאנקען האבן געפייניקט זיין אנגעווייטיקט געמיט.

— זאל דאס זיין אמת, אז מירעלע איז ארייינגעפאלן אין אן אומרייינער נעץ? — מירעלע, פארפלאנטערט אין די נעצן פון טומאה!?

— זאל דאס זיין אמת, אז די טמאים האבן דער רייינער, אומ־שולדיקער מירעלע געפאנגען אין זייערע נעצן און זיי פייניקן איר גוף צוזאמען מיט איר נשמה?

— מירעלעס רייינעם גוף!? . . . מירעלעס אומבאפלעקטע נשמה!? . . .

— ווייסן אירע אומגליקלעכע עלטערן פון זייער גרויסן אומ־גליק!?

— זיי מיינען דאך אז מירעלע איז אוועק מיט איר געליבטן, א גוי, דערפאר האבן זיי דאך קריעה געריסן, שבעה געזעסן . . . ווייסן זיי אבער ווער עס איז דער, אין וועמען זייער אומשולדיקע טאכטער האט זיך אזוי אומגליקלעך פארליבט?... קומט זיי אמאל אויפן געדאנק ארויף, אז זייער טאכטער ווערט ערגעץ אכזריותדיק גע־פייניקט און ווער ווייסט, אפשר זינקט די נאאיווע מירעלע אין די טיפע פינצטערע אפגרונטן פון טומאה! . . .

און מיטאמאל האט אים אן אנדער געדאנק באהערשט און נאכמער געפייניקט. . .

— פון וואנען ווייס ער דאס און פון וואנען קומט צו אים אזא זיכערקייט!?... — און ער האט אנגעהויבן זיך צו מאכן פאר־

ווּרפֿן. פֿאַרוואָס ער וואַגט זיך אַזוי צו טראַכטן וועגן דער ריינער, אוּמשוּלדיקער מירעלען.

ער איז דאָך איר מטמא מיט זיינע געדאַנקען. — דאָס איז דאָך שרעקלעך! . . . שרעקלעך!

מיטאַמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אַן דבורהלען. זי איז שוין געוואָרן אַ מאַמע און איז שוין מער צוגעבונדן צו בערלען; זיי בילדן שוין אַ גליקלעכן טריאָ.

— טראַכט זי איצט וועגן איר אוּמגליקלעכער שוועסטער?

— אַנט זי וועגן דעם אוּמגליק פֿון איר ייִנגערער שוועסטער, מירעלען?

— ניין, עס קען נישט מיטפֿילן דעם אוּמגליקלעכן, דער וואָס איז גליקלעך! נאָר דער עלנדער, דער ליידנדער, דער וואָס איז פֿאַר־שניטן געוואָרן דורכן גורל פֿון גליק, דער קען מיטליידן מיט די וואָס ליידן! און אין דעם מאָמענט האָבן זיך אַנטפּלעקט פֿאַר זיינע אויגן צענטליקער, הונדערטער, טויזנטער אַזעלכע מירעלעך און ער האָט דערזען פֿאַר זיך איין גרויסן גיהנום פֿון מענטשלעכע ליידן.

פֿאַרטאָג איז ער שווער איינגעשלאָפֿן און ווען ער איז אויפֿ־געשטאַנען, האָט שוין געשיינט די זון אַ ליכטיקע, אַ פֿריידיקע, אַ צעשטראַלטע, ווי גאָר קיין זאַך וואָלט נישט פּאַסירט אויף גאָטס זינדיקער ערד.

אַרבעטן האָט שוין מענדל גרינצווייג דעם טאָג נישט געקענט. עס האָט אים געהאַקט אין די שלייפֿן און ער האָט זיך דערפֿילט מיטאַ־מאָל, ווי אַ שוואַך, הילפֿלאָז קינד ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע ערשטע, הילפֿלאָזע אימיגראַנטן־טעג אויף אַ פֿרעמדער ערד.

— היינט וועל איך וואַנדערן, וואַנדערן! — האָט ער באַשלאָסן און צוגעגעבן אין געדאַנק: — אפֿשר וועל איך קומען אויף די שפּורן פֿון דער טומאה און אפֿשר וועט מיר אַפּגליקן צו ראַטעווען מירעלען! און ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיין געוואַגטן געדאַנק.

— יאָ, איך מוז עס! — האָט ער אָבער באַלד צוגעגעבן און זיך אַנגענומען מיט מוט.

אַ גאַנצן טאָג האָט מענדל גרינצווייג אַרומגעוואַנדערט איבער די גאַסן ווי אַ שאָטן און ס'איז שוין געווען ווייט נאָך מיטאָג־צייט, אָבער אים האָט נישט געצויגן צום עסן כאָטש ער האָט נאָך אין זיין

מ׳יל קיין ביסל וואסער נישט געהאט. ער האט געהאט פאר זיך איין ציל: — געפינען די נעסט פון די גיפטיקע שלאנגען, וואס פארכמען די לופט און ברענגען אזוי פיל אומגליק אויף דער ערד!

מיטאמאל האט ער דערזען דריי פארשוינען, וואס האבן אויס־געזען צו זיין פון יענע לייט... זיי זענען געווען פעט־לייביקע, שווער־באוועגלעכע ווי העלפאנטן. זייערע קליינע אויגעלעך זענען געווען מיט שמאלץ איבערגעגאסן, אבער אן א שום פייערל אין זיי, מאטאווע, אן קיין שום געפיל, אן קיין שום איבערלעבונג — אזעלכע אויגן קענען האבן נאר טמאים! — האט ער געטראכט און ביי זיך פעסט באשלאסן אז דאס זענען זיי . . . ער האט זיי שוין פון אויג נישט ארויסגעלאזט; נאך זיי געשפאנט ווי א שאטן. עס האט אים געשווינדערט, באטראכטנדיק, זייערע זויבערע, עלעגאנטע קליי־דונג, ווי זיי וואלטן מיט די זויבערע קליידער געוואלט צודעקן פאר דער ליכטיקער זון זייערע קויטיקע נשמות.

פון אלע זייערע פינגער אויף די הענט האט געפינקלט צו פאר־בלענדן נאאיווע אויגן.

זייער רעדן איז געווען רוי, פרעך. הויך אויפן קול און מיט א חוצפהדיקן אויפגעפראלטן געלעכטער.

— דאס זענען זיי! — האט ער מיט זיכערקייט באשלאסן און פון זיי שוין נישט אפגעטראטן אויף קיין שפאן.

און אט האט ער דערזען, ווי אין א זייטיק געסל טרעפן זיי זיך מיט א גאנצער כאליאסטרע. אזעלכע ווי זיי און יאגן זיך אריין מיט א געפילדער אין א טומלדיקן קאפע־הויז, איבער וועלכן עס הענגט אן אפגעבליאקעוועטע שילד מיט א גרויסן אויפשריפט: ק א פ ע „ו ע נ ו ס".

און אט זעט ער זיי זיצן ארום קיילעכדיקע, מארמארנע טישלעך און קלאפן מיט דאמינא־ביינער.

וואס ווייטער ווערט דאס קאפע־הויז אלץ מער אנגעפילט מיט אזעלכע פארשוינען. און וואס ווייטער ווערט אין קאפע־הויז אלץ טומלדיקער און פרעכער ווערן די געלעכטערס און עס קלאפן די ביינער און עס ווערט „ווענוס" אנגעפילט מיט ציגארן־רויך, הילכיקן פרעכן, שוימיקן געלעכטער און ביינער־קלאפעריי.

— שטייסט אויפן שוועל פון דער טומאה, אנטלויף!!! — האט

ער דערהערט א קול, וואָס איז צו אים געקומען פון אינעווייניק אַרויס, פון זיין אייגענעם איך, וואָס האָט אין אים פּראָטעסטירט.

מיט האַסטיקע טריט, זיך נישט אָפּשטעלנדיק אויף א רגע און נישט אומקוקנדיק זיך, איז מענדל גרינצווייג אוועק, אָבער עס האָט אים די גאַנצע צייט פאַרפאָלגט דאָס שרעקלעכע בילד פון „וועגנום"...

פערטער קאפיטל.

צום קאמה.

מענדל גרינצווייגס טעג האבן זיך געצויגן לאנג. יעדער טאג — א יאר, ער האט זיך געפילט ווי א מידער וואנדערער אין א וויסטעניש, וואס דערזעט א קוואל גאר נאנט, נאר מיטן האנט צו דערגרייכן; ער איז אבער מיד, די קני שטרויכלען זיך, ער פאלט — — — — — —

ער שטרעקט אויס זיין מידע האנט צום וואסער, זיין ברענענדיקן דורשט צו לעשן, זיין האנט אבער איז צו קורץ צו דערגרייכן; זיין קערפער, צו מיד זיך צו באוועגן, און דער קוואל בלייבט פאר אים אומענדלעך ווייט, קיינמאל שוין נישט צו דערגרייכן...

ער איז ארויף אויף די שפורן פון דער טומאה, וואס פארשפרייט אירע נעצן אויף ערלעכע, אומשולדיקע, נאאיווע מירעלעך; ער ווייסט שוין אויף זיכער פון וואנען עס שלאגט דער פארפעסטעטער קוואל, ער ווייסט שוין גענוי פון וואנען עס ציען זיך די נעצן, אבער ער איז שוואך, אומבאהאלפן, זיין ציל צו דערגרייכן.

ער ווייסט, אז זיין ציל איז גרויס און הייליק. ער וויל אפטיילן די טומאה פון דער קדושה, ער וויל מאכן א מבדיל, אבער — — — — קען ער זיך אליין פארמעסטן מיט דער סטרא אחרא? — — — —

ער האט זיך ארויפגעעדט דאס הארץ פאר אפרתין. אים פארטרויט זיין סוד. און אפרתי איז מיט אים אין אלץ מסכים, אבער קיין קלארע תשובה הערט ער נישט פון אים.

די לעצטע צייט האט אפרתי אינגאנצן פארבויגן די געשפרעכן אויף אנדערע טעמעס.

— צוליב וואס טוט ער עס? — האט מענדל גרינצווייג גע־טראכט.

— יא, ער וויל איינשטילן די ברויזנדיקע געפילן, וואס פלייצן אין מיין הארצן, ווי כוואליעס פון א שטורמישן ים. וואס שלאגן זיך אין פעלזן ביים ברעג און ווערן הארטנעקיק צוריקגעשליידערט אין ים אריין!

— געוויס, אפרתי פילט מיין הארץ און ער וויל בארואיקן מיין אויפגעשטורעמט געמיט...

—אזוי טוט א געטרייער חבר — אבער מיר פייניקט ער דער־מיט, ער לאזט מיך איבער מיט מיינע ספקות, זיך אליין מיט זיי צו ראנגלען און זיי באהערשן מיך און איך פיל, אז איך פאל ווי באזיגט פון בייזע גייסטער...

מיטאמאל האט א ליכטיקער שטראל זיך דורכגעריסן. דורכן פארכמארעטן הימל און אריינגעדרונגען טיף אין מענדל גרינצווייגס טריבער נשמה.

א בליאסק פון האפענונג האט ער דערזען און דער בליאסק איז געווען א צעטעלע מיט יידישע אותיות אויף דער פאדער־וואנט פון הערש בינעמס רעסטאראן. דאס צעטעלע האט געזאגט:

„דינבטיק, דעם — — — ניין א זייגער אין אוונט קומט דא פאר א אימיגראנטן פארזאמלונג צו באטראכטן אקטועלע אימיגראנטן־פראבלעמען".

„אין דער פארזאמלונג נעמען אנטייל, דער לערער שלמה בערנ־שטיין מיט א רעדע אויף דער טעמע: „די צוקונפט פון דער יידישער אימיגראציע אין דעם לאנד".

„אלע אימיגראנטן דארפן קומען צו דער פארזאמלונג, ווייל די פראגן, וואס וועלן באהאנדלט ווערן, זענען נוגע אלעמען".

אונטערגעשריבן:

די איניציאטיוו־גרופע.

אין מיטאג־צייט האט מענדל גרינצווייג באגעגנט אפרתין א שיינענדיקן.

— איך האב גערעדט מיט בערנשטיינען — האט ער מיט באַ־גייסטערונג זיך געווענדעט צו מענדלען — ער האט מיר צוגעזאגט צו באהאנדלען דיין פראגע.

— און?

— און דער אייז וועט זיך רירן. מענדל, קיין גוטער געדאַנק ווערט נישט פאַרלאָרן; עס קומט די צייט און א געדאַנק ווי א רייפער עמבריאָ באַקומט זיין תיקון.

— גלויבסטו אויך, אזוי ווי איך, אפרתי, אז מירעלע איז אריינגעפאַלן אין א נעץ?... — האָט אים מענדל שוין צום וויפלטן מאָל איבערגעפרעגט און כסדר באַקומען דעמזעלבן ענטפער:

— איך גלויב נאָר אין דעם, וואָס איך ווייס, אָבער טראַכטן קען מען...

— און איך בין זיכער, זיבער, אפרתי!

— מיט וואָס ביסטו אזוי זיכער?

— א שטאַרקער פאַרגעפיל זאָגט מיר אונטער, אז איך האָב נישט קיין טעות.

— גלויבסטו אין דער טעאָריע פון אונטערבאַוווסטזיין?

— יאָ!

— אויב אזוי מענדל, גלויבסטו אין חלומות?

— קען א בעל חלומות נישט גלויבן אין חלומות?... ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך מענדלס פנים אזוי צעשמייכלט, אז דער ערנסטער אפרתי האָט אויך באַוויזן אויף זיין פנים א שמייכל.

— יאָ, איך גלויב אויך, אָבער אין אזא חלום, וואָס ציט מיך אוועק אין דער צוקונפט אריין; ווייל אין דעם מאָרגן זע איך די שיינקייט פון לעבן! — ווען דאָס לעבן האָט נישט מער, ווי דעם פאַרלאָרענעם נעכטן און דעם מיזערנעם היינט, וואָס ווילט זיך, ער זאָל וואָס גיכער פאַרשווינדן... — האָט מענדל גרינצווייג טרויעריק באַמערקט.

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן מעידל, איך בין נישט מקנא די מענטשן, וואָס לעבן נאָר מיטן היינט...

א שטילע פויזע האָט ביידע חברים באַהערשט, ווען פון די אַרומיקע טישלעך האָט זיך געהערט א געשושקעריי און צו זייערע אויערן האָבן זיך דערטראָגן אָפּגעהאַקטע קלאַנגען: — אידעאַליסטן... טרוימער... בעלי חלומות — אפשר זענען זיי גערעכט... האָט מענדל גרינצווייג געשעפטשעט, בעת ער האָט געענדיקט עסן און זיין חבר האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן פון אָרט און געוואַרט אויף אים.

מענדל גרינצווייג האט זיך אויפגעהויבן פון ארט און מיט פאר־שנדיקע בליקן זיך געווענדעט צו זיין חבר:

— זאגסטו אפרתי, אז בערנשטיין וועט וועגן דעם היינט רעדן?..

— געוויס, דאס וועט זיין א וויכטיקער טייל פון זיין רעדע! האט אפריתי מיט א פעסטן טאן געענטפערט און שוין נישט איבערגעלאזן ביי גרינצווייגן קיין שפור פון צווייפל.

— און?... — האט מענדל גרינצווייג ווייטער געצויגן דעם פאר־דים, ווי עס וואלט אים א שאד געווען דעם געשפרעך, וואס איז פאר אים געווען א פראגע פון נשמה־דערלייזונג, איבערצורייסן.

— און וואס?!

—איך מיין, אפרתי, צי וועט עס אויך קומען צו א שלום, צי מ'וועט אויך טון מעשים? . . .

— מ'וועט טון, מענדל! האט אפרתי אנטשלאסן אפּעהאקט, מ'וועט אויפהויבן א קאמף!

— א קאמף צו וואס? — האט מענדל גרינצווייג א פרעג געטון; א ביסל צעטומלט פון זיין חברס אנטשלאסענעם ענטפער, אזוי אומ־דערוואַרט.

— א קאמף צו פארשענערן דאס לעבן; דאס לעבן זאל האבן א זין און עס זאל אפגעטיילט ווערן די קדושה פון דער טומאה!

— איז דער קאמף א ציל אדער א מיטל? — האט מענדל גרינ־צווייג מיטאמאל אבסטראקט א פרעג געטון, ווען די חברים זענען שוין געשטאנען אויפן שוועל און אפרתי האט אנווייזנדיק מיט דער האנט אויף דער באוועגונג, פארחלומט, מיט א שטילן קול זיך אפגערופן:

— זעסט דאס לעבן, עס ברויזט, עס שטורעמט ווי א ים אן אויפגעשטורעמטער, דאס איז קאמף!

ביידע חברים האבן זיך שטארק געדריקט די הענט און זיך אפּ־געזעגנט אין אוונט צו טרעפן אין דעם אלאמעדא־פארק און פון דאָרט צוזאמען צו גיין צו דער פארזאמלונג.

ס'איז געווען א הייסער טראפּישער זומער־טאג און מיטן זון־אונטערגאנג האט געבלאזן פון די בערג א קיל ווינטל און אפגעפרישט די אנגעגליטע לופט.

מינאַמיש, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, האָבן ווי בינען פון אַ בינ־שטאָק זיך אַרויסגעלאָזן צווישן גרינס, בלומען און שאָטנס פון ביימער פרייער אָפּצואָטעמען.

די זון האָט זיך לאַנגזאַם, נישט געאײַלט, אַראָפּגעלאָזן צו די הויכע בערג, וואָס האָבן ווי אַ קייט אַרומגענומען די הויפּט־שטאָט און האָט זיך אָפּגעשלאָגן אינם הימל־רוים אין אַ וווּנדערלעכער מאָזאַיִק פון קאָלירן: שאַרלאַט־רויט, ראָזאַ, פּורפּור און וויאָלעט... עס האָט אויסגעזען ווי הימל און בערג וואָלטן זיך געביטן מיט די קאָלירן . . . אָט האָט דער גרינלעך־גרויער „פּאַפּאַ" מיט זײַן זילבער־שפּיץ אין הימל ווי אין אַ וואַסער־שפּיגל זיך אָפּגעשפּיגלט און אויך זיך אַרויפגעצייגן אַ לאַנגע, ברייטע מאָגע אין טונקל בלוי און וויאָלעט קאָלירט. עס האָט אויסגעזען, ווי דער אַלטער „פּאַפּאַ" וואָלט זיך געטוליעט צו שיצן זיך פון דער פאַרנאַכטיקער קעלט, וואָס קומט אָן נאָכן הייסן פון דער טראָפּישער זון, אַנגעגליטן טאָג.

מענדל גרינצווייג האָט ווי אַ שאָטן אַרומגעוואַנדערט, אַ פּאָר־הלומטער צווישן די ברייט־בלעטערדיקע פּאַלמעס פון דעם אַלאַמעדאַ־פּאַרק. זײַן חבר האָט זיך פאַרשפּעטיקט און ער האָט דערווײַל צײַט געהאַט אין זײַן איינזאַמקייט אײַנצוזאַפּן און אײַנצואָטעמען אין זיך די גאַנצע פּראַכט פון דעם טראָפּישן זון־אונטערגאַנג.

— אַ שאָד, האָבן זײַנע ליפּן געשעפּטשעט, וואָס די בערג רייכן איבער די געטלעכע פאַרבן־שפּיל...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ; נעבן אים איז געשטאַנען אפרתי.

— שיין איז גאָטס וועלט! — האָט אפרתי אפּערדיק אויסגערופן, ווי ער וואָלט געלייענט זײַן חבר'ס געדאַנקען. אַ ווערק פון אַ גרויסן מייסטער! — נאָר... האָט מענדל גרינצווייג אומעטיק אָפּגעהאַקט און אפרתי האָט אים נישט אָפּגעלאָזן: — וואָס ווילסטו זאָגן, מענדל?

— די מענטשן פאַרדאַרבן דאָס געטלעכע ווערק!

— ניין, האָט אפרתי רעפּליקירט, — מענטשן שאַפן אויך מייסטערווערק, וואָס זענען קאָפּיעס פון דער מעשה יצירה, פון דעם גרויסן געטלעכן ווערק!

— פאַר וועמען? . . .

— פאַר מענטשן.

— דאַרפן זיי דאָס? . . .

— יאָ, זיי דאַרפן געניסן.

— יאָ, ווען דער גרויסער מייסטער פון דער וועלט וואָלט דעם מענטשן נישט געמאַכט פאַר א שקלאַף פון זיין גענוס, וואָלט קיין ווערק, וואָס מענטשן שאַפן, ווי מייסטערהאַפט דאָס זאָל נישט זיין, נישט געהאַט קיין האַפט! — אָבער אויך די מייסטער האָבן הנאה פון זייערע ווערק! האָט אפרתי מיט א באַזונדער כונה באַמערקט און מענדל גרינצווייג האָט זיך געפילט געשמייכלט ווייל אין א פאַרבאָרגן ווינקעלע פון זיין האַרץ האָט שוין געטליעט א פאַרלאַנג זיך צו באַ־העפטן מיט זיין חלק צו דער מעשה יצירה...

ביידע חברים האָבן זיך געזעצט אויף דער דערבייאיקער באַנק און מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם זיך צוגעהערט צום פייגל־געזאַנג. וואָס האָט אָנגעפילט די לופט.

מענדל גרינצווייג האָט זיין חבר געשעפּטשעט אויפן אויער:

— עס זינגען פייגל שירה צום זון־אונטערגאַנג . . . און אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך געהערט ווי די בלעטער אויף די פּאַלמען־ביימער סודען זיך...

די שאָטנס אַרום די ביימער זענען געוואָרן געדיכטער און טיפער איז געוואָרן אַרום די שטילקייט.

מענטשן וואָס האָבן געשפּאַצירט אין פּאַרק, האָבן אַזוי שטיל ווי די בלעטער זיך געסודעט, קאַנטיק, אַז זיי האָבן נישט געוואָלט צע־שטערן די הייליקע שטילקייט פון אַרום.

— אין דו איז האַרמאָניע! . . . האָט מענדל גרינצווייג באַ־מערקט זיין חבר אויפן אויער מיט א טיפן אָטעם, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט א שווערן זיפץ.

— ניין, האָט אפרתי שאַרף רעפּלירט, דו איז די אידיליע פון זון־אונטערגאַנג, די האַרמאָניע פון סוף; קאַמף איז די אידיליע פון באַגינען, די האַרמאָניע פון דער נאַטור, וואָס דערוואַכט צו א נייַ לעבן מיטן האָפנונג אויף א נייעם, ליכטיקן מאָרגן!

די טראָפּישע זומער־נאַכט האָט זיך אין א טונקעלן שלייער אַראָפּגעלאָזט אויף גאַנס ערד. דער טונקל־בלויער סודותפולער הימל האָט זיך אויסגעשטערנט און וו נישט וו האָט זיך צווישן די ברייטע פּאַלמען־בלעטער דורכגעפינקלט א גאָלדן שמערנדל אין ערגעץ צווישן צוויי שכנותדיקע פּאַלמעס האָט זיך דורכגעריסן א שמאָלער פּאַס פונם בלייכן לבנה־שיין.

— נאַכט באַרואיקט, ווי א געטרייע מאַמע אין אירע אָרעמס...

— האָט מענדל גרינצווייג אומעטיק באַמערקט און ווידער טיף אָפּגעזיפצט.

— טאָג וועקט, ווי א מוטיקער פּאָטער צום לעבן און צום קאַמף!

— האָט אפרתי רעפּליקירט און פעסט אָנגעהאַלטן דאָס מאָל זיין אָפּטימיזם. זעענדיק אז זיין חבר שטייט ביים ראַנד פון יאוש.

מיטאמאָל האָט אפרתי זיך א הייב געטון פון אָרט.

— קום. שוין צייט! . . .

מענדל האָט זיך ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט. ער האָט שיר פאַרגעסן, אז עס קומט היינט פאָר א פאַרזאַמלונג צו באַטראַכטן פּלענער ווי צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די עלנדע אימיגראַנטן.

— נו, אפרתי, גייען מיר צו דער פאַרזאַמלונג? — האָט מענדל גרינצווייג געפרעגט זיין חבר, סתם נישט איבערצורייסן דעם פאָדים פון זייער שמועס. וואָס האָט זיך מיט עטלעכע מינוטן פריער אויי שיין געוויקלט און זיי פאַרטראָגן אין העכערע, שענערע וועלטן.

— צו וואָס דען האָבן מיר זיך באַגעגנט? — האָט אפרתי אויסגערופן מיט פאַרוווּנדערונג און זיך הילכיק צעלאַכט.

א פאַרשעמטער האָט מענדל גרינצווייג אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ:

— שיר פאַרגעסן . . .

מענדל גרינצווייג און זיין חבר אליהו אפרתי האָבן געפונען דעם רעסטאָראַן מיט פאַרמאַכטע טירן און לאָדן אויפן פענצטער, פון הינטער וועלכע ס'האָט זיך געהערט א לעבהאַפטער שמועס.

— שוין דאָ מענטשן! — האָט אפרתי באַמערקט, בעת זיי זענען אריין אין הויף, אריינצוגיין דורך דער הינטערטיר.

אריינקומענדיק אין רעסטאָראַן, האָט זיך פאַר זיי באַוויזן א בילד פון אן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג אין דער אַלטער הייב.

פון דעם רעסטאָראַן איז שוין קיין שפּור נישט געבליבן. די טישלעך זענען געוואָרן אַרויסגעטראָגן, אויסער איין טישל, וואָס איז געשטאַנען אויבן אָן מיט צוויי שטולן.

דער צימער איז געווען פול מיט מענטשן. אויסגעזעצט אויף רייען שטולן און אויף די פּנימער פון די מענטשן איז געווען אויסגעגאָסן א נערוועזע שטימונג.

עס האָבן אויגן געבליצט; שטערנס האָבן זיך געקנייטשט;

הענט האָבן זיך באַוועגן און אַלע אינאיינעם האָט געדעשט און געפּילדערט.

מענדל גרינצווייג און זיין חבר אליהו אפרתי האָבן געפונען צוויי ליידיקע שטולן אין א ווינקל, פון וועלכן זיי האָבן אַלע און אַלעמען גוט געקאָנט אָבסערווירן, אַזוי, אַז זיי זאָלן בלייבן אומבאַמערקט.

— באַהאַנטע פּנימער! — האָט אפרתי באַמערקט און מענדל גרינצווייג האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען אַלעמען ביי די נעמען:

— אָט דאָרט זיצט דער אַלטער שמעון דאָרנבוים. גרוי געוואָרן ווי א טויב און דער אַלטער, איר איז גאַרנישט צו דערקענען! דער פּאָר אָבער איז זייער משהלע אויסגעוואַקסן א יונג ווי א צעדער, ערשט אין צוועלפטן יאָר א יינגל און אָט וואַקסט עס אויס א בחור!

— און אָט דאָרט אין יענער זייט, מיטן עלנבויגן אָנגעלענט אויפן שטול־ווענטל, מיט א דיקן ציגאַר אין מויל, ווער זיצט עס דאָרט דער מיטן געקרויזלטן, שוואַרץ געלאָקטן קאָפּ, איז עס נישט אייזנבערג? דאַכט זיך בערנאַרד אייזענבערג! . . .

— און אָט נעבן אים זיצט דאַכט זיך זיין שותף גלוסקין; אָה, ווי דאָס בלוט שפּריצט אים פון די באַקן! . . . און ביי זיין לינקער זייט זיצט זיין פרוי. זי פאַרנעמט דאַכט זיך צוויי שטולן.. אפרתי האָט דערביי געוואָרפן א פאַרשנדיקן בליק אויף זיין חבר און זיך צעשמייכלט.

— און אָט נעבן זיי זיצט, דאַכט זיך זייער בוכהאַלטער דובינסקי מיט דער ליסינע איבערגעבויגן, ווי אין קאַנטאָר איבער די גרויסע, דיקע ביכער.

— מען דאַרף נישט קיין עלעקטרע, קוקסט אויף זיין קאָפּ זעסטו די לבנה... — האָט אפרתי באַמערקט מיט איראָניע.

— ביסט היינט גוט אויפגעלייגט! — האָט מענדל גרינצווייג אָגב אורחדיק באַמערקט און ווייטער אָבסערווירט דעם עולם.

— אָט איז יהודה לייב שוחט געקומען מיט זיין גימעלען און מיט זייער בת־יחידה, שרהלען; — זיין שיינען ווי אויף א נגידישער חתונה! — האָט ווידער אפרתי איראָניש באַמערקט און האָט באַלד חרטה געהאַט, ווייל אין דעם מאָמענט איז מענדל גרינצווייגס פּנים געוואָרן בלאַס און אין זיינע אויגן האָבן געפינקלט טרערן.

עס האָט אפרתי'ן באַלד פאַרדראָסן, וואָס ער האָט אויפגע־

וועקט ביי זיין חבר אין הארצן א נאך נישט פארהיילטע וווּנד און ער האט געזוכט צו פארגלעטן דעם פעלער.

— אט איז עמך! — האט אפרתי אנגעוויזן זיין חבר אויף א גרופּע יונגעלייט, וואס זענען געזעסן צענויפגעדריקט און עפּעס הייס און הויך אויפן קול דעבאטירט, אבער אזוי האסטיק און אלע אינאיינעם, אז עס איז שווער געווען אויפצוכאפּן א קלאנג.

פון דעם צווייטן צימער זענען אריינגעקומען דער לערער שלמה בערנשטיין און לייבל ליפּאוויטש, דער איינציקער פּראלעטאריער פון די אימיגראנטן.

— א שוסטער געווען און א שוסטער פארבליבן! — האט אפרתי באמערקט. אבער מענדל גרינצווייג האט זיך שוין נישט צוגעהערט.

— זיין פּנים איז איידל, איך שטעל מיך פאר יוחנן הסנדלר!... האט אפרתי ווידער אמאל פארגלעט זיין איבערגעטריבענע איראניע, וועלכע האט אין גרונט געהאט א גוטע כונה, אבער נישט אלעמאל געטראפן אין ציל און אמאל אנשטאט זיין חבר צו צעשטרויען, אים נאך אומעטיקער געמאכט.

מענדל גרינצווייג האט בטבע נישט געהאנט פארטראגן, ווען מען האט זיך נישט ערנסט באצויגן צו דעם מין מענטש. און וועלכן ער האט געליבט טראץ אלע פעלערן, וואס ער האט אזוי בולט. ע ר האט ע ס באדויערט אבער נישט אויסגעלאכט; זיין חבר דאקעגן, אפרתי, האט געהאלטן אז אויסלאכן די מענטשלעכע פעלערן איז אויך א גוט, אויסגעפּרווט מיטל פון קאמף. דא זענען זיך די חברים ראדיקאל פאנאנדערגעגאנגען.

א קלאפּ אין טיש האט דעם פארחלומטן מענדל גרינצווייג אויפגעוועקט. ער האט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען, ווי לייבל ליפּאוויטש שטייט אנגעשפּארט איבערן טיש און פינקלט צו „עמך" מיט זיינע שווארצע, שמייכלדיקע אויגן און „עמך" האט אויפגענומען זיין בליק, ווי אן אנזאג צום קאמף, וואס וועט זיך אט באלד אנהויבן.

הארט פארן אנהויב פון דער פארזאמלונג, האט זיך אריינגעשפּארט צווישן עולם א פארשוין, וואס מען האט רעכט נישט געקאנט דערקענען זיין אויסזען, ווייל ער האט זיין גרויסן אקסן־קאפּ

געהאלטן איינגעגורעט אין קאלנער, ווי ער וואלט געציטערט פאר קעלט. נאר גרויע האר אין א רויטן, פעטן קארק האט מען ארויסגעזען. ער האט אזוי אן איינגעגורעטער, זיך ארייגעשפארט אין א ווינקעלע, ווו ער האט נאך געפונען א ליידיקע שטול, פאר־שטעלט הינטערן פענצטער־פארהאנג.

— ווער איז דאס, אפרתי? — האט מענדל געשעפטשעט.

— ס'איז דאך דוד ווייסבערג, די אלטע פלעדערמויז, איינער פון אייזענבערגס הענט . . . — האט אפרתי אויף גיך אפגעמורמלט און אויסגעשטרעקט דעם קאפ צום טיש, פון וואנען עס האט זיך שוין אנגעהויבן די פארזאמלונג. נאך אים האט מענדל גרינציוויג אויסגעשטרעקט פאר זיך דעם קאפ בעסער צו הערן און באלד האט דער גאנצער עולם, ווי א פעלד אונטער א ווינט פון א ווינטל, אויס־געשטרעקט פארויס די קעפ, ווי איבערגעבויגענע, אנגעפילטע זאנ־גען...

מענדל ליפאוויטש האט מיט זיין באסאווען קול געעפנט די פארזאמלונג, אין נאמען פון דער איניציאטיוו־גרופע און האט באלד איבערגעגעבן דאס ווארט דעם לערער שלמה בערנשטיין.

אין צימער איז געווארן אזוי שטיל, אז מען האט געקאנט הערן דאס קלאפן פון הערצער, ווי זייגערס, בעת דער קליין־געוויק־סיקער, רירעוודיקער ווי קוועקזילבער, שלמה בערנשטיין האט זיך אויפגעשטעלט און מיט זיינע טיפע, שווארצע אויגן אלעמען דורכ־געגומען און אנגעהויבן מיט א ווייכן, סאמעטענעם קול:

— חברים אימיגראנטן!

אין דעם מאמענט האט זיך אויפן שוועל באוויזן די גוט בא־קאנטע, שלאנקע געשטאלט, מיטן באבערדלטן פנים און באברילטער נאז.

— זיצן זי, הער פראפעסאר — האט דער רעדנער אנגעוויזן אויף א פלאץ נאענט פון טיש און ווען דער פראפעסאר האט זיך געזעצט, האט בערנשטיין אביסל העכער אויפגעהויבן זיין שטים און ווידערהאלט:

— חברים אימיגראנטן! און נאך א קורצער פויזע, וועלכע האט איס געגעבן א געלעגנהייט זיך ארומצוקוקן אויף די פנימער פון זיינע צוהערער, האט ער אנגעהויבן זיין רעדע.

— איך וועל רעדן קלאר און אפן, אן סודות און אן רמזים,

ווער עס דארף הערן, זאָל הערן און ווער עס דארף וויסן, זאָל וויסן! מיר זענען געקומען באטראכטן אונזער לאגע אַלס אימיגראנטן אין א נייַ לאנד. מיר זענען איינזאם; אָן מיטלען צו לעבן, אָן פריינט, אָן קענטעניש פון דער נייער סביה, אָן דער שפּראַך פון דעם לאנד!.. מיר זענען עלנד!...

דער רעדנער האָט אָפּגעכאפּט דעם אָטעם און פּאַטעטיש אויסגערופן:

— מיר זענען עלנד, אונזער לאגע איז שווער, אָבער מיר דארפן קלאָר און דייטלעך זאָגן, אַז מיר זענען אהער ניט געקומען, ווי קיין שנאָררערס!!...

צווישן עולם איז געוואָרן א באוועגונג. דער פּראָפעסאָר האָט זיך ארומגעקוקט צו זען, וואָס פאר אַן איינדרוק דעם רעדנערס לעצטע ווערטער האָבן געמאכט און ער האָט באמערקט, ווי פון אַלע זייטן שאָקלט מען צו מיטן קאָפּ און אַט האָט עמעץ אויפן קול באמערקט:

— גערעכט, מיר זענען נישט קיין שנאָררערס!... ריכטיק!.. ריכטיק!!!! און עס האָבן אָפּגעקלונגען קולות פון אַלע זייטן און דער פּאָרזיצער, לייבל ליפּאָוויטש האָט געבעטן, „זיך פּארהאַלטן רואיק!”

ווען דער עולם האָט זיך בארואיקט, האָט דער רעדנער איבערגעחזרט זיינע לעצטע ווערטער:

— איך זאָג נאָכאמאָל: — מיר זענען אהער נישט געקומען, ווי קיין שנאָררערס! מיר זענען אהער געקומען, ווי אימיגראנטן, וואָס זענען דורך געוויסע לעבנס־באדינגונגען געצוווּנגען געוואָרן צו אימיגרירן און אהער זענען מיר געקומען זיך שאַפן א באָדן פאר א ניי לעבן, ביי נייע, אומבאקאנטע באדינגונגען דאָס איז אונזער לאגע און אזוי דארף מען אונז באטראכטן, אויב מען וויל אונז ריכטיק פארשטיין!

און בערנשטיין האָט אויסגערופן מיט א שטארקער און געמטער שטים:

— מיר וועלן בשום אופן נישט אקצעפּטירן קיין פילאנטראָפּיע!

זיינע לעצטע ווערטער זענען באַלד אויפגעכאפּט געוואָרן מיט

אפּלאָדיסמענטן און בערנשטיין האָט ווייטער גערעדט פעסט און אנטשלאָסן:

— פילאַנטראָפּיע דערנידעריקט דעם נעמער און דעגראַדירט אים צו דער מדרגה פון א בעטלער אין די אייגן פון דעם געבער, אפילו ווען דער געבער גיט נישט זיינס!

דער עולם האָט זיך פילדייטיק איבערגעקוקט. אלע האָבן פאַר־שטאַנען, וועמען די לעצטע ווערטער זענען געצילט.

דאַן האָט דער רעדנער פּאַטעמייז אויסגערופן:

— אויס מיט די שפּייז־קאַרטלעך! אין דער עולם האָט ווידער אַפּלאָדירט.

— מיר נויטיקן זיך אין הילף! — האָט דער רעדנער ווידער זיך אומגעקערט צו זיין טעמע. אָבער די הילף טאָר בשום אופן נישט זיין קיין פילאַנטראָפּיע! מיר ווילן נישט נעמען קיין נדבות! מיר ווילן קאָנסטרוקטיווע הילף; הלואות כדי צו קענען זיך איינ־אָרדנען דאָס נייע לעבן און נאָך א זאך:

— נישט אייביק ווילן מיר דאָ זיין פּעדלער. מיר ווילן זיך דאָ איינאָרדנען אונזער לעבן. מיר ווילן דאָ שאַפן אונזערע היימען, מיר ווילן דאָ שלאָגן וואָרצלען, מיר ווילן דאָ ווערן א ישוב!

רוישנדיקע אַפּלאָדיסמענטן האָבן באַגלייט דעם רעדנערס לעצ־טע ווערטער און מענדל גרינצווייג האָט דערביי באַמערקט אפּרטי׳ן אויפן אויער:

— גאָלדענע ווערטער!...

דאַן האָט בערנשטיין געגעבן זיין טאָן, ווי א מענטש, וואָס פאַרטראַכט זיך און רעדט מיט איבערלייגונג וועגן תכלית.

— דאַרפן מיר, — האָט שוין בערנשטיין גערעדט געלאַסן און געוויגן יעדן וואָרט, זיך ווענדן דורך דער יידישער פּרעסע צו אונזערע ברידער אין דער שכנותדיקער אמעריקע, צום גרויסן פינף מיליאָניקן ישוב און זיי דערקלערן אונזער לאַגע, נישט אלס בעטלער, נאָר אלס פּיאָנערן פון א נייעם ישוב, וועלכן עס איז זייער פליכט צו העלפן בויען!

ווידער האָבן אַפּלאָדיסמענטן געררוישט און ווידער האָבן זיך געהערט אויסרופן: — ריכטיק!! גערעכט!!! גאָלדענע ווערטער!!!

מיטאמאל האָט זיך אויפגעשטעלט אין זיין פּולער, שלאַנקער

געשטאַלט, דער באַבערדלטער פּראָפעסאָר אין מיט אַ צאַרטער שטים געפרעגט דעם רעדנער אין האַלב יידיש און האַלב דייטש:

— אָבער קאָנקרעט, וואָס דענקען זי צו טון? -- און דער פּראָפעסאָר האָט באַלד באַקומען אַ קלאָרן ענטפער:

— מיר דענקען צו פאָדערן פון די יידישע אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, אַז זיי זאָלן ערשטנס אָפּשטעלן ביי אונז די פילאַנטראָפּיע און צווייטנס, דאָ שאַפן אַ קאָמיטעט פאַר קאָנסטרוקטיווער הילף! — האָבן זי פאַרשטאַנען, הער פּראָפעסאָר?!...

— און איצט נאָך אַ זאַך. מיר זענען נישט קיין גרופּע ווילדע אַזיאַטן אָדער האָטענטאָטן; מיר זענען קולטור־מענטשן; און אונז קען נישט באַפרידיקן בלויז די שפּייז פאַרן גוף. מיר נויטיקן זיך אויך אין גייסטיקער שפּייז; מיר דאַרפן לייענען צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער... יאָ, און אונזער שפּראַך איז יידיש און מיר דאַרפן אונזער קולטור אויף אונזער שפּראַך דערהאַלטן מיט אַלע כוחות!

— האָבן מיר דאָך אַ קלוב! . . . — האָט זיך דערהערט בערנאַרד אייזענבערגס פעסטע, באַסאָווע שטים.

— אייער קלוב איז אַ קאַלטע, מתנגדישע קלויז, הער אייזענבערג! — האָט דער רעדנער באַלד אויפן אָרט רעפּליקירט.

— מיט וואָס איז ער מתנגדיש? — איז שוין בערנאַרד אייזענבערג צוגעשטאַנען און באַקומען אַ פּראַגע אנשטאָט אַן ענטפער:

— פאַר וועמען איז אייער קלוב?

— פאַר מעמבערס — האָט געדונערט בערנאַרד אייזענבערגס פעסטער קול.

— איר מיינט צו זאָגן, פאַר מיטגלידער! — האָט אים בערנשטיין קאָרעגירט.

— יאָ פאַר מיטגלידער!

— נו און וואָס זאָלן טון די, וואָס קומען אין אונגט אהיים אָן גלידער!? — האָט בערנשטיין צום ערשטן מאָל אין זיין רעדע איראָניזירט און צווישן עולם האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער געלעכטער.

— ביי אייך אין קלוב, — האָט בערנשטיין אויפגעהויבן זיין שטים, גלאַנצט עס מיט צופיל לוקסוס; עס ווייעט אָבער מיט קעלט; עס פעלט ביי אייך דאָס פּייערל, ביי וועלכן די עלנדע נשמה פון אַ

אימיגראנט איך פרעמדער ערד זאל זיך קענען דערוואַרעמען; אייער קלוב איז פאר די צופרידענע און מיר זענען די אומצופרידענע! —
און נאך א קורצער פויזע האט בערנשטיין ווידער אנגעהויבן רואיק, מיט איבערלייגונג — נאך איין פּראָבלעם וויל איך דאַ באהאנדלען און איך מוז מודה זיין, אז דאס איז א שווערע, א ביטערע פּראָבלעם.

פון אלע זייטן האט מען אנגעשפּיצט די אויערן צו הערן, וואס עס איז די שווערע, ביטערע פּראָבלעם.

— דאָס איז די פּראָבלעם פון די טמאים, וואָס פאַרפּעסטן אונזער לופט און פאַרשוואַרצן אונזער פּנים אין די אויגן פון אונזערע שכנים! — האט בערנשטיין אויסגערופן מיט ברען אין די אויגן און ארויסגערופן אין אלעמענס הערצער א פלאַמיקן פּראָטעסט.

— מיר וועלן קעמפן אזוי לאַנג, האט בערנשטיין געשטורעמט, — ביז די טמאים וועלן פאַרטריבן ווערן פון אונזער מחנה, ווי מצורעים!

— מיט אן אייזערנעם בעזים וועלן מיר זיי אויסרוימען!

— וביערת את הרע מקרבך!

א שטורעם פון אפּלאָדיסמענטן האט באגלייט דעם רעדנער. אלעמענס פּנימער האבן אויפגעלויכטן.

— יישר כחכם! — האט יהודה לייב שוחט אויסגערופן מיט זיין טענאָר־שטים און דערלאַנגט בערנשטיינען א ווייכע, וואַרעמע האנט.

— איך באגריס אייך, ווי א רעספּעקטאַבעלן קעגנער! — האט אויסגערופן מיט זיין באַסאָווער שטים, בערנארד אייזענבערג און געשטרעקט דעם רעדנער א פעטע, פליישיקע האנט.

ציווישן עולם איז געוואָרן א געפּילדער און דער פּאַרזיצער לייבל ליפּאָוויטש האט געגעבן „זיך פאַרהאַלטן רואיק, ווייל מען דאַרף אננעמען באשלוסן!"

פון אלע זייטן האבן זיך אנגעהויבן שיטן פאָרשלאָגן:

— לאָמיר גרינדן א קולטור־פאַריין!

— א קאַמיטעט!

— א ביבליאָטעק!

און צום שלום איז געשאפן געוואָרן א קולטור־פאַריין און דער קולטור־פאַריין האט זיך געווענדעט קיין אמעריקע מיט א מעמאָראַנדום...

עמעץ האָט געפרעגט:
— ווו איז דער פּראָפעסאָר?
— נישטאָ, נעלם געוואָרן...
— בערנשטיין האָט געזיגט!...

פינפטער קאפיטל.

א נ י י ל ע ב ן.

אין דער פארוואלטונג פון דעם קולטור פאריין פון די יידישע אימיגראנטן זענען אויסגעקליבן געווארן: לייבל ליפאוויטש, אלס פארזיצער; דער לערער שלמה בערנשטיין, אלס סעקרעטאר און אלס מיטגלידער: מענדל גרינצווייג און אליהו אפרתי. אויף מארגן האט מען איבערגערעדט מיטן פראפעסאר און ער האט באוויליקט אנצונעמען דעם אמט פון א מיטגליד אין דער פארוואלטונג.

קיין קאסיר האט מען דערווייל נישט געוויילט, ווייל ס'איז נאך נישט געווען צו וואס...

אויף דער זייטיקער גאס פון דער יידישער געגנט, מיטן נאמען „איינזאמקייט” האט מען געדונגען א לאקאל אין דער נידער, כדי דער פארהארעוועטער פעדלער ווען ער וועט וועלן קומען אין זיין קלוב זיך אפרוען, זאל ער נישט דארפן גיין אויף קיין טרעפ.

דער לאקאל איז באשטאנען פון א קליין צימערל פאר דער פארוואלטונג און א „זאל” פאר א ביבליאטעק, פארזאמלונגען, פארוויילונגען א.א.וו. דער פארוואלטונג-צימער איז געווען אפגעטיילט פון דעם „זאל” מיט א ווענטל פון דינע ברעטלעך, דורך וועלכע מ'האט זייער דייטלעך געקאנט הערן די „סודות” פון די פארוואלטונג-זיצונגען...

דערצו איז אין דעם פארוואלטונג-צימערל קיין פענסטער נישט געווען און מען האט דערפאר אין דעם צימער סיי ביי טאג, סיי ביי נאכט, געדארפט ברענען אן עלעקטריש לעמפל אבער עס האט גאר נישט אויסגעמאכט, ווייל סיי-ווי האט זיך דער לאקאל זעלטן ווען געעפנט ביי טאג...

דערפאר האט דער „זאל" פארמאגט צוויי פענסטער אין גאס
ארויס, גענוג אויף ארייצוברענגען די ליכט און די לופט פון דער
„איינזאמקייט" און אויף ארויסצוטראגן אין דער שטילער „איינ־
זאמקייט" ארויס דעם געפילדער פון דעם אימיגראנטישן קולטור־
פאריין.

די מעבל פון דעם קולטור־פאריין איז באשטאנען פון א קליין
שרייב־טישל, געקויפט בחצי חינם א געניצטן אויפן מעציאה־מארק
מיט צוויי שטולן, וואס האבן זיך צוגעפאסט צום שרייב־טיש... און
נאך א לאנגע באנק פון ווייסע ברעטער, אייגענע ארבעט... דאס
איז געווען די מעבל פון דעם פארוואלטונג־צימער. אין „זאל" איז
דערפאר געשטאנען א לאנגער טיש, אויך פון ווייסע ברעטער צו־
נויפגעקלאפט, אויך אייגענע ארבעט פון אימיגראנטן און ארום טיש
זענען געשטאנען א צוויי טוץ שטולן, וואס האבן פארמאגט די אייגנ־
שאפט, וואס מען האט געקאנט אויף זיי זיצן כמעט געמאכט האבן
זיי נישט קיין סטאלארעס, ווי געווינטלעך, נאר אויך די יונגע אי־
מיגראנטן, וואס האבן געמאכט כמעט די גאנצע מעבל פון זייער
קלוב. דער ליידיקער טיש אין „זאל" האט קאנטיק געווארט אויף
יידישע צייטונגען, וואס דער מעמאראנדום האט געזאלט ברענגען
פון אמעריקע; דערפאר זענען שוין די ווענט געווען באהאנגען מיט
בילדער, וואס אימיגראנטן האבן צענויפגעשלעפט און דווקא ביז גאר
אינטערסאנטע בילדער!... בילדער פון יידישע שרייבער און קולטור־
טוער, פאליטישע טוער פון אלע מינים. אט א שטייגער האבן זיך
געפארט פרץ מיט ביאליקן, מענדעלע מיט דאקטאר הערצלען, דער
ווילנער גאון און קארל מארקס. עס האט קיינער קיין זאך נישט אי־
בערגעקליבן. וואס אן אימיגראנט האט געבראכט איז געווען אנגע־
נומען פאר א שיינער מתנה. און ווער, וואס עס האט געהאט, האט
געבראכט צו באשיינען דעם לאקאל, וועלכער האט אויפן ערשטן
בליק געמאכט דעם איינדרוק פון דער באהרית הימים אידיליע . .

עס האבן אויך נישט געפעלט קיין בילדער פון דער קונסט־
ביילאגע פון „פארווערטס" און פון פארשידענע מעקסיקאנער „רע־
וויסטאס" אבי די אפגעריבענע ליידיקע ווענט צו פארשטעלן. זאל
דאס אייג נישט דערזען די צירה פון די נאקעטע ווענט נעבעך . . .
און אט צווישן די ווענט האט זיך אנגעהויבן פאר די אימי־

גראַנטן א נײַ לעבן און א נײַ לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מענדל גרינצווייגן.

איף דער גאַס פון דער „איינזאַמקייט" האָט מענדל גרינצווייג פאַרגעסן אַן זיין איינזאַמקייט... דאָרט האָט זיך מענדל גרינצווייג יעדן אָוונט באַגעגנט מיט אַפּרתין אָבער שוין נישט ביי אבסטראַקטע שמועסן, וואָס האָבן זייער ווייניק צו עפּעס געצילט און נאָך ווייניקער צו עפּעס געפירט, נאָר ביי אַרבעט, וואָס מאַכט דעם מענטשן פאַרגעסן אין אַלע זיינע זאָרגן און דעם איינזאַמען — אַז ער איז איינזאַם... און מיטן ליערער בערנשטיין האָט זיך מענדל גרינצווייג אָנגעהויבן אָפּט צו באַגעגענען און צו לערנען פון אים נייע געדאַנקען און נייע וועגן צו דערגרונטעווען דאָס לעבן און ברייטערע ידיעות האָט מענדל גרינצווייג באַקומען אין דער יידישער ליטעראַטור, ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן וואָס ווייטער אַלץ מער באַהאַפטן מיט די גרויסע גייסטער, וועמען ער האָט אָנגעהויבן פילן אַזוי נאָענט צו זיך, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין זיין לעבן. אין זיין יוגנט זענען שרייבער געווען פאַר אים ווי מענטשן פון „יענער וועלט" און זייערע ווערק, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלענע מעטעאָרן און דאָ הערט ער גאָר וועגן פערזענלעכן לעבן פון די וואָס האָבן זיין צאַרטע נשמה געשפּייזט און זיין כאַראַקטער געפורעמט. ער האָט זיך שוין מער נישט געפילט איינזאַם... ער האָט שוין אויך געשטרעבט ווען עס איז צו ווערן א שרייבער און דאָס איז געוואָרן ביי אים אַן אידעאַל. אַט האָט ער זיך דערמאָנט, האָט ער דאָך אין דער היים שוין געפּרוווט אָפּדרוקן א קאָרעספּאָנדענציע...

מענדל גרינצווייג איז אין קולטור־פאַריין געוואָרן באַרעדעוודיק; ער האָט דערפילט, ווי זיין צונג וואַלט באַקומען ביינער... אַזוי אַרום האָט ער באַקומען וואָס א טאָג אַלץ מער חברים און אפילו געשאַפן א קרייז אַרום זיך. מיט אַנדערע איינגן האָט ער אָנגעהויבן קוקן אויף די, וואָס האָבן געשאַפן דעם קולטור־פאַריין, כאָטש קיין פאַראורטייל האָט ער צו זיי אויך פון פריער נישט געהאַט, דאָך האָט ער זיך געהאַלטן פון זיי אָפּגעזונדערט, ווייל ער האָט זיי נישט געקענט און ווייל ער האָט געהאַט א ביטערע דערפאַרונג פון אימיגראַנטן, וואָס האָבן ביי דער ערשטער געלעגנהייט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ביליקע אָפּלאַכער און דווקא אין אַזעלכע מאָמענטן, ווען דאָס האַרץ איז ווי א בעכער ביז נויג איבערגעפולט מיט גאַל . . .

לייבל ליפּאָוויטש האָט זיך ארויסגעוויזן נישט נאָר פאר א גוטן שוסטער, וואָס מאכט א גוט שטיקל ארבעט, האָט ער דערפאר גרויס דערפאָלג און האָט אויך גוטע אויסזיכטן זיך שנעל ארויפצוארבעטן, נאָר אויך פאר א שיין־גייסט און אפילו פאר א קינסטלער!... מענדל איז גאָר גיך געוואָרן איבערראַשט, ווען ער האָט זיך ארומגעזען, אז לייבל ליפּאָוויטש איז נישט דער איינציקער טאַלאַנט צווישן די פארחושכטע פעדלער־אימיגראנטן, נאָר אז עס געפינען זיך צווישן זיי יונגעלייט מיט גאָר פיינע טאַלאַנטן. נאָר דאָס פעדלער־פעקל פארשטעלט פאר זיי דעם ליכטיקן שיין...

אינגיכן האָט זיך טאַקע אין דעם קולטור־פאריין געשאַפן א דראַמאַטישער קרייז און דער רעזשיסאָר איז געווען פאַרשטייט זיך נישט קיין אנדערער, ווי לייבל ליפּאָוויטש. דער איניציאַטאָר פון פאריין און איצט דער אויסדערוויילטער פאָרזיצער... מענדל גרינצווייג האָט זיך אויך פארשריבן אין דעם דראַמאַטישן קרייז און, זיך דאָרט באַקענט מיט צוויי אינטערעסאַנטע מיידלעך און נישט קיין מיאוסע אויך; איינער פון זיי האָט ער שוין אביסל געקענט פון פריער. דאָס איז געווען די שוואַרץ־חנודיקע שרהלע, יהודה לייב יתומ׳ס בת יחידה און די אנדערע, אניטאַ, א שלאַנקע בלאָנדינקע, א יתומה. אירע עלטערן זענען אומגעקומען אין די אוקראַינער שחיטות. קיין מעקסיקע איז זי געקומען מיט א ברודער. אניטאַ האָט זי זיך גערופן און אזוי האָבן איר אַלע גערופן, כאָטש געהייסן האָט זי חנה׳לע און מענדל גרינצווייג האָט איר כאָטש דעם הטא נישט געקאָנט פאַרגעבן. פלעגט זי זיך פאַרענטפערן:

— וואָס בין איך שולדיק, אז מען רופט מיך דאָ אזוי. אז אַלעמען פאַרצימט מען -- איז זי האָט זיך הארציק צעלאַכט, באַווייזנדיק צוויי שורות שניי־ווייסע ציין.

די דראַמאַטישע סעקציע האָט רעפּעטירט שלום עליכמ׳ס „דאָקטאָר". איז לייבל ליפּאָוויטש געווען מאיר שאַלאַנט; חנהלע — זיין ווייב; שרהלע — זייער טאָכטער וויעראַטשקע; מענדל גרינצווייג — אבראַמטשיק און פארן שדכן האָט געשפּילט א פעדלער, וואָס איז אין דער אַלטער היים געווען אַן אַקטיאָר אין א גרויסן יידישן טעאַטער און געשפּילט מיט באַרימטע יידישע אַקטיאָרן, אזוי האָט ער אַליין דערציילט. ווי עס זאָל נישט זיין. איז דער שדכן געווען דער איינציקער אַקטיאָר אין דער טרופּע... צום סוף אָבער האָט מען זיך

ארומגעזען, אז עס פעלט אוים א מיידל צו שפילן פאר א דינסט; האט מען זיך אויך אן עצה געגעבן; מ׳האט געפינען א פעדלער מיט א מיידלשן פנים און אים פארשטעל׳ט פאר א דינסט און עס איז אוועק א גאנג....

נאך א פאר וואכן רעפעטירן האט מען אין א מזלדיקער שעה אפגעדונגען אן אלט טעאטערל אין דער יידישער געגנט, טאקע נישט ווייט פון דער „איינזאמקייט" און מען האט געשפילט יידיש טעא־טער. ס׳איז געווען יום־טוב! צום ערשטן מאל אין מעקסיקע יידיש טעאטער! מענטשן האבן געוויינט פאר פרייד. עס האבן זיך געפונען מענטשן, וואס האבן דערציילט, אז אין דעם לאנד איז אמאל געווען אן אינקוויזיציע! דאס איז געווען אין די צייטן פון דער שפאנישער דעראבערונג. זענען צוזאמען מיט די שפאניער געקומען אנוסים און די שפאניער האבן זיי גערופן „מאראנאס" דאס הייסט פשוט חזירים... און אז די אינקוויזיציע האט די „מאראנאס" אנטדעקט, האט מען זיי פארברענט לעבעדיקערהייט. און איצט אויפן זעלבן ארט, שפילן די אייניקלעך פון יענע „מאראנאס" יידיש טעאטער... איז ביי א סך אימיגראנטן אין די אויגן געשטאנען טרערן פון פרייד. ליפן האבן געשעפטשעט: נצח ישראל לא ישקר!...

נאך דער פארשטעלונג האבן אין „זאל" פון קולטור־פאריין אויפן לאנגן טיש זיך באוויזן יידישע צייטונגען אין א ווינקל — א שאפקע מיט יידישע ביכער.

זעקסטער קאַפּיטל.

געבונדן די סטרא אחרא.

בערנאַרד אייזענבערג איז אַהיים געקומען פֿון דער אימיגראַנטן־פֿאַרזאַמלונג א פּאַרמרה שהורהטער. ער האָט זיך דאַסמאָל וויניקער ווי אַלעמאָל געפֿרייט מיט דבורהלען און מיט זייער טעכטערל אין ווינגעלע, מיט זייער ליבעלען, וואָס איז שיין ווי א מלאך.

ער האָט זיך געקלאָגט אויף קאָפּ־ווייטיק און אָן אָנגעטאָן־ברויט זיך געלייגט שלאָפֿן. ער האָט אָבער נישט געקענט איינשלאָפֿן. דער געוויסן האָט אים געפּלאָגט. — זיי זענען גערעכט, נישט ער. דער קלוב, וואָס ער האָט געשאַפֿן איז קאַלט. פֿאַרן אַרעמען עלנדן פּעדלער זענען די טירן פֿאַרמאַכט. די ביבליאָטעק פּוסטעוועט...

— מיר, די אַרויפֿגעאַרבעטע, — האָט ער געטראַכט ביי זיך אויפֿן געלעגער און ער איז געווען זיכער אַז קיינער לייענט נישט זיינע געדאַנקען, מיר נעמען דאָך קיין יידישן בוך נישט אין האַנט אריין... דאָס איז געווען פֿאַר אים א מין שטילער ווידוי. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער יוגנט.

— וואָס ווערט פֿון דער יוגנט?... וואָס לייענען זיי .... וואָס ווערט פֿון זיי ... פֿון וואָסערע ווינטן ווערן זיי פֿאַרטראָגן?... ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין שוועגערן מירעלען אַז א שיידער איז אים אַריבער איבערן לייב. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מירעלע פֿלעגט לייענען אוואַנטורע־ביכלעך און צו וואָס דאָס האָט דערפֿירט!... ווער ווייסט וואָס פֿון מירעלען איז געוואָרן? ווי שוואַרצע קראָען וואָלטן אים אַרומפֿליען אין זיין מוח און אים נישט געלאָזט רוען, האָט ער אויפֿגעשוידערט ביים געדאַנק, אַז אפשר איז מירעלע נישט די איינציקע און אפשר ווער ווייסט, אויך נישט די לעצטע און ביי אים וואַקסט א טאָכטער, שיין ווי א מלאך...

ער האט זיך האסטיק א הייב געטון און אראפ פון געלעגער און אויף די שפיצן פינגער צו צו זיין קינדס וויגעלע, אנגעצונדן דאס בלויע לעמפעלע איבערן וויגעלע, לאנג געקוקט אויף זיין מלאכל און טרערן זענען גערונען פון זיינע אויגן. צום ערשטן מאל האט ער דערפילט דעם ביטערן טעם פון פאטערלעכן פיין.

אינם שוואכן, בלויעם שיין, דורכן טרערן־נעפל האט ער דערזען א גאלדן מלאכל מיט קארמין־רויטינקע ליפעלעך אין די פליגל פון שלאף. זיין מלאכל... זיין מיידעלע... זיין ליבעלע... ער האט אויסגעלאשן די ליכט; פלינק און שטיל ווי א קאץ איז ער צוריק ארויף אויפן געלעגער און זיך צוגעהערט צו דבורהלעס אטעם. זי שלאפט. זי ווייסט נישט וואס פארא שטורעם עס גייט איצט אריבער איבער זיין הארץ... בעסער אזוי... זאל זי נישט וויסן!... ער האט זיך באמיט צו פארגעסן און איינצושלאפן. ערשט ווען דער הימל האט שוין געגרויט אויף טאג, איז בערנארד אייזענבערג איינגעשלאפן און מיטן גרויסן ליכטיקן טאג איז ער אויפגעשטאנען א מונטערע, ווי זיין שטייגער איז געווען, ווען ער איז ווי א מילגרוים אנגעפילט געווען מיט פלענער, און ער איז געווען ביי זיך זיכער אז ער וועט אויספירן! נישטא קיין קראפט אין דער וועלט, וואס זאל זיך אים שטעלן אין וועג, ווען ער פארנעמט זיך אויסצופירן זיינע פלענער!

בערנארד אייזענבערג איז דעם טאג געקומען אין פאבריק אריין, ווען די מאשינען זענען שוין געווען אין פולן גאנג. זיין אנגעשטעלטער, אפרתי האט אים באגריסט: — וואס עפעס אזוי שפעט, הער אייזענבערג. האט חלילה עפעס פאסירט? און באקומען א טרוקענעם, אבער א קאנטיק ערנסטן ענטפער — איך דארף מיט אייך עפעס רעדן! — און אייזענבערג האט זיך שנעל אפגעפארטיקט מיט זיין געוויינלעכער פאבריק־אינספעקציע; אריין אין קאנטאר און געפרעגט דובינסקין צי עס איז נישטא קיין קארעספאנדענץ און אז ער האט באקומען אן ענטפער: — נישטא! איז ער אריין צו זיך אין פריוואט־קאבינעט, רופנדיק נאך זיך אפרתין.

ער האט זיך געזעצט נעבן זיין שרייב־טיש און א ווונק געטון צו אפרתין, ער זאל צורוקן א שטול נאנט צו אים. אפרתי האט אזוי

געטון און זיך איבערגעבויגן נאָנט צו זיין באַלעבאָס, פון וועמען ער האָט דערוואַרט עפּעס יוביטיקס און ווי עס ווייזט אויס, א סוד.

— הערט זיך איין, — האָט אייזענבערג אָנגעהויבן גאָר שטיל, כמעט ווי געשעפּטשעט און דאָס איז איבּ אָנגעקומען שווער, ווייל ער האָט מיט אַלע כוחות געדאַרפט באַהערשן זיין באַסאָווע שטים, וועלכע האָט זיך אים געריסן פון האַלז אַרויס. — הערט זיך איין, איר זענט ביי מיר ווי אַן אייגענער מענטש, איך געטרוי אייך מיין גאַנצע פאַבריק און איר היט מיין פאַרמעגן געטריי; איר היט אַז מיין פּראַצע זאָל נישט פאַרלאָרן גיין! — איך ווייס, אַז איר זענט מיר גע־טריי; איך ווייס און איך שאַץ עס אָפּ; ווען איר זאָלט ביי מיר בעטן א הוספה, וואָלט איך אייך זיכער נישט אָפּגעזאָגט; נאָר איצט הערט, איך האָב מיט אייך צו באַהאַנדלען ווייטער אַן ערנסטן ענין!

בערנאַרד אייזענבערג האָט זיך טיפער אַריינגעזעצט אין זיין פאָטעל, אָפּגעזיפצט, מיט א טיכעלע אָפּגעווישט דעם שווייס, וואָס איז אים גערונען פון שטערן און ווייטער גערעדט שטיל און לאַנג־זאַם, געציילט די ווערטער.

— איך האָב געהערט א סך זאַכן אויף דער פאַרזאַמלונג. נישט אין אַלץ זענען זיי גערעכט, אָבער אויך נישט אין אַלץ זענען זיי אומ־גערעכט...

מיטאַמאָל האָט בערנאַרד אייזענבערג שווער אָפּגעסאָפּעט, ווי ער וואָלט וועלן אַראָפּקייקלען א שווערע לאַסט, וואָס האָט אים גע־פרעסט דאָס האַרץ און ער האָט זיך געווענדעט צו אפרתין, גלייך קוקנדיק אים אין די אויגן אַריין.

— מיר האָבן שווער געזינדיקט, איצט, זאָגט מיר, מיט וואָס קענען מיר אונזערע זינד אויסקויפן?...

— וואָס מיינט איר דערמיט, הער אייזענבערג? — האָט אפרתי איבערראַשט א פרעג געטון און שאַרף געקוקט זיין באַלעבאָס אין די אויגן, וועלכע זענען דאַסמאָל געווען רויט, מיד, נישט דערשלאָפן און פייכט.

אפרתי האָט דעם ערשטן מאָל אַזוי געזען זיין באַלעבאָס.

— הערט ווייטער, — האָט אייזענבערג פאָרגעזעצט, נישט וואַרטנדיק אויף אפרתיס ענטפער. מיר האָבן די יונגנט פון זיך דער־ווייטערט און זיי האָבן אונז פאַרלאָזן און ווער ווייסט צי אונזער

גרויסע עלטער וועט פאר אונז נישט זיין ווי א קאלטער, גרויזאמער ווינטער, וואס קומט נאכן הייסן, גליענדיקן זומער!...

בערנארד אייזענבערג האט ווידער שווער אפגעזיפצט און גע־ווישט דעם שוייס, וואס איז אים געגאנגען פון שטערן, אין דער זעל־בער צייט, וואס אפרתי האט אים דורכגעדרונגען מיט שארפע, באד־שענדיקע בליקן.

מיטאמאל האט אפרתי זיך אנגענומען מיט מוט און א פרעג גע־טאן:

— איר מיינט וועגן מירעלען?

— פון וואנען ווייסט איר? — האט אייזענבערג אן איבערראש־טער האסטיק א פרעג געטאן.

— זיכער בין איך נישט, נאר איך טראכט אזוי!

— לייענט איר מיינע געדאנקען? — האט בערנארד אייזענ־בערג מיט א געמאכטער רואיקייט איבערגעפרעגט.

— יא — האט אפרתי מיט דערזעלבער סימולירטער קאלט־קייט אפגעענטפערט, איך בין שוין גענוג צייט ביי אייך, כדי אייך צו קענען פארשטיין...

בערנארד אייזענבערג האט זיך דערפילט געשמייכלט און א צו־פרידענער פון אפרתים ענטפער אין פינטל אריין, זיך אפגערופן:

— יא מען קאן זיך פאר אייך פארטרויען, ווי פאר אן אמתן פריינט, יא עס באאומרואיקט מיך מירעלעס גורל און איך וויל וויסן אייער מיינונג!

— זאל איך אייך זאגן דעם אמת, — הער אייזענבערג, —האט דאן אפרתי א דערמוטיקטער פון דעם צוטרוי, וואס זיין באלעבאס שענקט איב, זיך אפגערופן:

— יא, מיך וואונדערט, וואס איר האט אזוי לאנג וועגן דעם געשוויגן!..

א שווערער וואלקן האט זיך מיטאמאל פארצויגן איבער בער־נארד אייזענבערגס פנים. עס האט אויסגעזען ווי א שווערע לאסט וואלט אים געדריקט און ער האט א ווייל געשוויגן, מיטן קאפ גע־זונקען איבערן שרייב־טיש.

בישלעכווייז איז בערנארד אייזענבערג צו זיך געקומען פון אפרתים פלוצלונגער, שווערער קריטיק און ער האט פאמעלעך אויפ־געהויבן דעם קאפ און זיך געווענדעט צו אפרתין מיט א פראגע:

— וואָס מיינט איר, אייגנטלעך?... מירעלע איז דאָך אוועק מיט איר גוטן ווילן...

— זענט איר אין דעם זיכער, הער אייזענבערג? האָט אים באַלד אפרתי רעפּליקירט און פון אים די אויגן נישט אראָפּגענומען.

— ווי דען?... פאַרליבט און אַוועק...

— פאַרליבט... האָט אפרתי געשעפּטשעט און אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ.

— איך פאַרשטיי אייך היינט נישט, אפרתי! — האָט אייזענבערג ארויסגעברומט ווי א פאַרוווּנדעטער לייב. — עס האָט עפּעס געמוזט פּאַסירן!...

— דאָן — האָט אפרתי געמיטלעך געענטפערט, זענענדיק דעם אויפגערעגטן געמיט צושטאַנד פון זיין באַלעבאָס — דאָן וואָלט איר דאָס בעסער געדאַרפט וויסן פון מיר, ס'איז דאָך אייער משפחה, אייער שוועגערין; אייער פרוים שוועסטער!

בערנאַרד אייזענבערג האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין אָרט, געעפנט די טיר, זיך ארומגעקוקט צי איז קיינער נישטאָ אין די זייטיקע צימערן; זיך באַלד אומגעקערט אויף זיין אָרט און מיט אַן ענערגישער שטים זיך געווענדעט צו אפרתין:

— אפרתי, איר האָט אָנגעהויבן, רעדט ווייטער!

— אויב איר דערלויבט מיר, וועל איך רעדן, — האָט זיך אפרתי אָפּגערופן און זיך אויסגעגלייכט ווי איינער, וואָס גרייט זיך צו האַלטן א לענגערן פאַרטראַג.

— האָט איר געהערט נעכטן, הער אייזענבערג, וואָס בערנשטיין האָט גערעדט?

— איך האָב געהערט. אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט, — האָט בערנאַרד אייזענבערג געענטפערט מיט דער געהאַרכזאַמקייט פון א תלמיד. — יאָ, איך האָב געהערט, ווי ער האָט גערעדט וועגן דער עלנד פון די אימיגראַנטן, וועלכע קומען אין א פרעמדן לאַנד, אָן מיטלען צום לעבן, אָן א לשון; דאָך ווילן זיי נישט ווערן קיין שנאָרערס!... גאָלדענע ווערטער!

— און?...

— און וואָס נאָך? יאָ, וועגן קולטור האָט בערנשטיין גערעדט, וועגן דער גייסטיקער שפּייז פאַר דער נשמה... און צום סוף האָט ער

גערעדט, יאָ, איך דערמאָן זיך שוין, וועגן די טמאים, אָ, וועגן די פאַרשאָלטענע שווארצע ראבן!!!

— נו און איצט איז אייער צייט! — איז פּלוצלונג אפרתי אויפגעשפּרונגען פון אָרט,— איצט איז אייער צייט און עס איז אין אייער מאַכט צו באַקעמפן די שווארצע ראבן און איר קענט דאָס טון. הער אייזענבערג!!! — האָט שוין אפרתי געשריגן נישט מיט זיין קול — און איר דאַרפט עס טון!!! עס איז אייער פליכט!!!

אין אן אנדער צייט, וואָלט אַ באַלעבאָס געווים געהאַט פאַריבל אויף זיין אנגעשטעלטן, וואָס וואַגט אים צו באַפעלן און צו לערנען פליכטן, אָבער דאַסמאָל האָט בערנארד אייזענבערג זיך דערפילט אינוואַנצן אונטערטעניק אונטערן באַפעל פון זיין אנגעשטעלטן, ווייל אין אפרתים שטים האָט ער דערפילט די שטים פון זיין אייגענעם געוויסן.

—דערצו האָב איך אייך גערופן! — האָט בערנארד אייזענבערג אנטשלאָסן אויסגערופן מיט אן ארויספאָדערונג — זאָגט, וואָס איך זאָל טון, וועל איך טון!

נישט פאַרלירנדיק קיין איבעריקן מאָמענט, האָט אפרתי זיך אָפּגערופן: — רופט צו זיך מענדל גרינצווייגן!

— וועמען?... אָט דעם!... בערנארד אייזענבערג איז שוין געווען גרייט אַ זידל־וואָרט ארויסצולאָזן פון זיין מויל, אָבער זעענדיק אנטקעגן זיך אפרתין, גרינצווייגס אן אינטימען חבר, האָט ער זיך צו־ריקגעכאַפּט. - - אָט דעם מענדלען?...

— יאָ אים. ער ווייסט וועגן מירעלען!

— וואָס ווייסט ער?!

— אַז מירעלע איז געפאַנגען אין די נעצן פון דער טומאה!!

— וואָס?!!! ..

בערנארד אייזענבערג איז אוועקגעפאַלן אין זיין פאָטעל, ווי פון אַ העקער אן ארונטערגעהאַקטער דעמב און ווען ער איז צו זיך גע־קומען, האָט ער היסטעריש געוועוועט ווי אַ פאַרווונדעטע חיה:

— פון וואַנען ווייסט ער דאָס?!... פון וואַנען ווייסט ער דאָס?...

— איך וועל אייך זאָגן, הער אייזענבערג, ער ווייסט עס, ווייל פון זינט מירעלע איז נעלם געוואָרן, געפינט ער זיך קיין אָרט נישט, מער פון דעם, וואָס ער האָט דבורהלען פאַרלאָרן, ליידט ער פון מיר־רעלעס נעלם ווערן, ווייל זי איז דבורהלעס שוועסטער און פאַר אים,

זיין לעצטער אנהאלט! יא, הער אייזענבערג, מענדל גרינצווייגס הארץ איז צעווייטיקט, אויף שטיקער צעריסן, ווייסט איר. אז א פארוווּנדעט, בלוטיק הארץ איז דאס הארץ פון א נביא!?...

— הייסט עס, אז דאס הארץ זאגט אים דאס און איר גלויבט?...

— אזוי איז עס; זיין הארץ זאגט נבואה, א שווארצע נבואה! און איך גלויב. כאטש אים בין איך דאס נישט מודה.

בערנארד אייזענבערג האט אראפגעלאזן דעם קאפ און זיינע ליפן האבן געשעפטשעט:

— ברענגט אים...

די באגעגעניש מיט מענדל גרינצווייגן האט אייזענבערג דאך אפגעלייגט אויף עטלעכע טעג, ווייל ער האט זיך גענדארפט צעטיילן מיטן שותף. געהייכן האט עס, אז ער דארף מאכן באלאנס...

אין דערזעלבער צייט, וואס אייזענבערג האט זיך צעטיילט מיט זיין שותף און איז געווארן דער איינציקער אייגנטימער פון דער גרעסטער זאקן־פאבריק אין לאנד, איז זיין געוועזענער חבר, מענדל גרינצווייג, געווארן א לערער אין דער יידישער שול און געערדט האט מען אין דער שטיל, אז אין דעם איז געווען בערנארד אייזענבערגס האנט...

עס איז געווען א הייסער זומער־טאג. פארנאכט איז נאך די לופט געווען אזוי ווי אנגעגליט. עס איז פון ערגעץ נישט געקומען קיין ווינטעלע צו קילן און אפצופרישן. פייגל אויף די פארטריקנטע צווייגן זענען געשטאנען פארחלשטע, מיט אראפגעלאזטע פליגל. בלעטער אויף די ביימער זענען געווען אן באוועגונג, ווי פון בליי אויסגעגאסן. די ארבעטער אין פאבריק האט בערנארד אייזענבערג דעם טאג אהיימגעלאזן מיט א שעה פריער. — סיי ווי פאלן זיי דאך ווי די פליגן; טרינקען וואסער און שוויצן מער ווי זיי ארבעטן... איצט. אז ער איז געבליבן אליין, האט ער געטראכט: — עס איז די ריכטיקע צייט! ער האט גלייך באפוילן אפרתין, ער זאל טעלעפאנירן אין שול אריין צו מענדל גרינצווייגן, ער זאל באלד קומען, ער האט זיך אבער פארכאפט:

— ניין. קלינגט נישט. נעמט מיין קאר און ברענגט אים; פארט גיך!

די האַלבע שעה, וואָס עס האָט אפרתין גענומען צו ברענגען מענדל גרינצווייגן, איז פאַר בערנאַרד אייזענבערגן געווען אַן אייביקייט. דורך דער קורצער צייט איז פאַר זיינע אויגן דורכגעלאָפן זיין אימיגראַנטישע פאַרגאַנגענהייט, אין וועלכער ער האָט שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן צו פאַרגעסן און זיך קיינמאָל מער נישט דערמאָנען... ער איז האַסטיק אַרומגעלאָפן איבערן צימער, זיך געריבן דעם שטערן און אַלץ נאָכגעטראַכט, מיט וואָס און ווי אַזוי אָנצוהייבן. ער קען זיך דאָך פאַר איִם נישט בויגן... ער האָט זיך דערמאָנט יענע ערשטע טעג אינם באַראַק, ווען ער איז געווען מענדלס אַפּיטרופּוס און דערנאָך איז ער רייך געוואָרן און יענער איז געבליבן אַ שלים מזל... און דבורהלע, מענדלס געליבטע איז געוואָרן זיין ווייב און די מאַמע פון זיין קינד... וויפל ער האָט געליטן!.. צוליב איר ליידט ער איצט טאָפּלט!...

אַ גערויש פון אַן אויטאָ. וואָס עס האָט זיך דערנענטערט, האָט איבערגעריסן דעם פאָדים פון די געדאַנקען, וואָס זענען אים נישט געווען צום האַרצן און ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן וואָס גיכער פאַרשווינדן, ווי עס פאַרגייט דער רויך פון אַ פּאַפּיראָס.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט און אויפן שוועל האָבן זיך באַוויזן אליהו אפרתי און מענדל גרינצווייג.

בערנאַרד אייזענבערג האָט האַסטיק אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין נגידישע, געפּרעסטע האַלטונג און איז אַנטקעגנגעקומען מענדל גרינצווייגן אַזוי ווי אַ חבר און ווי צווישן זיי וואָלט קיין זאַך נישט פּאַסירט:

— וואָס מאַכסטו, מענדל?

— און דו, בערל?...

— אַזוי געפעלט מיר, קום אַריין, זעץ זיך! און איר אפרתי, קומט אויך אַריין; פאַר אייך האָבן מיר נישט קיין סודות!

ווי דריי חברים האָבן זיי זיך געזעצט אַרום טיש. בערנאַרד אייזענבערג האָט אַ דריק געטון אַ קנעפּל אין וואַנט און עס איז אַריינגעקומען אַ יונג ברוין־הויטיק ייִנגל; זיך הכנעהדיק געבויגט און געפרעגט מיט אַ דין קולעכל:

— וואָס פאַרלאַנגט דער פּאַטראָן?

— נאָ דיר געלט און גיין ברענג אַריין דריי פלעשער קאַלטן לימאָנאַד, נאָר גוט קאַלטן, הערסט!?

אין א מינוט אַרום איז דאָס יינגל צוריקגעקומען מיט צוויי פלעשער און מיט א געוויין:

— פאַטראַן, עס האָט זיך מיר איין פלעשל צעבראָכן...

— נא דיר געלט, באַצאָל פאַרן פלעשל און קויף אַן אַנדערס... אָט א שלים מזל!...

מענדל גרינצווייג האָט ביי די ווערטער „שלים מזל" אויפגעציטערט.

אין דעם מאָמענט אָבער האָט אפרתי זיך געווענדעט צו זיין באַלעבאָס מיט א צווייידייטיקן ווונק:

— איר האָט א טעות, הער אייזענבערג, דאָס פלעשל האָט ער אליין אויסגעטרונקען...

— אויב אַזוי איז ער א מענטש! — האָט בערנאַרד אייזענבערג אויסגערופן און זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן.

מענדל גרינצווייג האָט אין דעם מאָמענט געוואָלט אויסשרייען:

— דו גראָבער נפש, דו האָסט דעם אָרעמען יינגל נישט געוואָלט געבן קיין טרונק צו לעשן זיין פאַרטריקנטן גומען אין דער זילבער צייט, וואָס דו האָסט געפילט דעם טעם פון דורשט!... די מאַכסט דאָך א יונג, אָרעם יינגל פאַר א גנב און דו האָסט דערביי א ווילדע הנאה און דאָס רופסטו אַן „א מענטש" נישט קיין „שלים מזל"-...

ער האָט אָבער גוט אין זינען געהאַט, אַז ער טאָר אַזוי צו בערנאַרד אייזענבערגן נישט רעדן; ער האָט געביסן די ליפּן און געשוויגן.

— טרינק, מענדל, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?

— גאָרנישט, בערל, סתם אַזוי, וועגן מיין ערשטן טאָג אין ישולע!...

מענדל גרינצווייג האָט דערפילט אַז ער האָט אָפּגעזאָגט א ליגן און איז רויט געוואָרן. אין צימער איז שוין געווען האַלב-טונקל און בערנאַרד אייזענבערג האָט נישט באַמערקט זיין חברס רויטלען זיך; ער האָט געענדיקט טרינקען, געוואַרט ביז די אַנדערע האָבן געענדיקט; דאַן האָט ער אַריינגערופן דעם יינגל, געהייסן אים צונעמען די פלעשלעך און בעת מעשה אים געפרעגט:

— אפשר ווילסטו אויך א טרונק?

— א דאַנק פּאַטראָן. שוין געטרונקען!...

— באַנדיט!...

— זעט איר, ה' אייזענבערג, זיי קענען קיין ליגן נישט זאָגן... אַזוי איז דאָס פּשוטע פאָלק!... — האָט אפרתי באַמערקט.

מענדל גרינצווייג האָט געשוויגן, זיך געקרימט און געביסן די ליפּן.

עס איז שוין געוואָרן טונקל. בערנאַרד אייזענבערג האָט אָנגעצונדן דעם עלעקטרישן שטיי־לאָמפּ אויפן טיש, זיך געטיילט מיט זיינע געסט, מיט האַוואַנער ציגאַרן, ווי דריי חברים האָבן זיי פאַרצויגן דעם ציגאַרן־רויך און געוואַרט אַז איינער זאָל אָנהייבן דעם שמועס.

בערנאַרד אייזענבערג האָט אָנגעהויבן:

— ווי געפעלט דיר מענדל, די אַרבעט אין שולע?

— גוט, א דאַנק דיר פאַר דער רעקאָמענדאַציע.

— און דו האָסט געמיינט, אַז איך בין דיר א שונא!...

— פאַרוואָס?!

בערנאַרד אייזענבערג האָט אַרויסגעלאָזן א וואָלקן ציגאַרן־רויך, זיך פאַרטראַכט, און גערעדט מיט א געמיטלעכן טאָן:

— אמת, איך האָב אויף דיר געהאַט א כעס. מיר זענען נישט געפעלן געוואָרן דיינע וועגן, אָבער איך האָב זיך באַטראַכט אַז אין לעבן איז דאָ אַזוי פיל וועגן און אַז יעדער מענטש איז געבוירן געוואָרן מיט זיין וועג, דאַרף מען זיך דערפאַר נישט טאָלערירן?... איבעריקנס האָב איך דיר היינט גערופן, דיר צו געבן א געלעגנהייט מיך צו איבערצייגן, אַז דו האָסט אויך פאַרגעסן דיין כעס אויף מיר...

— איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, בערנאַרד, אַז חברים, ווי דאָ: אין די ערשטע טעג, קענען מיר שוין נישט זיין, א צו־שאַרפער ריס איז צווישן אונז פאָרגעקומען, צו ווייט זענען זיך אונזערע וועגן צעגאַנגען, אָבער ווי מענטשן קענען מיר דאָך זיין פריינט; עס פאַריניקט דאָך אונז עפּעס...

— לויט מיין מיינונג — האָט אפרתי אינטערוועניִרט — פאַריניקן אונז די טעג פון בראשית — — —

בערנאַרד אייזענבערג האָט פאַרצויגן דעם ציגאַר און זיך פאַרטראַכט.

— אויב אזוי, מענדל, קענען מיר דאָך רעדן, ווי פריינט, ווי מיינט איר אפרתי?

— געוויס, געוויס — — — האָבן ביידע מיטאמאָל געענטפערט און געגעבן מוט אייזענבערגן אנצוהייבן דעם שמועס, וואָס האָט אים געדריקט און נישט געפונען קיין וועג.

— זאָג מיר, מענדל, עס האָט מיר מיין פריינט אפרתי דערציילט וועגן דיר, אז דו ווייסט עפּעס וועגן מירעלען, נו, ווילסטו מיר דערציילן, וואָס דו ווייסט?

— וואָס איך וויים און וואָס איך קען דערציילן, פאָדערט עפּעס מער, ווי נייגעריקייט צו וויסן — — —

— באליידיקסט מיך מענדל, אויב דו מיינסט אז מירעלעס לאגע איז פאר מיר בלויז אן אָביעקט פון נייגעריקייט!

— אויב אזוי, זאָג מיר גלייך, בערנארד, וואָס וואָלסטו געדענקט צו טון, ווען דו ווייסט, אז מירעלע ,דיין שוועגערין, דיין פרוים שוועסטער, איז אין א קלעם?

— ראטעווען! — האָט אייזענבערג אויסגעשריגן, און מענדל האָט זיך איבערצייגט. אז זיין פריינט מיינט דאָס ערנסט.

— דאַן וועל איך דיר זאָגן, אז איך וויים אויף זיכער, אז מירעלע איז געפאנגען אין דער נעץ פון טומאה!

— פון וואנען ווייסטו דאָס מענדל?

— מיין הארץ זאָגט עס מיר מיט אזא זיכערקייט, אז איך קען זאָגן, אז איך וויים.

— מענדל, רעד צו מיר מיט פּרטים! — האָט זיך בערנארד אייזענבערג געבעטן; און מענדל גרינצווייג, זיך צורוקנדיק נענטער. האָט מיט א שטילן קול אנגעהויבן דערציילן:

— הער מיך אוים בערל: באלד ווי מירעלע איז נעלם געוואָרן, איז ארוים א קלאנג אז זי איז אוועק פון דער היים מיט א געליבטן שפּאניער; די עלטערן האָבן קריעה געריסן, שבעה געזעסן נאָך דער משומדת, אָבער זיי האָבן נישט געוווּסט ווי גרוים ס'איז זייער בראָך און זיי ווייסן נאָך ביז היינט נישט. וואָס מיט מירעלען האָט פּאסירט און עס ווייסט קיינער נישט, אָבער איך וויים — —

מענדל גרינצווייג האָט שווער אָפּגעזיפצט און ווייטער גערעדט:

— מירעלע איז נישט אוועק מיט קיין געליבטן אין נישט מיט

קיין שפּאַניער. מירעלע איז אַ קינד, וואָס שוועבט אַרום אויף די פליגל פון איר פאַנטאַזיע און דאָס איז אַן אומבאַטראַכט שוועבן אין די וואָלקנס... מירעלע פלעגט אָפט פאַרשווינדן פון דער הייב און אירע עלטערן האָבן נישט געוווּסט וווּהין אירע וועגן פירן... עס האָט קיינער נישט געוווּסט, אָבער איך האָב געוווּסט.

— מענדל, פאַרוואָס האָסטו מירעלען נישט געוואָרנט?! — האָט בערנאַרד אייזנבערג היסטעריש אויסגערופן און באַקומען אַ טרויעריקן טעמפּער.

— איך האָב איר געוואָרנט, אַז זי גייט אויף אַ גליטשיקן וועג און זי האָט נישט געהערט און ווייטער זיך געלאָזט אויף דעם וועג, וואָס פאַרפירט נאַיווע קינדער צו ווייט...

מענדל גרינצוויג האָט טיף אָפּגעזיפצט און ווייטער גערעדט:

— ווי אַ שאָטן בין איך איר נאָכגעגאַנגען, פון אויג נישט אָפּגעלאָזן; איך האָב זיך דערוווּסט, אַז זי גייט פאַרברענגען אין נאַכט־קלובן, זי טאַנצט מיט אומבאַקאַנטע מענער... איך האָב איר נאָכגעפאָרשט אויף אירע אַלע וועגן, כ׳האָב געזוכט מיט איר זיך צו באַגעגענען, אָבער זי האָט מיך אויסגעמיטן. ווי מען מיידט אויס אַ פּעסט!... איינמאָל האָב איך איר באַגעגנט אויג אויף אויג און כ׳האָב איר אין פּנים אַריין מיטן גאַנצן כוח אַריינגעשריגן: — מירעלע דו גייסט אויף אַ גליטשיקן וועג!... אָבער זי האָט מיך אויסגעמיטן און איז פאַרשוווּנדן. פון דאַן אָן האָב איך איר מער נישט געזען און אַז זי איז נעלם געוואָרן, האָט מיר מיין האַרץ געזאָגט: — מירעלע איז אַריינגעפאַלן אין דער נעץ פון טומאה!.... פון דאַן אָן האָב איך שוין נישט גערוט; איך האָב געזוכט, געפאָרשט און כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז די טמאים פאַרשפּרייטן זייערע נעצן אויף ערלעכע יידישע קינדער און עס איז גרויס די סכנה!... די סטרא אחרא פאַרשפּרייט אירע שוואַרצע פליגל און מען דאַרף עפּעס טון; מען מוז טון!!!

בערנאַרד אייזנבערג, וועלכער האָט מענדל גרינצוויגן די גאַנצע צייט אויסגעהערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם, האָט צום סוף אויסגערופן, ווי אַ הילפלאָז קינד:

— מענדל, זאָג וואָס קען מען טון?

— קום מיט מיר! — האָט מענדל גרינצוויג רויִק געענטפערט.

— וואוהין?

— ווו איך וועל דיך פירן; איך דו, אפרתי. קיב מיך!

די לעצטע ווערטער האָט מענדל גרינצווייג אַרויסגעזאָגט אַנטשלאָפן, שוין שטייענדיק מיט איין פוס אין דרויסן.

זיי זענען אַריין אין בערנאַרד אייזענבערג'ס אויטאָ, וואָס האָט געוואַרט פאַר דער טיר; אייזענבערג האָט זיך געזעצט בײַם רודער און נעבן אים, מענדל גרינצווייג, דער וועג־ווײַזער און פון הינטן האָט זיך געזעצט אליהו אפרתי. און עס האָט מיט אַ טעמפּן געריייש די מאַשין זיך אַריינגעלאָזן אין דעם געדיכטן שאָטן־געוועב פון דער שפּעטער, מונקעלער נאַכט.

געטילקיים פון טיפן, טראָפּישן שלאָף האָט געהערשט אין דער הייסער, אָנגעגליטער לופט. מענטשן, חיות פייגל, אַלץ איז געשלאָפן און אַפילו די ביימער, גראָזן און בלומען און די בערג אַרום שטאָט, איינגעהילט אין ווײַלעט־בלויע טאָגעס מיט לבנה־שטראַלן באַגאָסענע, האָבן געדרימלט...

— אַלץ שלאָפט... האָבן מענדל גרינצווייגס ליפּן געשעפּטשעט, ווען דער אויטאָ האָט דורכגעשניטן די אין גרינס איינגעטונקטע רעפּאָרם־אַלייען, — אַלץ שלאָפט, אַלץ... די ביימער ווי פאַרגליווערטע מאָנומענטן... קיין ריר, קיין באַוועגונג פון קיין צווייגל, פון קיין בלעטל... ביימער ווי מאָנומענטן...

פון ערגעץ האָט זיך דערהערט אַ לאַנג צעצויגענער און פּזורדיקער קריי פון אַ האָן און אין דער איינגעשלאָפענער לופט האָט דער געוויינלעכער קריי זיך צעקלונגען אין צענטליקער עכאָס און ס'האָט אויסגעזען, ווי צענטליקער הענער וואָלטן זיך צעקרייט אין די אַרומיקע בערג און זיך פאַרנומען אויפצוּוועקן די איינגעדרימלטע שטאָט...

ווי אַ שאָטן האָט געשלייכט אַ פאַרשפּעטיקטער פוס־גייער און זעענדיק דעם לויפנדיקן אויטאָמאָביל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און באַגריסט מיט אַ לאַנג צעצויגענעם געגעץ...

אין אַ ווינקל אָנגעשפּאַרט אָן אַ לאַמטערן, וואָס האָט געוואָרפן אַ שוואַכן שיין צווישן די געדיכטע שאָטנס, איז געשטאַנען אַ פאַרשלאָפענער פּאָליסמאַן, וואָס האָט אויפגעריסן די אויגן צום הימל צו זען צי עס לעשט זיך נישט ערגעץ אַ שטערנדל...

אין א ווינקל ביים שיין פון א האטעל־לעמפל איז געשטאנען א גאסן־פרוי און געקעדט אין דער שטילקייט אריין מיט אויגן שפראך אין דערזועענדיק דעם לויפנדיקן אויטא, נאכגעשליידערט בליקן פון תאווה און קנאה...

עס האט שארף אפגעהילכט אין דער שטילער לופט א הונט־געביל, וואס איז וואס ווייטער אלץ שטילער און שטילער געווארן אין עס האט אין דער שטילקייט אפגעקלונגען ווי דאס וואיען פון א סטאדע הונגעריקע וועלף...

און ווידער האט געהערשט א טויטע שטילקייט און די טראַ־גישע הייך האט אן רחמנות געגליט, דעם אטעם נישט צו כאפן!

בערנארד אייזענבערג האט געטריבן דעם אויטא מיט דער גרעסטער שנעלקייט. עס האט אים געטריבן דער אימפעט פון ברענענדיקן לוסט, וואס גיכער צו דערגרייכן דעם ציל.

אלייען, בולוארן, גאסן, פלעצער זיינען פארבייגעפלויגן ווי בייל פון הויגן; אדורכגעשניטן דעם צענטער פון שטאט; די גאסן ווערן שמעלער, די הייזער ווערן קלענער, איינגעהויקערטע, קארלי־קעס... עס דערהערן זיך הייזעריקע קולות פון שיכורים, וואס שילטן מיט טויטע קללות אין דער נאכט אריין... עס דערהערט זיך א גאַ־ליקער געלעכטער פון נאכט־פרויען... עס ווערט אומהיימלעך...

מענדל גרינצווייג, דער וועג־וויזער ווייזט אן מיטן פינגער ביי יעדן עק פון גאס, וווהין זיך צו פארקערעווען און דער אויטא דרייט זיך דורך שמאלע געדרייטע, פינצטערע געסלעך און...— אט דא איז עס!...

דער אויטא האט זיך אפגעשטעלט פאר א קאפע־הויז, פון וועלכן עס האט זיך געטראגן אין דער שטילקייט פון דער נאכט א ווילדער, פרעכער טומל און אין דער פינצטערניש איז געפאלן א שמאלער, בלייכער ליכט־פאס...

בערנארד אייזענבערג האט ארויסגעקוקט דורכן אויטאַ־פענצטערל און געלייענט אויף אן אפגעבליאקעוועטער שילד: „קאפע וענוס". דורך די שויבן פון טיר און פענצטער, מיט דורכזיכטיקע רויטע פארהענגלעך פארהאנגענע, האט ער געזען פנימער פרעכע, מיט שמאלע אנגעגאסענע, וואס האבן ווי שדים געשוועבט צווישן ציגארן־רויך און פרעכן געלעכטער... עס האט זיך געהערט א גע־קלאפעריי פון דאמינא־ביינער איבער מארמאר־טישלעך...

— דאָס זענען זיי, די טמאים!... האָבן אפרתי׳ס ליפּן געשעפּ־מעשעט און ער האָט געקריצט מיט די ציין פון ווייטיק.

מיטאמאָל האָט זיך איבער בערנארד אייזענבערגס פּנים פאַר־צויגן א וואָלקן.

— דוד ווייסבערג... די אלטע פלעדערמויז, ער איז צווישן זיי... און ער קומט צו מיר!... און זיינע ליפּן האָבן ארויסגעבראכט א קללה.

אין דעם מאָמענט איז אין קאַפע־הויז געוואָרן א באוועגונג, מ׳האָט זיך געהויבן פון די ערטער; מ׳האָט באמערקט דעם פאַר־דעכטיקן אויטאָ...

בערנארד אייזענבערג האָט האסטיק א ריס געטון די מאַשין און אוועק. ווען זיי זענען שוין געווען אויף א ווייטער שטרעקע, האָט ער באמערקט:

— מיר זענען געווען אין א גרויסער געפאַר, אָבער איצט האָב איך זיי אין דער האנט!... מאָרגן זענען זיי אלע אין פּעקל!...

אויף צו מאָרגנס גאַר פרי, האָט בערנארד אייזענבערג זיך פארמאכט אין זיין קאבינעט מיט זיין אדוואָקאט און אָפּרתין האָט ער אנגעזאָגט, אז ער זאָל אכטונג געבן אויף דער פאבריק און קיי־נעם צו אים נישט צולאָזן.

בערנארד אייזענבערגס אדוואָקאט איז געווען אן ענערגישער יונגערמאן, וועלכער האָט נאָכן ענדיקן אין מעקסיקע, שטודירט אין פּאריז, אין לאָנדאָן, אין ניו יאָרק און איבעראל געלערנט די מעטאָדן פון יורידישער פּראַקטיק.

זיין האלטונג איז דערפאַר געווען ווי פון א וועלטלעבן מענטשן; קלוג, געלאַסן, אויסגערעכנט און האָט ער איבערגענומען א זאך דורכצופירן, איז ער געגאנגען אויף אן אייזערנער בריק.

בערנארד אייזענבערג איז געזעסן און מיט ליבשאַפט גע־שמייכלט צו דעם ברונעטן, מיטל־געוויקסיקן, סימפּאַטישן יונגנמאן, וועלכער האָט צו אים געפינקלט מיט פייערדיקע אויגן און פון צייט צו צייט זיך א גלעט געטון די דינינקע, שווארצע וואָנסעלער.

בערנארד אייזענבערג האָט יעדע ווײַלע געענדערט זיין אד־וואקאטס עפּימעטן; אָט האָט ער אים גערופן ביי זיין נאָמען, דאָן מאַרטין; אָט ביי זיין פאמיליע־נאָמען, סעניאָר גאָנסאלעז און אָט

ביי זיין טיטל, אבאגאדא, ליסענס־אדא, אדער מיט ליבשאפט, מי ביען אמינא...

בערנארד אייזענבערג האט דאסמאל מער ווי אלעמאל, גע־וואלט געווינען זיין אדוואקאטס הארץ, ווייל דא האט זיך דאך נישט געהאנדלט וועגן א געלט־זאך, נאר וועגן א פיל וויכטיקערער זאך ווי געלט.

עס איז אים געגאנגען אין דעם, אז זיין אדוואקאט זאל אים דאסמאל זיין געטריי, איבערגעגעבן און ענערגיש, מער ווי אלעמאל און ער האט דאס עטליכע מאל שארף באטאנט, ביז ער האט אויפ־געקלערט דעם גאנצן ענין, וואס האט געפרעסט זיין הארץ ווי א שווערער שטיין, דערשטיקט צו ווערן.

— איך פארשטייט דאך מיין טייערער פריינט, אז מיר האבן דא צו טון מיט א געפערלעכער באנדע, דורכגעטריבענע פוקסן... האט בערנארד אייזענבערג אריינגערעדט זיין אדוואקאט גלייך אין די אויגן אריין — מיר דארפן אלזא, האנדלען זייער שנעל און ענערגיש!!

בערנארד אייזענבערג האט אלץ דערציילט זיין אדוואקאט, קיין פרט נישט דירכגעלאזן און קיין זאך נישט פארבארגן און האט ער שפעט פארפעלט. האט אים דער אדוואקאט געפרעגט און ער האט גענוי דערציילט און מיט אלע פרטים. דער אדוואקאט האט די גאנצע צייט געמאכט נאטיצן אין זיין נאטיץ־ביכל און ווען בער־נארד אייזענבערג האט געענדיקט רעדן, האט זיך צו אים דער אדוואקאט אפגערופן מיט א רואיקן, אבער זיכערן טאן:

— אלץ איז שאר מיר קלאר, דאן בערנארדא, און אלץ וועט נאך היינטיקן טאג ווערן דורכגעפירט אויפן בעסטן ארט!

בערנארד אייזענבערג האט דאן אויסגעשריבן א פעטן טשעק און עס דערלאנגט דעם אדוואקאט.

— דאס האט איר, אבאגאדא, אויף די שפייזן און ווען אלץ וועט זיין דורכגעפירט וועל איך אייך ערשט האפרידיקן, אזוי ווי בערנארד אייזענבערג קען!! און מיין אויטא האט איר צו אייער דיספאזיציע אויפן גאנצן טאג און מיין שאפער האט איר אייך צו אייער דיספאזיציע!

בערנארד אייזענבערג האט זיך געקלאפט אין פלייצע מיט

זיין אדוואָקאַט און ווען יענער איז אוועק, האָט בערנאַרד אייזענ־בערג פריי אָפּגעאָטעמט:

— עס וועט שוין גיין, ווי געשמירט... — האָט ער געשעפּ־טשעט און זיך אומגעקערט צו זיין נאָרמאַלער אַרבעט.

— די חברה זענען שוין ביי מיר אין פּעקל... האָט ער פאַר־בייגייענדיק, געשעפּטשעט אַפּרתין אין אויער אַריין. און זיך גע־ריבן די הענט פאַר נחת.

צו זיינע אַרבעטער איז דעם טאָג בערנאַרד אייזענבערג געווען גאָר אַן אַנדער מענטש...

אויף מאָרגן איז אין רעסטאָראַן, אין באַריין. אויף די מערק; אומעטום ווו אימיגראַנטן באַגעגענען זיך, געווען דער געשפּרעך פון טאָג יוענן בערנאַרד אייזענבערגס אויפמון; ווי ער האָט די גאַנצע פּאָליציי געשטעלט אויף די פיס, ווי ער האָט געפּאַקט ביי זיך אין שטוב „די אַלטע בלעדערמויז"... דער חברה־מאַן האָט פון זאַרנישט געוווסט און ער איז ווי קריימאַל גאָרנישט געקומען צו בערנאַרד אייזענבערגן אויף אַ קערטל און בערנאַרד אייזענבערג האָט אים אַזוי צוגעדריקט צו דער וואַנט, אַז ער האָט אַלץ געמוזט אויסזאָגן...

— וואָס זאָגט איר צו אייזענבערגס כח?!... אַ כח!... אַ כח!.. ער האָט דאָך געבונדן די סטרא אחרא!...

דעמזעלבן טאָג איז די גאַנצע חברה ממאים אוועקגעשיקט געוואָרן צום פּאָרט וועראַקרוז און פון דאָרט אויף אַ שיף צוריקגע־שיקט געוואָרן פון וואַנען זיי זענען געקומען, קיין אַרגענטינע.

אין דערזעלבער צייט, האָט מען געשמועסט, אַז אַ מהגה גע־היים־אַגענטן זענען מיט אַן עראָפּלאַן אַוועק אין קובא און דאָרט איז געווען דיזעלבע חתונה אָן כלי זמרים...

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן שוין פייגל אויף די דעכער געוווסט צו דערציילן ווי אַזוי אַ יידישע טאָכטער האָט זיך אויס־אַרויסגעראַטעוועט פון דער נעץ פון די טמאים.

— ווער איז זי ...

— וואָס הייסט ווער,

— מירעלע!

— מירעלע, דאָרנבוימ׳ס יינגערע טאָכטער!

— ווער האָט איר גערעטעוועט?

— בערנארד אייזענבערג, ער האָט דאָך מיט א כישוף געבונדן די סטרא אחרא!... אזא כח!... געבונדן די סטרא אחרא!...

ביי בערנארד אייזענבערגן אין א זייטיקן צימער, איז געלעגן אויף א סאָפקע, מיטן קאָפּ איינגעוויקלט אין א קישן און געשטיקט אין זיך טרערן, די געראַטעוועטע, מירעלע דארנבוימ׳ס.

נעבן איר איז געזעסן איר שוועסטער, דבורהלע און געווישט מיט א טיכעלע אירע פייכטע אויגן.

פון אן אנדער צימער האָט זיך געהערט א האַרטע, מענערשע שטים און א האַרציקער געלעכטער פון דערזעלבער מענערישער ברוסט און ווי א צאַרטער עכאָ — דאָס לאַכן פון א קליין אומשולדיק קינד און דער קינדערשער געלעכטער האָט זיך צעקלונגען, ווי דינינקע זילבערנע גלעקלעך... און עס האָבן זיך אין חלל צענויפגעמישט דאָס שלוכצן פון דער הארצן־טיעריקער מירעלען מיטן לאַכן פון דער האלב־יעריקער ליבעלען...

ווען א פּאָעט וואָלט דערביי געווען, וואָלט ער געזאָגט:

— עס וויינט די שווארצע נאכט, וואָס פארגייט און עס קוועלט דער העלער באגינען וואָס קומט אָן...

זיבעטער קאַפּיטל

שמעון דאָרנבוימס לויה.

פון זינט מירעלע איז נעלם געוואָרן, האָט דער אַלטער שמעון דאָרנבוים אָנגעהייבן ליידן אויפֿן האַרץ. דאָקטוירים האָבן געוואָרנט: ער דאַרף זיך היטן, נישט אויפרעגן זיך; יעדע מינדעסטע אויפרעגונג איז פאַר אים געפערלעך!

האָט מען זיך אין שטוב שטאַרק געהיטן קיין צו הויך וואָרט נישט אַרויסצורעדן. די אַלטע איז אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיצן פינגער; פאַרביסן מיט די ציין אירע ליפּן און פאַרשוויגן אירע צרות... אַפילו דער שטיפערישער משהלע איז געוואָרן שטיל, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען מיט זיין קינדערשן שכל אין וואָס פאַרא לאַגע עס געפינט זיך דער טאַטע.

ווינטער איז דעם אַלטן ערגער געוואָרן. ביינאַכט האָט אים אויסגעפעלט אָטעם און ער האָט פאַרלאָרן דעם שלאָף. גאַנצע נעכט אויפן געלעגער האָט ער געהוסט און שווער געסאָפּעט.

אין שטוב האָט מען זיך געשראָקן פאַרן אַלטנס לאַגע און מען האָט זיך געהיטן קיין איבעריקן וואָרט נישט אַרויסצורעדן, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו אים האָט דערגרייכט די ידיעה, אַז מירעלע איז צוריקגעקומען.

אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך אָנגערוקט אַ טיפע מורא שחורה. מען האָט געוווּסט אַז אַן איבעראַשונג איז געפערלעך פאַרן אַלטנס געזונט.

און דער אומגליק איז געקומען נאָך פריער, ווי מען האָט זיך גערעכנט.

שמעון דאָרנבוים האָט אַ גאַנצע נאַכט זיך געראַנגלט מיט

דער שלאפלאזיקייט, ווי א גוסס מיטן מלאך המות און פארטאג איז ער שווער איינגעשלאפן. פלוצלונג האט זיך דער אלטער אויפגע־כאפט מיט א געשריי: מ י ר ע ל ע ! ! און זיך פארהוסט און ס'האט זיך אים פארהאקט דינער אטעם.

ווען דער דאקטאר איז געקומען, איז שוין געווען נאך אלעמען...

שמעון דארנבוימס טויט האט געמאכט א שטארקן רושם. באטש מען האט געוווסט, אז שוין פון א צייט ווי ער האט זיך געראנגלט צווישן לעבן און טויט... אין שול האבן שוין נישט איינ־מאל פרומע יידן געזאגט תהלים פארן נוטה למות... דאך.... אזוי פלוצלונג!...

צו שמעון דארנבוימס לויה איז געקומען גאנץ שטאט. אלע זענען געקומען: פרומע און פרייע, רייכע און ארעמע. יונגע און אלטע; זיין גוטער נאמען איז געגאנגען פאר אים ווי א גוטער ריח. זיין פרומקייט, זיין ערלעכקייט, זיינע טובות פארן כלל און מיטא־מאל, זיין פלוצימדיקער טויט, דאס האט אלעמען געבראכט צו דער לויה, ווי צו דער לויה פון אן אייגענעם, א גאר נאנטן.

עס איז געווען א פארכמארעטער טאג. די הימלען האבן זיך פארצויגן מיט גרויע וואלקנס; עס האט אויסגעזען ווי אין דער לופטן זאל הענגען א רעגן, נאר זיך אראפצולאזן; א ווינט האט געשקאלט די ביימער און די בלעטער האבן אומעטיק געשעפטשעט.

איבער די אלייען, ווו דער אויטאמאביל מיטן ארון איז דורכ־געפארן, האבן פארבייגייער זיך אפגעשטעלט. אראפגענומען די היטלען און זיך באלד צוריק פארדעקט די קעפ זענדיק מיט שטוי־נונג, אז די באגלייטער האבן זייערע קעפ צוגעדעקטע... מען האט נאך אזעלכעס נישט געזען...

א לאנגע שורה אויטאס האט פאמעלעך אין א טרויער־פראצעסיע זיך געצויגן נאכן ארון.

אין ערשטן אויטא איז געזעסן די אלמנה מיט אירע צוויי טעכטער, דבורהלע און מירעלע, מיטן איידים, בערנארד אייזענבערג, און מיטן עלטיאריקן קדיש, משה'לען.

אין צווייטן אויטא זענען געפארן מענדל גרינצווייג מיט זיין;

הבר אליהו אפרתי, שלמה בערנשטיין מיטן פראפעסאר און לייבל ליפאוויטש.

דערנאך איז געפארן יהודה לייב שוחט מיט זיין משפחה און נאך זייער אויטא, א לאנגע שורה אויטאס מיט אלטע לייט, יונגע, סוחרים, פאבריקאנטן, פעדלער... אלע מיט פארזארגטע פנימער, ווי אין שאטן פון טויט, פארטראכט וועגן תכלית פון לעבן...

ארויס פון שטאט אויף א בערגל, איז ארומגעצוימט א שטיק ליידיק פעלד. דאס פעלד איז ווו נישט ווו מיט דערנער באוואקסן. אין א ווינקל שטייט א פארקרימטער, פארטריקנטער בוים מיט דארע צווייגן, ווי מאכטלאז, אראפגעלאזטע ארעמס.

צו דעם פעלד איז די טרויער־פראצעסיע צוגעקומען. זיך אפגעשטעלט און פארטרויערטע מענטשן, זענען שווייגנדיקע ארויס פון די אויטאס און זיך דערנענטערט צום ארון.

וויינען און שלוכצן האבן געשפאלטן אויף שטיקער די לופט, ווען מען האט די מיטה אריינגעטראגן דורכן אפענעם טויער אין טהרה־שטיבל אריין.

—מיין שמעון!!!... מיין טאטע!.. טאטע!!!... מאמע!!...

עס האבן זיך פעסט געהאלטן געארעמט, די אלמנה געבראכענע זלאטע, מיט אירע טעכטער, דבורהלע און מירעלע, מיטן איידעם, בערנארד אייזענבערג.

יהודה לייב שוחט האט געפירט ביי א הענטל דעם עלף־יעריקן יתום, משהלען, וועלכער איז די גאנצע צייט געגאנגען ווי א דערשראקענער אין טרויער, מיטן קעפל אראפגעלאזן צו דער ערד.

נאך זיי זענען געגאנגען מענדל גרינצווייג מיט אליהו אפרתין, שלמה בערנשטיין מיטן פראפעסאר. לייבל ליפאוויטש מיט עטלעכע אימיגראנטן און דערנאך, מענער, ווייבער, אלטע, יונגע... אויפן פעלד האט זיך מיטאמאל דערהערט ווי א פייגל־געצווישטשעריי און ס'האט זיך באוויזן א גרופע קינדער. שילער פון דער יידישער שולע, משהלעס חברים.

יהודה לייב שוחט מיט א גרופע עלטערע יידן זענען באלד פארשוונדן פון דעם געזעמל. זיי האבן זיך פארנומען מיט דער לעצטער מצוה, מיט דער טהרה.

מענדל גרינצווייג האט זיך פון אלעמען אפגעטיילט. טיף אין געדאנקען זיין צער, פארשטייערט זיין הארץ און ער האט קיין טרער־

פון זיינע אויגן נישט געקאָנט אַרויסברענגען און עס האָט אַ שווערער שמייכל געדריקט זיין געמיט און ער האָט פאַר זיך קיין וואָרט נישט געקענט געפינען.

ווי אַ שאָטן האָט ער אַרומגעוואַנדערט צווישן די דערנער און ווו נישט ווו האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פרישן קבר. אָט איז אַ קבר פון אַ יונג, אומשולדיק קינד. מענדל גרינצווייג האָט זיך דערמאָנט. עס האָבן אימיגראַנטן מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יונג קינד. אויפן שיף האָט זיך דאָס קינד פאַרקילט און אויפן דריטן טאָג דאָ געפונען די אייביקע רו... אָט איז אַ קבר פון אַ זקנה. עס האָבן אימיגראַנטן מיט זיך מיטגענומען אַן אַלטער מאַמען און זי דאָ באַגראָבן... און אָט דאָ ליגט אַ קדוש!...

אַ יונגער אימיגראַנט האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַן אייזל רייטנדיק איבער דערפער, ביליקע שטאָפן צו פאַרקויפן די פויערים אויף „אַבאַנאָס" און אין אָוונט, רייטנדיק אַהיים, אויף די בערג, זענען אים רויבער באַפאַלן, צוגערויבט זיין ביסל סחורה, וואָס איז פאַרבליבן און דאָס ביסל געלט. וואָס ער האָט צוזאַמענגענומען און זיין קערפער אַזוי צעשטאָכן מיט מעסערס אַז מען האָט אים נישט געקאָנט דערקענען!...

אַרום יעדן קבר האָט זיך געזאַמלט אַ גרופּע און באַוויינט, באַזיפצט, באַקלאָגט אַ טאַטן, אַ מאַמען, אַ ברודער, אַ שוועסטער, אַ קינד...

און אָט גראָבט מען שוין אַ פרישן קבר.

צוויי קרעפטיקע, אָפּגעברענטע, ספרדישע יונגען שפּאַרן זיך אָן פריער מיט אַ פוס און דערנאָך מיט דער גאַנצער וואָג פון זייערע פעסטע יאָדערדיקע קערפּערס אויף דער לאָפּאַטע, וואָס יעדער אייגער פון זיי האַלט פעסט און די אַנטבלויזטע, מוסקולירטע הענט און די ערד שפּאַלט זיך, עס פּלאַצט און ברעקלט זיך די האַרטע פאַרשטיינערטע ערד און מיט אַ טעמפּן קלאַפּ פאַלט יעדע ווייל אַ גרודע, שוואַרצע ערד אויפן אויבערפלאַך.

— האַרטע ערד! — ברומען אונטערן נאָז, אומצופרידענע, די יונגען און ווישן מיט אַ ברעג פון זייער אַריבערגעוואָרפענער העמד דעם שווייס, וואָס רינט פון זייערע פאַרברענטע שטערנס.

די פאַרעקשנטע ערד גיט זיך אָבער ביסלעכווייז אונטער דעם יונגן כח און עס עפנט זיך אַ טיפער, פינצטערער קבר.

עס דערהערט זיך א פארשטיקט געוויין, וואס רייסט זיך ארויס פון פארקלעמטע הערצער.

— מען גראבט שוין דעם פינצטערן קבר!... דאס איז דער סוף פון דעם מענטשנס לעבן אונטער דער זון!..

די מהרה האט זיך געענדיקט און מען טראגט שוין דעם אלטן שמעון דארנבוים צו זיין אייביקער רו.

דער קבר ווערט ארומגערינגלט פריער פון די גאר נאנטע און דערנאך פון גוטע פריינט און פון סתם יידן, וואס זענען געקומען שמעון דארנבוימען אפגעבן דעם לעצטן כבוד און מקיים זיין די מצוה פון חסד של אמת.

און עס פאלן אינם קאלטן קבר אריין הייסע, זודיקע טרערן, באגלייט פון פארשטיקטע שלוכצן און זיפצן.

און עס שלינגט איין דער שטומער קבר די טרערן, די זיפצן און שלוכצן פון די לעבעדיקע און די פארגליווערטע גופים פון די געשטארבענע...

און דער קבר שווייגט... און דער קבר באהאלט אין זיין שטו־מען שווייגן די סודות פון אלע דורות...

צווישן עולם ווערט א באוועגונג און איבערן קבר באווייזט זיך די שלאנקע געשטאלט פון יהודה לייב שוחט. ער הייבט אן מיט א שטילער געבראכענער שטים דעם הספד.

— „אור זרוע לצדיק" דער וועג פון דעם צדיק איז פארזייט מיט ליכט. „צדיקים במיתתם קרויים חייב" צדיקים ווערן נאך זייער טויט פאררעכנט פאר לעבעדיקע און זיי גייען ערשט דאן אריין אין דעם אמתן לעבן, אין דער אמתער וועלט, ווייל אונזער לעבן אויף דער זינדיקער ערד איז א פאלש לעבן; אונזער וועלט איז א פאלשע וועלט, א עולם שקר, עס איז נאר א קארעדאר, א פרוזדור זיך צוצוגרייטן צו יענער וועלט, וואס רופט זיך טרקלין און דאס מיינט מען דעם גן־עדן, צו וועלכן נאר אמתע צדיקים זע־נען זוכה! אט דער נפטר, רב שמעון דארנבוים, זכרונו לברכה איז געווען א איש צדיק וישר א מענטש וואס האט כל ימיו געלעבט ערליך און איז געווען א עוסק בצרכי ציבור באמונה; ער האט גע־בויט א שול, א בית תפילה און א שול פאר קינדער, א בית חינוך און אפילו אט דעם בית החיים האט דער נפטר געהאלפן שאפן!... זיין האנט איז תמיד געווען אפן פאר צדקה און זיין הארץ — פאר

רחמים!... דערפאר, רבונו של עולם, עפן אויף די שערי רחמים און די שערי גן עדן פארן צדיק, רב שמעון דארנבוים, וואס האט נישט קיין הנאה געהאט פון עולם הזה, דערפאר זיך אבער אנגעגרייט אזוי פיל עולם הבא!...

די גאנצע צייט פון דעם הספד האט יהודה לייב שוחט גע־האלטן זיינע אויגן געווענדעט צום הימל און מיטאמאל האט ער די אויגן אראפגעלאזט צו דער גרופע קינדער, וואס איז געשטאנען ארום קבר און זיך געטוליעט צו זייערע לערער און מיט טרויעריקע בליקן האבן זיי באטראכט זייער חבר, דעם יתום. „בזכות התינוקות של בית רבן, תהא נשמתו צרורה בצרור החיים!" האט יהודה לייב שוחט אויסגעדונערט מיטן גאנצן כח און עס האט זיך קלאר גע־הערט ווי זיין קול קייקלט זיך אין חלל ארויף העכער, העכער אין אט־אט דערגרייכן זיינע ווערטער דארט, וווהין ער האט זיי געשיקט.

און יהודה לייב שוחט האט פארענדיקט שטיל און מיט טרערן אין די אויגן: „בגן עדן תהא מנוחתו ונאמר אמן".

— אמן, אמן, אמן! האבן זיך געהערט פון אלע זייטן קולות אויסגעמישט מיט יללות, שלוכצן און זיפצן.

נאכן הספד, האט יהודה לייב צוגעפירט צום קבר משה'לען און מיט אים געזאגט קדיש.

יהודה לייב שוחט האט געזאגט קלאר און הויך, אויפן קול און משה'לע האט געשעפטשעט:

„יתגדל ויתקדש שמה רבא...

ווי אלע טרערן־קוואלן, וואלטן זיך מיט אמאל אויפגעבראכן, האט זיך דערהערט א געוויין, וואס האט אלעמענס הערצער צעריסן אויף שטיקער.

עס האבן מיטגעוויינט מיטן קדיש, נישט בלויז די משפחה, נאר אלע האבן שוין מיטגעוויינט, אלעמענס הערצער זענען געווארן אפענע טרערן־קוואלן. אויך מענדל גרינצוויג האט זיך צעוויינט און ער האט דערפילט א דערלייכטערונג.

צוריק פון דער לויה, האט יעדער איינער געאיילט וואס גי־כער צו קומען אהיים, צוריק צום לעבן.

מענדל גרינצוויג האט זיך נישט געאיילט אהיים. ווי א שאטן האט ער געשפאנט נאך דער פאריתומטער פאמיליע.

ער האָט געזען ווי אַ יונג מיידל האָט געהלשט און מען האָט זי קוים דערמינטערט.

ער איז צו נענטער, זיך דורכגעדרענגט דורכן געזעמל און דערקענט מירעלען.

בערנאַרד אייזענבערג האָט איר דאַן פעסט גענומען אין זיינע אָרעמס און דער צווייטער האָט איר אונטערגעכאַפּט מענדל גרינצווייג.

איינגעהילט אין שוואַרצן, דעם קאָפּ טיף צו דער ערד געזונקען, האָט זי אויסגעזען ווי אַ שטיק מרויער.

אירע ליפּן האָבן אַן אויפהער געשעפּטשעט:

— מיין שולד... מיין שולד... מיין שולד...

דריטער טייל

אינהאלט

ערשטער קאַפּיטל — דער קאַמיטעט	זייט 163
צווייטער קאַפּיטל — קאָלאָניזאַציע	„ 171
דריטער קאַפּיטל — די דעלעגאַציע	„ 175
פערטער קאַפּיטל — א מאַניפעסטאַציע	„ 179
פינפטער קאַפּיטל — אויף א ווולקאַן	„ 183
זעקסטער קאַפּיטל — אין שולע	„ 187
זיבעטער קאַפּיטל — דער מיליאָנער	„ 191
אכטער קאַפּיטל — אין שוים פון דער נאַטור	„ 195
ניינטער קאַפּיטל — באַגינען	„ 213
צענטער קאַפּיטל — דער משולח	„ 217

ערשטער קאַפּיטל

דער קאָמיטעט.

די אימיגראַנטן האָבן שוין פאַרגעסן אָז זייערע פּעטיציעס און מעמאָראַנדומס און עס האָט אויסגעזען אַז קיינער וועט זיך אויף זיי נישט אומקוקן; אַליין וועלן זיי שוין מוזן בויען זייער לעבן אינם נייעם לאַנד. די ערשטע טריט מוזן זיין שווערע געשטרויכלטע אין דערנער און שטיינער, אָבער וואָס ווייטער וועלן די טריט ווערן אַלץ פעסטער, זיכערער און אַלץ מיטן אייגענעם כּוח!

דאָך האָט זיך דאָס אייז גערירט.

פון אַמעריקע איז געקומען אַ שליח אין געשטאַלט פון דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין, אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן, גרוי ווי אַ טויב, אָבער שלאַנק און גלייך ווי אַ ליניע. זיין זילבער־ווייסער קאָפּ האָט אויסגעוויזן ווי אַ קאָנטראַסט צו זיין יונגן, רירעוודיקן קערפּער. זיינע בלויע מויבן־אויגן האָבן געשמייכלט. בעת ער האָט גערעדט צו מענטשן און גערעדט האָט דער דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין שטיל, רואיק, בנעימותדיק אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיינע געדאַנקען לייריש אַרויסזונגען....

גאָר גיך איז דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין געוואָרן מיט אַלעמען היימיש, מעשה־הבר. מיט אַלעמען, אָרעם צי רייך, אָן אונטערשיד.

פון די פּעטיציעס און מעמאָראַנדומס, וואָס די מעקסיקאַנער יידישע אימיגראַנטן האָבן געשיקט קיין אַמעריקע, האָט דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין שוין גוט געקענט די לאַגע און ער איז געקומען אָרגאַני־זירן קאָנסטרוקטיווע הילף און דאָס איז אויך געווען, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אין זיין גייסט און די אַרבעט דאַרף געטון ווערן

מיט א סיסטעם; און זיין סיסטעם איז קאָאָפּעראַציע. אַלע דאַרפֿן קאָאָ־פּערירן.

די רייכע — מיט געלט; די נישט פאַרמעגלעכע (דאָס וואָרט „אָרעמע" האָט דער דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין נישט באַנוצט) — מיט ראַט און טאַט און וועלן זיי רייך ווערן, וועלן זיי אויך העלפֿן מיט געלט.

דער פּלאַן איז געווען: אַז אימיגראַנטן־הויז, ווו די אימיגראַנטן זאָלן זיך קענען געפֿינען ביז זיי וועלן זיך איינאָרדנען; א ביליקער רעסטאָראַן; קורסן פֿאַר דער לאַנד־שפּראַך, שפּאַניש; מעדיצינישע הילף און הלוואות זיך איינצואָרדנען. דאָס דאַרפֿן זיין די הויפּט־פֿונקציעס פֿון דעם הילפֿס־קאָמיטעט און דאַן וועלן נאָך זיין נעבן־פֿינקציעס, ווי פאַרמיטלונג, איבערזעצונגען, אינטערווענצן ביי דער רעגירונג, עצות, שאַפֿן הילף ביי פאַרמעגלעכע קרובים אין אמעריקע, אויסגעפֿינען אדרעסן פֿון קרובים א.א.וו.

דער דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין האָט דערקלערט אז ער קומט אין נאָמען פֿון אָרדען וואָס הייסט „בני ברית" און ער פֿאָדערט פֿון די רייכע יידן, אז זיי זאָלן שאַפֿן פּופּציק פּראָצענט פֿון דעם נויטיקן קאַפּיטאַל; דאָס הייסט אז וויפֿל געלט די מעקסיקאַנער רייכע יידן וועלן שאַפֿן צו העלפֿן די אימיגראַנטן. וועט „בני ברית" געבן דיזעל־בע סומע פֿון זייער זייט און די הילף דאַרף זיין דורכוים קאָנסטרוק־טיווע, כדי די אימיגראַנטן זאָלן זיך איינאָרדנען און קענען צוריק אָפּצאָלן די הלוואות און דיזעלבע געלטער זאָלן שפּעטער נוצן צו העלפֿן נייע אימיגראַנטן, וואָס וועלן דערנאָך קומען.

צוערשט האָט דער דאָקטאָר וויינשטיין באַזוכט די רייכע יידן. ווייל זיי דאַרפֿן געבן דאָס געלט און פֿריער פֿון אַלעמען האָט ער באַזוכט טאַקע דעם גרעסטן גביר, בערנאַרד אייזענבערגן, וועלכער איז גאָר נישט לאַנג צוריק אַליין געווען אַן אָרעמער אימיגראַנט און ער דאַרף דעריבער פֿילן די נויט; פֿון די עלנדע, דערשלאָגענע אימי־גראַנטן.

בערנאַרד אייזענבערג האָט דעם דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין גוט אויפֿגענומען און אים פֿאַרבונדן מיט די אַנדערע גבירים און עס האָט זיך געשאַפֿן דער קאָמיטעט, וואָס דאַרף שאַפֿן די געלט־מיטלען פֿאַר קאָנסטרוקטיווער הילף.

דאַן איז דער דאָקטאָר מאַקס וויינשטיין געקומען צו די אימי־

גראַנטן און טאַקע אויף זייער אָפּיציעלן אַדרעס, אין קולטור־פאַריין.

אויף די אימיגראַנטן האָט דער דאָקטאָר מאַקס ווײַנשטיין געמאַכט א שטאַרקן רושם און נאָכדעם, ווי זיי האָבן אויסגעהערט זײַנע פּלענער, האָבן זיי אים צוגעזאָגט די פולסטע קאָאָפּעראַציע.

ביי דער געלעגנהייט, האָט דער דאָקטאָר מאַקס ווײַנשטיין זיך נאָכגעפרעגט ביי דער פאַרוואַלטונג פון קולטור־פאַריין אויף א פאַסיקן סעקרעטאַר און מען האָט אָנגעוויזן אויף אפּרתי'ן

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף דער גאַס מיטן קורצן נאָמען „מינא" האָט אין א צוויי־שטאָקיקער געביידע, זיך אײַנגעאָרדנט דאָס אימיגראַנטן הויז, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „דער קאָמיטעט" מיטן דאָקטאָר מאַקס ווײַנשטיין אַלס דירעקטאָר און אליהו אפּרתי אַלס סעקרעטאַר.

אינעם אונטערשטן שטאָק פון דעם אימיגראַנטן־הויז אָדער „קאָמיטעט" איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן א קראַנקן־הויז מיט א צאָן־קליניק און אין דעם אויבערשטן שטאָק — א האָטעל, א רעסטאָראַן, א קלוב און א אָפיס.

דער נאָמען פון דער גאַס „מינא" איז גאָר גיך געוואָרן א שם דבר ביי די אימיגראַנטן.

— וווהין גייט מען זען א נייעם אימיגראַנט, א פנים חדשות?

— אויף מינא...

ווו גייט מען בעטן אַן עצה, א רעקאָמענדאַציע, א הלוואה? . . .

— אויף מינא. . .

— ווו גייט מען סתם זיך טרעפן מיט באַקאַנטע?

— אויף מינא. . .

— צום דאָקטאָר חלילה?

— אויך אויף מינא...

איז אָנגעקומען א שיף מיט נייע אימיגראַנטן, איז „מינא" געוואָרן באַלעבט ווי א בערזע. דאָרט האָבן זיך באַגעגנט לאַנדסלייט, בני עיר, קרובים, מען האָט אָפּגענומען גרוסן פון קרובים פון דער אַלטער היים און סתם יידן זענען געקומען זען פנים חדשות. עס זענען אויך יונגע לייט געקומען זען דעם מין היפה, און וואָס עס האָט דאַן זיך געפילט א מאַנגל...

דאָס אימיגראַנטן־הויז אויף „מינא" האָט אַלזאָ געקאָכט און

געברויזט, ווי א שיף אויף א שטורעמדיקן ים און די קאפּיטאַנען, וואָס האָבן געפירט די שיף, זענען געווען דער דאָקטאָר מאַקס ווײַנשטיין און אליהו אפּרתי.

מענדל גרינצווייג האָט אָנגעהויבן אַפּטער צו קומען אויף „מינא" צוליב זיין חבר אליהו אפרתי, וועלכער איז שוין געוואָרן מיטן קאָמיטעט ווי צונויפגעוואַקסן און מענדל גרינצווייג איז שוין מיט אליהו אפּרתי'ן געווען אַזוי צונויפגעלעבט, אַז עס האָט נישט געקענט דורכגיין א טאָג אַז ער זאָל אים נישט זען.

איז מענדל גרינצווייג נאָר באַפרייט געוואָרן פון דער ארבעט, איז ער גלייך אוועק צו זיין חבר, אפרתי.

האָט אפרתי געמעגט זיין ווי פאַרוואָרפן מיט ארבעט, האָט אָבער מענדל גרינצווייג צו אים אָנגעקלאַפּט אין טיר, האָט ער אים גלייך צו זיך אריינגענומען און ער פלעגט, נישט איבעררייסנדיק די ארבעט, זיך ווענדן צו זיין חבר מיט א גוט־מוטיקן שמייכל:

— זיץ מענדל, ועבט זען, ווי עס גייט די ארבעט!

דער דאָקטאָר מאַקס ווײַנשטיין איז געזעסן איבער זיין שרייב־טיש פאַרטון אין א פּאַק בריוו; געלייענט, געענטפערט און נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אויפגעהויבן דעם גרויסן קאָפּ און דערזעענדיק עמיצן, א זאָג געטון מיט א שמייכל: העללאָ! און צוריק אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ צו די בריוו איבערן שרייב־טיש.

מענדל גרינצווייג האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול, וואָס איז געשטאַנען אין א ווינקל און ער האָט געקאָנט פון א זייט אָפּסערווירן דאָס אימיגראַנטישע לעבן.

עס האָט זיך דערהערט א קלאַפּ אין טיר און אליהו אפרתי האָט אויסגעזונגען:

— אריין!

די טיר האָט זיך לאַנגזאַם געעפנט און אין צימער איז אריינגעקומען א הויכער, דאַרער ייד מיט בלויע ברילן, וואָס האָבן פאַרשטעלט נישט נאָר די אויגן, נאָר כמעט זיין גאַנצן פּנים, וואָס איז געווען קליין און אויסגעטריקנט ווי א פייג.

— אי — דאָ פאַר מיר א בריוו?...

אליהו אפרתי קוקט דורך דאָס פּעקל בריוו, וואָס ליגט פאַר אים אויפן טיש און פרעגט:

— אייער נאָמען?

— איר ווייסט דאָך, כאַצקל ראָזענבליום...

—פון וועמען דערוואַרט איר א בריוו?

— איר ווייסט דאָך, פון מיין קוזין אין דעטראָיט...

— נאַט אייך און שרייבט אונטער!

דער אימיגראַנט האָט גענומען דעם בריוו פון זיין קוזין אין דעטראָיט און מיט א ציטערדיקער האַנט אונטערגעשריבן אינעם בוך, וואָס איז געלעגן אָפן אויפן טיש.

ווען ער איז ארויס פון צימער און פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר, האָט אליהו אפרתי זיך געווענדעט צו זיין חבר מענדל גרינ־צווייג מיט א שמייכל:

— אמת, דער ייד איז געריכט, איך ווייס טאַקע אליין, וואָס איך האָב אים געפרעגט; כ'זע דעם יידן ביי מיר אַלע טאָג, אָבער איך מוז פרעגן, ווייל אין די בריוו זענען פאַראן טשעקן און מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק...

ווידער א קלאַפּ אין טיר.

— אריין!

און אין צימער איז אריינגעקומען א פעטער־געבויטער פאַר־שוין אין די מיטעלע יאָרן, א מענטש מיט א בייכל, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף א געוועזענעם סוחר פון דערהיים.

— איז וואָס ראַט איר מיר, הער אפרתי? — האָט דער ייד זיך געווענדעט צום סעקרעטאַר פון קאָמיטעט נאָך שטייענדיק אויפן שוועל.

אליהו אפרתי האָט צוגעמאַכט די טיר און דעם פאַרשוין גע־בעטן זיצן.

— זיצט הער האַנדעלמאַן, הערט מיך אויס, פאַר אייך האָבן מיר א פּלאַן. איך האָב מיך בעראַטן מיטן דירעקטאָר און מיר האָבן באַשלאָסן, אז פאַר אייך וועט זיין דאָס בעסטע, פאַרקויפן אויף ראַטעס; דאָ רופט מען עס „אבאָנאָס" און מיר וועלן אייך רעקאָ־מענדירן ווו צו נעמען די סחורה, נאָר דאָס ערשטע דאַרפט איר קענען די שפּראַך!

— טאַ אדרבא, זאָגט מיר הער אפרתי, ווי נעמט מען די שפּראַך?

— מיר עפענען קורסן, פּאַרשרייבט אייך!

אליהו אפרתי האָט ארויסגענומען פון שופלאַד א ליסטע וואָס איז שוין געווען ביז א העלפט א פאַרשריבענע און ער האָט צוגע־שריבן: יצחק האנדלמאַן, פון קאָוונע, ליטע, פערציק יאָר אַלט, א סוחר, וווינט אין האָטעל „אמעריקא".

— נו גוט. מ'וועט אייך געבן צו וויסן! און מיט א שמאַרקן האַנט־דרוק האָבן יצחק האנדלמאַן און אליהו אפרתי זיך געזעגנט ווי אַלטע גוטע פריינט.

ווידער א קלאַפּ אין טיר.

— אריין!

— און ווען די טיר האָט זיך געעפנט, האָט זיך מענדל גרינ־צווייג מיט פרייד און איבערראשונג א הייב געטאָן פון אָרט.

— וואָס מאַכט איר, בערנשטיין!

ווי דריי גוטע חברים האָבן אליהו אפרתי, מענדל גרינצווייג און שלמה בערנשטיין זיך געזעצט ארום טיש שמועסן וועגן דעם גאַנג פון דער ארבעט.

אליהו אפרתי האָט דערציילט און די אנדערע צוויי האָבן געהערט און געשמייכלט. ווייפל אימיגראַנטן עס האָבן באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון קאָמיטעט בריוו און טשעקן פון איבערגעבליבענע קרובים אין אמעריקע; וויפל אימיגראַנטן עס האָבן שוין באַוויזן זיך איינצואָרדענען און וויפל ניי־אָנגעקומענע עס האָבן געפונען אינגב אימיגראַנטן־הויז א צייטווייליקע, אָבער וואַרימע היים און זיי פילן גאָרנישט, אז עמעץ העלפט זיי; ניין זיי פילן זיך אזוי פריי ווי ביי זיך אין דער היים!... די אימיגראַנטן ווערן באַזאָרגט מיט א געלעגער, מיט עסן און מילך פאַר די קינדער; מעדיצינישע הילף פאַר קראַנקע באַלד אויפן אָרט. נו און איצט פעלן נאָר די קורסן; עס פעלט די אימיגראַנטן די שפּראַך!

אליהו אפרתי האָט ארויסגענומען פון שופלאַד די האַלב־פאַר־שריבענע ליסטע און האָט באַמערקט מיט א שמייכל:

— שוין דאָ א מנין, מען קען שוין אנהייבן!...

אין א קאלטן ווינטער־אוונט, זענען אין א ווארעמען צימער אויף „מינא׳ זיך צוזאמענגעקומען א צענדליק אימיגראנטן הערן די ערשטע שפאנישע קלאנגען פון זייער יידישן לערער, שלמה בערנשטיין.

ארום א לאנגן טיש זענען געזעסן עלטערע און יונגע, מענער און פרויען; עס איז אויך געווען א גאנצע פאמיליע: טאטע־מאמע און דריי קינדער, אלע האבן צוזאמען געלערנט מיט גרויס חשק די נייע שפראך, וועלכע האט צום אנהייב געקלונגען אין זייערע אויערן ווילד־פרעמד...

איינער, א שילער מיט א בלאנד בערדל האט דעם לערער גערופן „רבי". דערויף האט שלמה בערנשטיין באמערקט מיט א שמייכל:

— איר זענט פון דער היים א חסיד?

— יא, איר האט געטראפן; איך האב מיין דרין געלאזן אין דער היים; דא זענט איר מיין רבי! — האט דער חסיד געענטפערט און זיך גערוימלט.

נאך דער לעקציע האט דער רבי מיטן תלמיד פארפירט א שמועס און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער תלמיד איז נישט בלויז א פארברענטער גערער חסיד און א למדן, נאר אויך א קענער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור... נאר אויף פרצן האט זיך דער חסיד געהיצט, להשמיד ולהרג.

— וואס האט ער אנגעשריבן? א „באנטשע שווייג"?... און וואס האט ער געמאכט פון חסידות?... א קאריקאטור!...

שלמה בערנשטיין איז פון אזא מין קריטיק אויף פרצן געווארן ווי אפגעגאסן מיט א קאלטן עמער וואסער.

דערפאר אבער פון פרישמאנען האט דער חסיד געהאלטן א עולם ומלואו!

— איך געב נישט אוועק גאנץ פרצן פאר איין „קליין מלאכל" פרישמאנס! — האט זיך דער חסיד געהיצט.

— דוד פרישמאן איז א קינסטלער!!!

דער חסיד האט זיך נאך געהיצט, געפלפולט זיך, געשאטן פעך און שוועבל אויף פרצן און געלויבט ביזן הימל ארויין פרישמאנען, אבער בערנשטיין האט זיך געאיילט צו א צווייטער לעקציע.

האט ער איבערגעבעטן דעם חסידישן ברישמאניסט און איז פלינק אראפ פון די טרעפ, פארקלאפנדיק הינטער זיך דעם שווערן טויער.

צווייטער קאַפּיטל

קאָלאָניזאַציע

מען זאָגט: — וואָס די צייט מאַכט... פּאַליש, די צייט אַליין מאַכט נישט!

א יונג, צאַרט ביימעלע צעוואַקסט זיך מיטי כוח פון הימל און ערד, זון און רעגן, שטאָם און וואָרצל; ענערגיע און צייט!

די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין מעקסיקע האָבן געלעבט אין עלנד און נויט. זיי האָבן זיך אָבער איינגעשפּאַנט אין יאָך, גע־האָרעוועט און זיך מבזה געווען; פון באַגינען ביז שפּעט אין דער נאַכט געפּעדלט איבער די גאַסן און אויף די מערק; נישט דערעסן און נישט דערטרונקען; נישט דערשלאָפן און זיך אָפּגעשפּאָרט א ביסל געלט און פאַרדאַרבענע מאָגנס..

אזוי האָבן די ערשטע יידישע אימיגראַנטן אין מעקסיקע „געמאַכט געלט", און „מיט דער צייט זיך אַרויפגעאַרבעט"...

און מערקווירדיק: דיזעלבע מענטשן, וואָס האָבן אויף די עלנדע, אָרעמע אימיגראַנטן רחמנות געהאַט, האָבן זיי אָנגעהויבן מקנא צו זיין, באַלד ווי זיי האָבן זיי דערזען אויף א העכערער מדרגה פון כאַציאַלן לייטער, צו יועלכער, זיי האָבן דערגרייכט מיטן ביטערן שווייס און האָבן זיך מיט אָנגעמען דערשלאָגן, דורך הכנעה און דורך פייניקן זייער גוף און נשמה.

און נאָך א זאַך: די ערשטע צייט האָט מען די אימיגראַנטן־פּעדלער געהאַלטן פאַר „אַלעמאַנעס" (דייטשן) און שפּעטער זענען זיי שוין געוואָרן רוסן, פּאָליאַקן, ליטווינער און כודיאָס (יידן) און עס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ די גיפטיקע, אַנטיסעמיטישע שלאַנג. האָבן זיך באַוויזן אין דער פּרעסע אזעלכע „פּערל" ווי אז

„יידן רויאינירן דאָס לאַנד”... „די יידן צעשטערן דעם האנדל... „די יידן זענען פּאַראַזיטן”... „די יידן עקספּלאָטירן דאָס אָרעמע פאָלק”... און נאָך און נאָך...

צום אָנהויב זענען דערשינען בלויז קורצע נאָטיצן און דערנאָך, גרעסערע „באַריכטן” ביז עס איז דערגאַנגען צו א מבול פון גיפטיקע אַרטיקלען, העץ־בלעטלעך און אַנטיסעמיטישע פּלאַקאַטן צעקלעפּט אויף די ווענט איבער אַלע גאַסן און מערק.

די לופט איז געוואָרן אָנגעפילט מיט אַנטיסעמיטישן מיאוס!

אין יענער צייט האָט שלמה בערנשטיין געאַרבעט אַלס זייבערזעצער אין פּאַרלאַמענט און ער האָט שוין בולט געקענט מערקן, ווי דער גיפט איז שוין אַריין אין די הויכע פענצטער.

— דיינע יידן!... דיינע יידן!... האָט מען אים געשטאָכן די אויגן. דער אייביק מונטערער, שלמה בערנשטיין איז געוואָרן באַטריבט, פאַרמרה־שחורהט און זיך קיין אָרט נישט געפונען. נעכטיקע פריינט זענען אים געוואָרן אָפענע שונאים.

אין איינעם א זונטיק נאָכמיטאָג איז אין לאָקאַל פון קולטור־פאַריין פאָרגעקומען א מערקווירדיקע פאַרזאַמלונג. די מענטשן זענען געווען אַזעלכע, וואָס מען האָט קיינמאָל ביי קיין פאַרזאַמלונגען נישט געזען. עס איז נישט געווען יענער יונגער, אימפּריאיקער, באַוועגלעכער עלעמענט, נאָר עס זענען גראָד געווען מיטל־יעריקע, מיושבדיקע, באַלעבאַטישע יידן; יידן פון א גאַנץ יאָר.

די פאַרוואַלטונג פון דעם קולטור־פאַריין איז ביי דער פאַרזאַמלונג נישט געווען.

ביים פּרעזידיום־טיש זענען געזעסן די איניציאַטאָרן: א שניידער, וואָס איז אַמאָל געווען א קאָלאָניסט אין מאָזעסוויל, אין אַרגענטינע און איז פון דאָרט אוועק קיין לאָנדאָן, ווו ער האָט זיך צוריק גענומען צו שער און אייזן און איז דערמיט געקומען קיין מעקסיקע. ער איז שוין נישט יונג געווען, זיין שיטער באַוואָקסענער, גרויער קאָפּ האָט עדות געזאָגט אויף א מענטשן אין די פופציקער. זיינע גרויסע אַראָפּגעהאָנגענע ברעמען איבער די גרויע אָנגעכמורעטע אויגן האָבן אויסגעדריקט דעם יידישן צער און אומעט פון דעם אומענדלעכן לאַנגן גלות. דאָס איז געווען אן ערנסט פאַרזאָרג־

טער ייד, מיט געבויגענע פּלייצעס פון דער שווערן עול, וואָס דאָס לעבן לייגט ארויף אן רחמנות אויף א יידן.

דער שניידער פון מאָזעסוויל איז געווען דער קאַלטער, פיושבדיקער פאַרזיצער און ביי זיין רעכטער זייט איז געזעסן א מיטל־יעריקער, ברייטביינעקער מאַן מיט אן אפגעברענטן פּנים, מיט שווארצע גליענדיקע אויגן און מיט א נאָז, וואָס האָט זיך שאַרף ארויסגעשניטן פון פּנים און האָט עדות געזאָגט אויפן אָריענט. אָט דער ברייטביינעקער, אפגעברענטער, לאַנגנאָזיקער, מיטליעריקער מאַן איז אויך געווען א קאָלאָניסט אין מאָזעסוויל, אַרגענטינע, אָבער קומענדיק פון דאָרט קיין מעקסיקע, איז ער געוואָרן א פּעדלער. ער האָט אָבער נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט צו ווייזן זיינע, מיט מאָזאָליעס באדעקטע הענט און דערביי מיט א זיפץ באמערקט:

— ווי העלפט מיר גאָט, איך זאָל פּטור ווערן פון דעם פּעקל און צוריק ווערן א קאָלאָניסט!

דער דריטער ביים טיש איז געווען מענדל גרינצווייג.

ווי איינער פון די ערשטע אימיגראַנטן, וואָס האָט באהערשט די שפּאַנישע שפּראַך און א יונגערמאַן מיט א שאַרפער צונג און מיט דער פּעדער אין האַנט, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון דער איני־ציאַטיוו־גרופּע פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע אין מעקסיקע, אלס סעק־רעטאַר.

דער פאַרזיצער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג און עס איז אוועק א שמועס וועגן קאָלאָניזאַציע.

מען האָט גערעדט וועגן דער אנטיסעמיטישער שלאַנג, וואָס האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— מען באטראַכט אונז פאַר פּאַראַזיטן און אזוי לאַנג ווי מיר וועלן זיך וואַרפן אין די אויגן מיט דער פּעדלעריי, וועט מען אונז אַלץ באטראַכטן פאַר פּאַראַזיטן... — האָט זיך געקאָכט א יונגער־מאַן א מיט א דינער קוויטשיקן קול.

— נאָר ערגער איז מיט די „אבאָנאָס״ — האָט א צווייטער ארגומענטירט, — מיר זענען געצוווּנגען צו נעמען טאָפּעלע פּרייזן, ווייל א סך קונים באצאָלן נישט און מיר ווערן אָנגערופן „פּאַראַ־זיטן, עקספּלאָטאטאָרס, בלוט־זויגערס״...

— דער איינציקער וועג איז קאָלאָניזאַציע — האָבן זיך דער־הערט עטלעכע קולות מיטאַמאָל.

עס האָבן נישט געפֿעלט קיין ביישפּילן פון יידישער קאָלאָני־זאציע אין ארגענטינע, רוסלאנד און ארץ ישראל.

עס זענען דערמאָנט געוואָרן די נעמען פון משה מאָנטעפיאָרע, באראָן הירש און באראָן עדמונד ראָטשילד, וועלכער האָט פאר זיין גרויסער הילף פאר קאָלאָניזאציע אין ארץ ישראל באקומען דעם נאָמען „הנדיב הידוע".

אז די דיסקוסיעס האָבן זיך אויסגעשעפּט און עס איז שוין געוואָרן שפּעט אין דער נאכט און דער עולם איז שוין מיד געוואָרן און מען האָט זיך דערמאָנט אז מאָרגן דארף מען אויפשטיין פרי צום פעדלען, איז אָנגענומען געוואָרן א באשלוס דורך אלעמען איינשטימיק, אז עס ווערט געשאפן א געזעלשאפט פאר יידישער קאָ־לאָניזאציע אין מעקסיקע.

אין דער פארוואלטונג זענען איינשטימיק אויסגעקליבן געוואָרן די דריי, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, דער „סגל" ווי איינער האָט זיי אנגערופן: דער שניידער, דער פעדלער און דער לערער.

עס איז אויך באשלאָסן געוואָרן, אז דערזעלבער „סגל" זאָל גיין צום אגריקולטור־מיניסטער און אז מען זאָל שיקן פּעטיציעס און מעמאָראנדומס אין אמעריקע.

דריטער קאַפּיטל

די דעלעגאַציע

עס זענען שוין אוועקגעשיקט געוואָרן די פּעטיציעס מיט די מעמאָראַנדומס און מען וואַרט אויף אַן ענטפער. זיצן אָבער מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן, איז אויך נישט קיין פּלאַן; איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ דעלעגאַציע צום אַגריקולטור־מיניסטער. איז טאַקע באַשטימט געוואָרן, אַז עס זאָל גיין דער „פּ.ג.ל.״ און מענדל גרינצווייג זאָל זיין דער רעפערענט — — —

האָט מען געקלאַפּט אַ טעלעגראַמע צום מיניסטער, און אויף מאָרגן באַקומען אַן ענטפער אויך טעלעגראַפיש. אַז „דער מיניסטער וועט האָבן דעם פאַרגעניגן אויפצונעמען די קאָמיסיע וועגן קאָלאָניזאַציע היינט פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג״.

די דעלעגאַטן האָבן זיך אויסגעפּוצט יום־טובדיק און מיט אַ פאַרטיקן פּלאַן געקומען צום מיניסטער.

דער פּלאַן איז געווען אַזוי:

— מען באַשולדיקט ייִדן, אַז זיי זענען פּאַראַזיטן, דאָס איז נישט אמת, והא ראיה, אַרגענטינע, רוסלאַנד, ארץ ישראל — — —

ייִדן ווילן אַרבעטן און פירן אַ פּראָדוקטיוו לעבן — — —

אין די שטאָטן זענען פאַראַן רייכע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס וועלן העלפן — — — מיט וואָס מיינט די רעגירונג אַנטקעגנצוקומען, כּדי מיר זאָלן זיין אומשטאַנד פרוכטבאַר צו מאַכן מעקסיקאַנער ערד און דאָס וועט דאָך זיין אַ ברכה פאַרן לאַנד — — —

דאָס איז געווען דער פּלאַן און אין דעם זין האָט דער „רעפערענט״ געדאַרפט האַלטן זיין רעדע פאַרן מיניסטער.

מענדל גרינצווייג האָט דריי טעג דורכאַנאַנד געחזרט די רע־

דיע, צוזאמענגעשטעלט די געדאנקען, ווי ציגל צו א בנין און גע־שליפן די שפּראך „ס'איז דאך א רעדע פאר א מיניסטער"! — —

די אנדערע צוויי פון „סגל". האבן עטלעכע מאל פאראהערט זייער רעפערענט; קארעגירט, צוגעגעבן, אראפּגענומען און אז עס איז געקומען די באשטימטע צייט, איז מען געגאנגען צום מיניסטער.

ארויף אויף די מארמאָרנע טרעפּ פון דער מאסיווער געביידע און אריין אין אויפנאם־צימער, האבן זיי באקומען אן אינפארמאציע פון דעם אוניפארמירטן שווייצער, אז דער מיניסטער וועט קומען פינף א זייגער און פריער וועט ער אויפנעמען די „אפיציעלע דעלע־גאציע", דאס הייסט: דעפּוטאטן, סענאטארן, גענעראלן און אויס־לענדישע געסט — זיצט אוןווארט!...

דער גערוימער, העל־באלויכטענער זאל איז געווען אין אלע פיר זייטן באזעצט אויף ווייכע פאטעלן און סאפעס מיט פארשידענע מענטשן, עלטערע און יינגערע, מענער און פרויען — — — אלע מיט וואזשנע ערנסטע מינעס, עס האט קיינער נישט גערעדט אויפן קול; אלע האבן זיך געסודעט — — —

— דער מיניסטער איז שוין דא!... — האט עמיץ באמערקט און צווישן די ווארטנדיקע, איז געווארן א נערוועזע באוועגונג, אלעמענס אויגן האבן זיך צוגעשמידט צו דער טיר פון מיניסטערס קאבינעט.

עס האבן זיך באוויזן מענער, פעסט־געבויטע, מיט אפּגע־ברענטע פנימער, עלעגאנט געקליידעטע; עטלעכע אוניפארמירטע גענעראלן — — — די אלע זענען אריין און באלד ארויס, קיין מינוט נישט פארלוירן.

דערנאך האט מען אויסגערופן די דעלעגאציעס וואס ווארטן.

— קאמיסיע פון גוט־באזיצער!

עס האט זיך אויפגעהויבן א גרופּע פעטע־געבויטע מענער מיט גרויסע הינט, מיט גאלד־פעדים אויסגענייטע, שמאלע, אויס־געפּאסטע קאסטיומען מיט גאלד־אויסגענייטע און די הויזן, וואס נידעריקער, צו די בריט, אלע שמעלער און אינגאנצן מיט גאלד אויסגענייט און אויף די שיך האבן זיי געטראגן שפּארן, וואס האבן געקלונגען, בעת זיי האבן געשטעלט זייערע פעסטע טריט. ווען זיי

האָבן זיך אויסגעדרייט האָט מען געקענט זען אויף זייערע פּלייצעס גאָלדענע אדלערס.

דערנאָך האָט מען אויסגערופן:

—קאָמיסיע פון פּויערים!

— האָבן זיך אויפגעהויבן עטלעכע קליין־געוויקסיקע, באַבערדלטע, אויסגעדאַרטע, טונקעלע מענטשן, ווי שאָטנס אין זייער ווייסער קליידונג פון בילינן לייוונט, און עס האָט געשאַפן א שאַרפן קאָנטראַסט צו זייער שאָמנדיקן אויסזען, אויך זיי האָבן געטראָגן גרויסע היטן, אָבער פון פּראָסטן שטרוי און שטאַרק אָפּגעניצטע.

אין קאָנטראַסט צו די גוטבאַזיצער, האָבן זייערע אויגן באַהאַלטן אין זיך דעם סוד פון מוטלאָזיקייט און פּחד...

זייערע טריט זענען געווען ליכטע, קוים די ערד באַרירט און די לויזע לאַטשן זענען פון זייערע ברוינע, טיילווייז אָנטבלויזטע פיס כמעט אַראָפּגעפאַלן און צוגעקלאַפּט אזוי נעבעכדיק, אזוי אומהיימלעך — — —

— דאָס אָרעמע פאָלק... — האָט גרינצווייג באַמערקט מיט א זיפץ און די אַנדערע צוויי האָבן זיך איבערגעקוקט און געמורמלט:

— זיי דאַרפן זיין אונזערע שכנים...

דערנאָך האָט מען גערופן פאָרשטייער פון פאַריינען, אָרגאַניזאַציעס, סינדיקאַטן.

צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען פּרויען. אייראָפּעאיש אָדער האַלב־אייראָפּעאישע געקליידעטע שטאָטישע מענטשן, נערוועזע, אימפּולסיווע; מען האָט ממש געקענט מערקן ווי זייערע הערצער קלאַפּן אונטער זייערע וועסטלעך און בלוזקעס...

די פּראָצעסיע איז געווען זייער א לאַנגע און די שעהן זענען געפלויגן איינע נאָך דער אַנדערער און ס'האָט אויסגעזען אז עס וועט גאָר קיין סוף נישט נעמען.

דער זאַל איז געוואָרן שיטערער און אָט זענען זיי שוין אליין...

די טיר פון מיניסטערס קאַבינעט האָט זיך געעפנט, און א הויכע געשטאַלט האָט אַרויסגעשטעקט א שוואַרץ סאַמעטענעם קאָפּ.

— נישטאָ מער קיינער?... און באַלד מיט א שמייכל פאַרענטפערט: — אַ כ'האָב פאַרגעסן — — — קומט אַריין!...

א וואַרימע האַנט האָט אויפגענומען די פּערספּעקטיווע דע־לעגאַציע און זיי אוועקגעזעצט נעבן זיך אויף אַ ווייכער סאָפע.

דער צימער איז געווען רייך מעבלירט, מיט פייגע מאַסיווע מעבל, ווייכע פאָטעלן און סאָפעס און אַ ביבער־שאַפּקע אין ווינקל. אַלץ איז געווען באַגאָסן מיט אַ בלויער ליכט...

מענדל גרינצווייג האָט געטראַכט:

— אַן אַגריקולטור מיניסטער זיצט אונטער בלויער ליכט... דאָס קען נאָר פּאַסירן ביי אַ ראָמאַנטישן פאָלק!

גרינצווייגן איז אויסגעקומען צו זיצן האַרט נעבן דעם מי־ניסטער. ער האָט געפילט זיין בארירונג און פארנומען זיין אָטעם.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען?

מענדל גרינצווייג האָט געזען פאַר זיך אַ שלאַנקן ברוין האָ־ניקן יונגן מאַן מיט טיפע פעך־שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן דורכ־גענומען מיט שאַרפע בליקן; אַ שמייכל אויף זיינע דינע, סענטימענ־טאַלע ליפּן האָט גלייכצייטיק באַרואיקט.

גרינצווייג האָט ווי אַ מזמור אָפּגעזאָגט זיין איינגעחזרטע דרשה און באַקומען אַן ענטפער:

— מיר וועלן אייך געבן ערד, זיכערקייט און פרייע טראַנס־פּאָרטאַציע פאַר אייך און אייערע מאַשינען און איר דאַרפט געבן מאַשינען און מענטשן!

— אַ דאַנק!...

די דעלעגאַציע האָט זיך העפלעך געזעגנט, געדריקט דעם מי־ניסטערס האַנט און אַרויס. — — —

אין קאָרעדאָר האָט זיך דער פעדלער־קאָלאָניסט דערמאָנט אַז „מ׳האָט עפּעס פאַרגעסן” און פלינק זיך אַריינגעכאַפּט צום מיניס־טער אין קאַבינעט און צוריק געקומען מיט אַ וויזיט־קאַרטע אין האַנט.

מיט אַ וואַשנער מינע האָט ער אַריינגעשטעקט צו זיך אין בוזעם־טאַש אַריין דעם מיניסטערס וויזיט־קאַרטע...

פערטער קאַפּיטל

אַ מאַניפעסטאַציע

פון דער רעגירונג איז שוין דאָ אַ צוזאָג, אָבער פון אחינו בני ישראל הערט מען נאָך גאָרנישט.

עס פאַרגייען טעג און וואָכן און ס'איז נישטאָ קיין ענטפער אויף די פּעטיציעס און מעמאָראַנדומס. איז דער עולם געוואָרן נער־וועז, און מען האָט געקענט הערן אַזעלכע געשפּרעכן צווישן די פּעד־לער אויף די מערק:

— ווייס איך וואָס, ס'וועט גאָרנישט ווערן פונם גאַנצן עסק!

— פאַרוואָס?

— ווייל עס דויערט צו לאַנג. אַ פאַרשלעפּטע קרענק...

— נו, ס'וועט דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף!

— און די ערד, וואָס מ'גיט?...

— איז וואָס, טויג נישט? דערנער, פּעלזן, האַרטער באָדן?...

— נישט דאָס, איר פאַרשטייט נישט!

—וואָס דען?

— איר ווייסט נישט, אַז מ'וויל יידן באַזעצן אויף ערד, וואָס מ'האָט צוגענומען ביי די פּריצים?..

— איז וואָס?

— וואָס הייסט, איז וואָס?... די גאַנצע זאַך איז, וואָס מ'וויל פּטור ווערן פון אַנטיסעמיטיזם, וועט זיך דאָ ערשט מאַכן אַ פייער!..

— ווער וועט עס מאַכן?

—וואָס הייסט ווער? — די פּריצים!

אַז די קאָמיסיע האָט געזען אַז עס האַלט שמאָל, אַז דער יאַיש בּרעסט זיך איין ווי אַ וואָרעם, און אַז מען וועט לאָזן די זאַך אין

דער לאנגער באנק אריין, וועט מאַכע גאָרנישט הערן פון דעם גאַנצן עסק, האָט מען דעפעשירט אין די שטאַטן און באַקומען אַ ענט־פער:

„עס פאַרט צו אייך אַ קאָמיסיע".

האָט מען געוואַרט אויף דער קאָמיסיע; אָבער די שטימונג צווישן די אימיגראַנטן איז נאָך אַלץ געווען אַ דערשלאָגענע.

פלוצלונג, אין איין שיינעם פרימאָרגן זענען געקומען צוויי אַמעריקאַנער דעלעגאַטן. איינער אַ מאָגערער, אַ הויכער, מיט אַן אויסגעצויגענעם טרוקענעם פּנים און דער צווייטער. אַ קליין־געוויקסיקער, געפּאַקטער, מיט פולע רויטע באַקן און ביידע מיט גרויסע שפּאַקולן, אַז מען זאָל גלייך דערקענען די אַמעריקאַנער...

די דעלעגאַטן זענען אָבער נישט געקומען צו די הויפּט־מחותנים.

זיי האָבן זיך באַזעצט אין האָטעל „זשענעווע" און זיך פאַר קיינעם נישט געוויזן. מען זאָגט אפילו אַז מיט די לייט פון אַמע־ריקאַנעם קאָמיטעט האָבן זיי זיך יאָ געזען, און גראָד זייער אָפט. מיט די גבירים פון שטאָט אויך און מיט עמיצן פון קולטור־פאַריין, אָבער נישט מיט די, וואָס האָבן נאָך זיי דעפעשירט.

דאָס האָט שטאַרק פאַרדראָסן דער קאָמיסיע.

— סטייטש, מיר האָבן זיי גערופן וועגן אונזערן אַן ענין און גאָרנישט!...

— הייסט עס, אַז מען וויל אונז נישט אויסהערן אפילו... און וואָס, זענען זיי אפשר העכער ביי זיך ווי מיניסטאָרן?...

— אַ גוישער מיניסטער האָט אונז אַזוי גוט אויפגענומען, און זיי, שטייט עס גאָר נישט אָן!...

— אפנים זיי מיינען מיט אונז צו טרייבן שפּאַס, מירן זיי ווייזן!...

און אין דער קאָמיסיע האָט מען באַשלאָסן צו גיין מיט אַ גרויסער פאָלקס־מאַניפעסטאַציע צום האָטעל „זשענעווע" און זאָלן זיי ווייסן, מיט וועמען עס גייט דאָס פאָלק!...

עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז מ'האָט אָרגאַניזירט די מאַניפעסטאַציע. מ'האָט צעקלעפּט פּלאַקאַטן מיט גרויסע אותיות אין קאָמיטעט אויף „מינא" און קולטור־פאַריין אויף „איינזאַמ־

קיט", אין יידישן רעסטאָראַן, אין דער כשרער יאַטקע און אומעטום, ווו יידן טרעפן זיך.

די פּלאַקאַטן האָבן אַראָפּגעשריגן:

„צו די יידישע מאַסן!

„מיר ווילן נישט זיין קיין פּאַראַזיטן! מיר ווילן לעבן אַ פּראָדוקטיוו לעבן אויפן באָדן און זיין אַ ברכה פאַרן לאַנד!"

„מיר ווילן נאָכטאָן די ביישפּילן פון אַרגענטינע, האָלאַנד און ארץ ישראל! לאָמיר אָפן מאַניפעסטירן אונזער ווילן, לאָמיר מאַכן ווייז גיין צו דער מאַניפעסטאַציע, דעם — — —

און אַז עס איז געקומען דער טאָג זענען צו דער מאַניפעסטאַציע געקומען עטלעכע צענדליק יידן; מ'האָט געקענט זען צווישן זיי, מענטשן פאַרביטערטע, וואָס האָבן געזוכט אויסצודריקן זייער פּראָטעסט, וואָס האָט געטליעט אין זייערע אַנגעווייטיקטע הערצער.

געווען צווישן זיי, אויך אייניקע פרויען. איינע פון זיי, מירעלע דאַרנבוים. זי האָט אויסגעזען פאַרענדערט. בלאַס, די אויגן טיף אַריין אין קאָפּ און די אַפּלען, אומבאַוועגלעך. ווי געקוקט אין איין ווייטן פּונקט און קיינעם און קיין זאַך נישט געזען. די מאַניפעסטאַציע האָט זיך אַ שפּאַר ביסל פאַרשפּעטיקט, ווייל מ'האָט געוואַרט אויף נאָך, אָבער אַז מ'האָט זיך נישט געקאָנט דערוואַרטן, האָט מען אַרויסגעצויגן דעם טראַנספּאַרענט מיטן אויפשריפט אין שפּאַניש און יידיש:

„מיר ווילן זיך קאָלאָניזירן, מיר ווילן פירן אַ פּראָדוקטיוו לעבן!"

און מ'האָט זיך אוועקגעלאָזט איבער די גאַסן. פאָרויס די קאָמיסיע און נאָך זיי — דאָס פאָלק.

עס זענען געווען צווישן די מאַניפעסטאַנטן עטלעכע אַזעלכע, וואָס עס איז זיי אַ שאָד געווען אַ טאָג פדיון. האָבן זיי מאַניפעסטירט מיט זייערע פּעקלעך זאָקן און קראַוואַטן אויף די הענט.

האָבן זיך טאַקע געהערט פון גאַס שפּאַט־אויסרופן: „זאָקן, קראַוואַטן, ביליק!!...

איז אָנהויב איז דער הימל געווען איבערגעליטערט, אָבער נאָך אין מיטן וועג, האָט זיך דער הימל פּלוצלונג פאַרכמאַרעט און ס'איז אַראָפּ אַ רעגן. האָט דער עולם זיך אויפגעשטעלט די קעלנער און זיך צעלאָפן.

געקומען צום האָטעל איז בלויז דער סגל: דער שניידער, דער פּעדלער און דער לערער.

און אַז די דריי זענען צוגעקומען צום האָטעל און געפּרעגט אויף די אַמעריקאַנער, האָט מען זיי געמאָלדן אַז היינט אין דער פרי, זענען זיי צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע...

דערמיט האָט זיך געענדיקט די מאַניפעסטאַציע...

פינפטער קאפּיטל.

אויף א וואולקאן.

די מאניפעסטאציע, ווי קליין זי איז נישט געווען, האט דאך געמאכט א רושם. אין פארלאמענט און אין דער פרעסע, זענען גע־ווען קאמענטארן.

די האבן געטענהט אז יידן זענען א פעאיק פאלק און זיי טויגן צו קאלאניזאציע אויך, א סימן האט איר: ארגענטינע, רוסלאנד און פאלעסטינע — — —

און יענע — פארקערט: — יידן זענען אלע מאל געווען פא־ראזיטן און זיי וועלן אזוי פארבלייבן. — איר וועט זען אז פון דער קאלאניזאציע וועט גארנישט ארויסקומען.

אין דערזעלבער צייט האט אין דער קאמיטע געהערשט א נערוועזע שטימונג.

— וואס הייסט די דעלעגאטן וועלן צושטעלן א באריכט אן א גרינטלעכער אויספארשינג?...

— מען דארף מאכן א טומל...

— מען טאר עס נישט פארשווייגן...

און עס איז געבליבן, אז מען רופט אן אלגעמיינע פארזאמ־לונג.

אויף דער אלגעמיינער פארזאמלונג איז דער טומל געווארן נאך גרעסער, מען האט געשריגן, געשטורעמט:

— אזא אומרעכט!... אזא געמיינהייט!...

— אזא סנאביזם!...

— מיר וועלן זיי וויזן!... — מיר וועלן זיי ארויסרייסן די

מאַסקעס!... געזעסן אין האָטעל „זשענעווע" און געשריבן א באַריכט אויף אונזער חשבון!... אזא העזה!...

— מען דאַרף שרייבן אין דער פּרעסע!

-- מען דאַרף דעפּעשירן!... -- ניין, מיר דאַרפן שיקן א דעלעגאַציע!...

און עס איז שוין געבליבן, אז מען שיקט א דעלעגאַציע און טאַקע נישט קיין אַנדערע, ווי דעמזעלבן סגל... נאָר מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן אן אכצן־יאָריקער בחור און זיינע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פייער:

— לאָזט אָפּ מיט אייער פּאַרלאַמענטאַריזם! איר ווייסט דער־מיט גאָרנישט דערגרייכן! מ'וועט אייך שיטן זאַמד אין די אויגן! איר קאָנט נישט אמעריקע!... לאָמיר טון! מיט מעשים וועלן מיר זיי צווינגען!...

אלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדעט צום ענטוזיאַסטישן בחור און מיט אָפענע מיילער האָט מען געוואַרט צו הערן, וואָס עס זאָלן זיין די מעשים, זיי האָבן אָבער נישט לאַנג געדאַרפט וואַרטן; ער האָט דאָס זיי דערקלערט פּראָסט און פּשוט: די רע־גירונג גיט ערד, לאָמיר גיין זיך באַזעצן אויף דער ערד. זאָל זיין אן מיטלען. די מיטלען וועלן דערנאָך קומען!...

זיין פּראָיעקט איז אפּלאָדירט געוואָרן און פון פּרעזידיום־טיש האָט מען געפרעגט: — ווער פאַרשרייבט זיך צו גיין אויף באָדן? דער ערשטער האָט זיך פאַרשריבן דאָס יונגע בחורל און באַקומען דעם טיטל „פּיאָנער".

דער צווייטער האָט זיך פאַרשריבן א יונגערמאַן, וואָס האָט נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן...

און דער דריטער —אן אמתער אידעאַליסט, א דאָקטאָר מיט א ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט און ער איז גרייט געווען צו דינען דער ערשטער יידישער קאָלאָניע מיט זיין פּראַקטיק און מיטן ביסל געלט.

— ווי עס מאַכט זיך מיט עלנדע מענטשן... קיין פּערטער האָט זיך נישט געפונען.

— מען דאַרף אָפּוואַרטן... — האָט מען אין דער שטיל גע־מורמלט.

אין איין שיינעם פרימארגן איז דער פיאנערן־סגל ארויסגעפארן מיטן באז, וואס גייט בארג אראפ צו דער הייסער געגנט, נישט ווייט פון פארט וועראקרוז.

זיי האבן מיטגענומען מיט זיך א טעפל, א שיסל, א „פרימוס״, א האנטוך, זייף, א ביסל וועש און מער גארנישט — — —

א טאג און א נאכט זענען זיי געפארן ביז זיי זענען צוגעקומען צו א הייסן, זומפיקן טאל, צווישן הויכע פעלזן, נאנט פון אן ארעם דערפל וואס איז באשטאנען פון עטלעכע ליימענע כאטקעס צווישן קוסטעס און קאקטוס־ביימעלעך און ווייט ארום, ווו דאס אויג האט דערגרייכט, איז געווען פוסט און וויסט. — — —

די פיאנערן האבן זיך אויפגעקלאפט פון צענויפגעשלעפטע קלע־צער א קליין ביידל און זיך דארט באזעצט ווארטן.

די פייערים האבן זיי גוט אויפגענומען און זיי צוגעטראגן מילך, פומער, קעז, און עס וואלט גאנץ גוט געווען, ווען זיי, ראם הייכט צוזאמען מיטן דאקטאר ווערן אויף דעם דריטן טאג נישט קראנק און ס׳איז נישטא ווער עס זאל זיי היילן.

אכט טעג זענען זיי געלעגן אין קדחת, ביז מ׳האט זיך אין שטאט דערוווסט און מ׳האט צו זיי געשיקט א דאקטאר מיט רפואות און מ׳מ׳לען זיי צוריקצובריענגען אין שטאט אריין.

דער דאקטאר האט די דריי „פיאנערן״ געפונען געלע און צעביסענע, מיט רויטע פלעקן, ער האט פעסטגעשטעלט, אז זיי זענען קראנק געווארן פונם געלן פיבער, פון גיפטיקע מאסקיטן, וואס האבן צעביסן זייערע לייבער — — —

קוים מיטן לעבן זענען די פיאנערן צוריקגעקומען אין שטאט אריין און דער יונגער ענטוזיאסטישער בחור האט נאך געמוזט א שטיק צייט ליגן אין שפיטאל.

נאכן דורכפאל פון דעם עקספערימענט פון יידישער קאלאניזא־ציע אין מעקסיקע, האט שלמה בערנשטיין אין פארלאמענט זיך קיין וארט נישט געקענט געפינען. פון אלע זייטן האט מען אים געשטאכן די אויגן:

— דיינע יידן!... דיינע יידן!...

אין דערזועלבער צייט איז אין דער אמעריקאנער פרעסע דער־שינען א באריכט פון די דעלעגאטן, אז: „באך א גרינטלעכער און אלזייטיקער אויספארשונג, זענען זיי געקומען צום באשלוס, אז פאר קיין יידישער קאלאניזאציע איז אין מעקסיקע קיין באדן נישטא. ווייל יידן אין מעקסיקע, זיצן ווי אויף א ווולקאן”...

זעקסטער קאפיטל.

אין שולע

מענדל גרינצווייג האט זיך מיט מער פיבער אריינגעווארפן אין דער ארבעט, אין שולע.

ער האט זיך געטוליעט צו די קינדער, זוכנדיק ביי די צארטע, אומשולדיקע באשעפעניש טרייסט פאר די יארן פון עלנד, פיין און אנטוישונגען — — —

ער איז געווען א לערער אין ערשטן קלאס, ער האט מיט זיין גאנצן נשמה־פיבער ליב געהאט די צארטע, אומשולדיקע עופהלעך.

ער האט ליב געהאט זייער זיסן שמייכל, זייער פרייען זארג־לאזן לאכן, זייער שטיפן און אפילו זייערע טרערן — — — ער פלעגט זיי דאן טוליען צו זיך, ווישן זייערע פערלדיקע טרערן און קוועלן פון פרייד ווען ער פלעגט זען א קינד שמייכלען דורך טרערן... עס פלעגט זיך אים דוכטן, אז ער זעט א שטראל פון דער זון, זיך דורכרייסן דורך א ליכט וואלקנדל — — — עס לייטערט זיך אויס, עס וועט באלד שיינען די זון — — — פלעגן זיינע ליפן שעפטשען און... דאס קינד פלעגט באלד ארויספראלן מיט א פרייד, ווי א קוואל וואלט דורכגעבראכן און זיך געפונען א פרייעם וועג...

און דער קוואל האט געדאנקט דעם באפרייער מיט האלזן און קושן — — — גרינצווייג האט דאן פארגעסן זיין עלנד, ער איז מיטאמאל געווען אין זיבעטן הימל פון גליק — — —

די שעה אין קלאס איז אים אוועק ווי א רגע — — — שפילנ־דיק, זינגענדיק און לאכנדיק, ווי ער וואלט אליין געווען א קינד, האט ער אזוי מיט די קינדער געלערנט. די אותיות זענען פאר די קינדער געווארן צאצקעס: ליאלקעס, פערדלעך, פייגעלעך — — —

און די קינדער האָבן זיך מיט די צאַצקעס אין דער פאָרם פון אותיות און ווערטער געשפּילט מיטן זעלבן חשק ווי מיט די צאַצקעס אין דער היים, זיי ליב באַקומען און נישט פילנדיק אַז זיי לערנען, האָבן זיי זיך גיך אויסגעלערנט לייענען און שרייבן.

מער פון אַלע קינדער האָט מענדל גרינצווייג ליב געהאַט אַ זעקס־יעריק מיידעלע מיט אַ בלאָנד געלאָקט קעפּל, מיט בלויע אויגעלעך און מיט דינע קאַרשן־רויטע ליפּעלעך, אַ קינד, אַ מלאך און דאָס „מלאכל" האָט געהייסן ליבעלע.

מער ווי אַלע קינדער האָט ער דאָס „מלאכל" געקושט און געהאַלזט, און דאָס „מלאכל" האָט אויך דעם לערער ליב געהאַט און האָט אים אָפט מיט אירע צאַרטע הענטעלעך אַרומגענומען, צוגעדריקט, געהאַלזט און געקושט.

נאָך אַזעלכע ליבע שעהן, ווי רגעס, איז גרינצווייגן געוואָרן נאָך ענגער אין דער נשמה; קאַלט און גרוי זענען פאַר אים געווען די נאָך־שול־שעהען — — —

עס איז שוין געווען ענדע שול־יאָר און די קינדער פון ערשטן קלאַס האָבן שוין געדאַרפט אַריבערגיין אין צווייטן קלאַס.

האָט מענדל גרינצווייג ווי אַ געטרייער פּאַסטוך צוגעגרייט זיינע שעפּעלעך. רופט ער אויס איין קינד נאָכן אַנדערן:

משהלע, בערעלע, לייבעלע, גיטעלע, שרהלע און — — ליבעלע.

— ליבעלע, שרייב אויף אויפן טאוול דיין נאָמען.

און דאָס קינד נעמט אַ שטיקל ווייסן קרייט און שטעלט זיך אויף די שפּיצן פינגער, און שרייבט פּאַמעלעך, צירקלענדיק יעדן אות: ל י ב ע ל ע . . .

— דאָס שענסטע ליבעלע!... רופט אויס דער לערער.

— נו, איצט ליבעלע זאָג מיר ווי הייסט דיין מאַמע?

— דאָראָטעאַ...

— ניין, אויף יידיש!

— דבורה!

— שרייב אויף!

און דאָס מלאכל האָט ווידער גענומען אַ שטיקל ווייסן קרייט, זיך געשטעלט אויף די שפּיצן פינגער, נאָך העכער קעגן שוואַרצן טאוול און איבער איר נאָמען, אויפגעשריבן: ד ב ו ר ה !

גרינצווייג האָט זיך שוין נישט געקענט באַהערשן. געכאַפּט

דאס ״מלאכל״ אויף די הענט און לאנג עס צו זיך געטוליעט און געקושט.

ווען ער האט עס פון זיך אראפגעלאזן, איז עס געווען שטארק פארדויטלט און אירע אייגעלעך האבן געגלאנצט מיט א וווגדערלעכן כישוף.

מענדל גרינצווייג און ליבעלע האבן זיך א וויילע געקוקט אין די אויגן און געשוויגן.

מיטאמאל האט דאס ״מלאכל״ זיך צוגעטוליעט צום לערער און זיך געבעטן:

— לערער, ווייגט נישט!...

ביים מיטאג האט ליבעלע דערציילט אירע עלטערן, וואס היינט האט פאסירט אין שולע.

— דער לערער האט מיר געהייסן אויפשרייבן אויפן טאוול „ליבעלע״, האב איך אויפגעשריבן. האט דער לערער געזאגט: „דאס שענסטע ליבעלע״, דערנאך האט דער לערער געפרעגט: „ווי הייסט דיין מאמע?״ האב איך געזאגט „דאראטעא״ — האט דער לערער געזאגט: „ניין, אויף יידיש״ — האב איך געזאגט „דבורה״ — האט דער לערער געהייסן שרייבן אויפן טאוול, און אז איך האב געשריבן אויפן טאוול „דבורה״, האט דער לערער געוויינט — — —

— פארוואס וויינט דער לערער?

בערנארד אייזענבערג און זיין פרוי האבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן...

זיבעטער קאַפּיטל.

דער מיליאָנער

מען האָט שוין פאַרגעסן אַן דעם דורכגעפאַלענעם פּרווו פון דער קאָלאָניזאַציע און מיטאַמאָל האָט זיך די פּראָבלעם באַנייט.

און עס איז געווען אַזוי.

עס האָט זיך באַוויזן אַ מאַן, וועלכן מ'האָט גערופן „דער מיליאָנער". דער מאַן, — האָט מען דערציילט — קומט פון קאַליפאָרניע, וווּ ער פאַרמאָגט גיטער און אויך אין מעקסיקע האָט ער ערד; וויל ער אויף זיין באַדן איינאָרדענען זיינע קרובים, וואָס ער האָט אַריבערגענומען פון פּוילן.

דער „מיליאָנער" האָט זיך מיט אַלץ און מיט אַלעמען אינטערעסירט, זיך באַוויזן אויף פאַרזאַמלונגען און גערעדט אַ קריכביקן יידיש, כאָטש, ווי ער האָט אויף זיך עדות געזאָגט, איז ער נאָך אַלס יינגל געקומען קיין אַמעריקע... דער מיליאָנער האָט אויסגעזען אַ מאַן אין די פופציקער און דאָך געהאַלטן זיך יונג, רירעוודיק; זיין קערפּער, אַ שמאָלער, אָבער יאַדערדיקער, האָט מער עדות געזאָגט אויף אַ פיזישן פּראָלעטאַריער, ווי אויף אַ „מיליאָנער"... זיין לענגלעכער קאָפּ, שיטער באַוואַקסן מיט שוואַרצע האָר און איבערן קורצן נעזל, גרויסע, טונקעלע שפּאַקולן.

דער „מיליאָנער" מיט זיין געשטאַלט פון אַ פּראָלעטאַריער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען און האָט עס ביי יעדער געלעגנהייט שאַרף אונטערגעשטראָכן.

מיט זיין טיפע, באַסאָווער שטים האָט ער דערציילט, בעת יידן האָבן אים אַרומגערינגלט, אַז אַ סך יאָרן האָט ער אין אַמעריקע געאַרבעט, פּשוטע, שוואַרצע אַרבעט ביז ער האָט זיך דערשלאָגן

צו זיין פארמעגן; — מיט דעם ביטערן שוויים, — ווי איר זעט!...

און ער פלעגט דערביי באווייזן זיינע אויסגעארבעטע, מיט כּיאזאליעס באדעקטע הענט...

דערווייל האט מען געשמועסט אין דער שטיל, אז דער „מיל־ליאנער" איז אן אלמן און יהודה לייב שוחט האט זיך שוין ארומ־געטראגן מיט א פלאן אים צו פארשדכנען מיט מירעלען, א יתומה נעבעך!...

דעם „מיליאנערס" קרובים, האט מען געשמועסט, אז זיי זע־נען איבערגליקלעך; זיי ווייסן גארנישט, ווי דאנקבאר צו זיין זייער רייכן קרוב פארן אריבערנעמען זיי קיין מעקסיקע און אז דא וויל ער פאר זיי איינארדנען א רואיק, זארגלאז לעבן, איז ער ביי זיי אין די אויגן אויסגעוואקסן ווי א מלאך.

— זאל אים דער רבונו של עולם געבן א סך יארן, געזונט און פרנסה! — האבן אים די ווייבער געוואונטשן, ווישנדיק א טרער, בעת זיי האבן זיך דערמאנט אן די צרות אויף יענער זייט ים.

— אונזער אברהם מילער, אונזער קוזין, ער איז דאך איינער אין דער וועלט! — האבן פאטאקעוועט די מענער און נישט געקענט זיך אפלויבן פון זייער מיליאנער, וואס איז נישט קיין מענטש, נאר א מלאך!

דערווייל האבן דעם „מיליאנערס" קרובים זיך געזעגנט מיט זייערע פארפאקטע פעק אויפן דאך פון דעם אימיגראנטן־האטעל און געווארט אויף דער ישועה. די טעג האבן זיך פאר זיי געצויגן לאנג ווי דער גלות און אז זיי האבן געזען אז עס נעמט גאר נישט קיין סוף, האבן זיי זיך צוזאמענגענומען, מיט די ווייבער און קינ־דער און זענען אוועק צו זייער קוזין דעם „מיליאנער", וועלכער האט זיך איינגעארדנט אין א קאלאניע אין א גרויסארטיקן פאלאץ.

— קוזין לעבן, וואס וועט זיין דער תכלית?... האבן זיי גע־פרעגט מיט הכנעה און זייער קוזין האט זיי געענטפערט:

— יידן ווארטן שוין אויף משיחן א קימא לן פון קנאפע צוויי טויזנט יאר און פונדעסטוועגן זאגן זיי אלע טאג „בכל יום אחכה לו, אף על פי שמתמהמה".

— אמתע ווערטער... טייערע ווערטער... גאלדענע ווערטער..

— האבן די קרובים אונטערטעניק צוגעשטימט און זיי זענען אוועק מיט גארנישט. אזוי עטלעכע מאל זענען די קרובים געגאנגען צום

„מיליאָנער" מיט דערזעלבער פראַגע און אַלץ באַקומען דעמזעלבן ענטפער און דאָס האָט געהייסן, אַז מען דאַרף האָבן געדולד, מען קען נישט כאַפּן...

צווישן די אימיגראַנטן האָט מען דערווייל אָנגעהויבן מורמלען, אַז דער מיליאָנער איז גאַרנישט אויסן צו ראַטעווען זיינע קרובים. ער איז גאָר געקומען ראַטעווען זיין פאַרמעגן, וואָס באַשטייט פון גרויסע שטחים ערד, וואָס די רעגירונג האָט שוין באַשטימט צו פאַרצעלירן, נאָר דעם „מיליאָנערס" אַדוואָקאַט האָט איינגעווענדעט, אַז דער אייגנטימער פון דעם באָדן האָט אָרעמע קרובים, ערד־אַרבעטער און ער וועט צווישן זיי צעטיילן די ערד... דערפאַר טאַקע האָט ער זיי אַריבערגעבראַכט און עס פעלט, הייסט עס בלויז די פּראָצעדור פון איבערשרייבן די ערד אויף זייערע נעמען און דאָס דאַרף געמאַכט ווערן בשתיקה, אַז זיי, די קרובים זאָלן דערפון נישט וויסן...

יהודה לייב שוחט האָט דערווייל אָפּגעשלאָגן דעם „מיליאָנערס" שוועל מכוח דעם שידוך מיט דער יתומה, מירעלען.

— אַ יונג מיידל, אַ פאַרשוין, איידל, אַ באַלעבאַטיש קינד, מיט אַלע מעלות! — האָט יהודה לייב שוחט איינגערעדט און אַלץ באַקומען דעמזעלבן ענטפער:

— מען דאַרף האָבן געדולד, מען דאַרף אביסל צוואַרטן, מען קען זיך נישט איילן!

און דער טאָג פון ישועה פאַר דעם „מיליאָנערס" קרובים איז געקומען אין דריי מישפּחות מיט האַק און פּאַק זענען אַריינגעזעצט געוואָרן אין אַ וואַגאָן פון צווייטן קלאַס און אין דער באַגלייטונג פון אַ גוי, דעם „מיליאָנערס" אַ מענטש, זענען זיי אַריבערגעשיקט געוואָרן אין דער קאָלאָניע „גאַלאַנדרינאַס" וווּ דער אַדמיניסטראַטאָר וועט זיי אויפנעמען, ווי דעם „מיליאָנערס" קרובים און זען אַז קיין זאַך זאָל זיי נישט פעלן...

אכטער קאַפּיטל

אין שוים פון דער נאַטור

עס זענען פאַראַן נשמות, וואָס זענען פאַרמשפּט צו גלגול. וואַנדערן אַזעלכע נשמות, און געפינען קיין רו נישט, ביז זיי געפינען זייער תּיקון.

אַזאַ נשמה האָט זיך באַזעצט אין מענדל גרינצווייגס גוף און אים נישט צו־רו געלאָזט.

נאָך אַלס קינד איז שוין מענדל גרינצווייגן אויסגעקומען צו וואַנדערן; אין דער שטאָט וווּ ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער נישט געלערנט, נאָר אין אַ ווייטער שטאָט, וווּ עס האָט געלעבט זיין אַלטער זיידע, וועלכער איז באַשטאַנען נישט אַנדערש, נאָר אַז כּ׳ענדעלע זאָל זיין אַ רב... אַזוי האָט מענדל גרינצווייג פון זיין פריסטער יוגנט אָן דערפילט דעם טעם פון גלות. פריער ביים זיידן, ווייט פון דעם היים; דערנאָך גאָר אין דער פרעמד, אין דער ישיבה, און דערנאָך אין דער עקזאָטישער מעקסיקע, וווהין ער איז פּלוצלינג פאַרוואָגלט געוואָרן און אויך דאָ האָט זיך זיין וואַנדער־וועג נישט געענדיקט. מענדל גרינצווייג האָט שוין געפילט בחוש, אַז זיין נשמה איז פאַרמשפּט געוואָרן צו גלגול...

אין דער גרויסער, פרעמדער שטאָט, וווּ מענדל גרינצווייג האָט אין אַ גאָר קורצער צייט איבערגעלעבט נויט, עלנט, פּיין און אַזוי פיל ביטערע אַנטוישונגען איז אים געוואָרן ענג און ער האָט דערפילט אַ דראַנג צו אַנטלויפן, ווי פון אַ תּפיסה. ער האָט געוואָלט געפינען ערגעץ אין אַ שטיל ווינקעלע רו פאַר זיין מידער נשמה.

עס איז געווען אַ טריבער האַרבסט־טאָג, ווען דער אומעט האָט

געפּרעסט זיין האַרץ, איז ער נאָכמיטאָג, ווען ער האָט זיך באַפרייט פון דער אַרבעט, באַלד אַוועק צו זיין חבר אליהו אפרתי.

אליהו אפרתי האָט דאָסמאָל באַגעגנט זיין חבר מיט פאַרשנ־דיקע בליקן.

— מענדל, זעסט אויס זייער מיד, וואָלסט זיך געדאַרפט אָפּ־רוען!... און נאָך אַ קורצער פּויזע האָט ער זיך געווענדעט צו זיין חבר מיט אַ פּלאַן.

— הער אויס מענדל, —האָט אפרתי אָנגעהויבן געמיטלעך, ווען ער האָט איבּ אַוועקגעזעצט האַרט נעבן זיך ביים פענצטער און האָט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, — הער מיך אויס, דו האָבּסט איצט אַ געלעגנהייט זיך אָפּצורוען פון דעם רעש פון דער גרויסער שטאָט... דו קענסט איצט אַרויספאָרן אין אַ שטילער געגנט, אין אַ טאָל, צווישן בערג, ווייט פון דעם שטאָטישן טומל.

מענדל גרינצווייג האָט געשוויגן און זיין חבר האָט פאַר אים ברייט צעוויקלט דעם פּלאַן; ער זאָל ווערן דער לערער פון דעם „מי־ליאָנערס" קרובים אין דער קאָלאָניע „גאָלאָנדרינאַס". מענדל גרינ־צווייג האָט אויסגעהערט דעם פּלאַן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם און צום סוף האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַנטשלאָסן געענט־פערט: — מסכים!

און עס איז געבליבן אַז מענדל גרינצווייג דאַרף קומען מאָרגן אין דערזעלבער צייט צו זיין חבר אליהו אפרתי און דאָרט וועט שוין זיין דער „מיליאָנער" וואָס וועט אים שיקן אַלס אַ לערער פאַר זיי־נע קרובים אין דער שטילער קאָלאָניע, וואָס טראָגט דעם שמייכלענ־דיקן נאָמען „גאָלאָנדרינאַס" (שוואַלבן)... אויף מאָרגן צו דער באַ־שטימטער צייט איז מענדל גרינצווייג געקומען צו אליהו אפרתין און געטראָפן ביי אים זיצן דעם „מיליאָנער", וועלכער האָט באַלד ווי ער האָט אים דערזען, זיך אַ הייב געטון פון אָרט און אים אויסגע־שטרעקט אַ וואַרעמע האַנט און מיט אַ שמייכל זיך געווענדעט צו אליהו אפרתין:

— זעט, איך האָב אַן אויג, נאָך איידער איר האָט מיר אים פאָרגעשטעלט, האָב איך באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ער!

— דאָס איז ער... האָט אליהו אפרתי געשמייכלט אַ ביסל צעטומלט.

— זיין נאָמען?

— מענדל גרינצוויינ!

— מענדל גרינצוויינ... מענדל גרינצוויינ... מענדל גרינצוויינ...

— האט דער „מיליאנער" עטלעכע מאל דעם נאמען איבערגעחזרט, ווי ער וואלט אמאל געהערט אזא נאמען און זיך נישט געקענט דער־מאנען ווו און ווען... דער ''מיליאנער" האט זיך אוועקגעזעצט אנט־קעגן מענדל גרינצווייגן און אליהו אפרתי אביסל אפגערוקט אין צענטער, אזוי אז זיי זענען אויסגעקומען ווי א סגל און די באקוועמסטע פאזיציע האט פארנומען אליהו אפרתי, ווייל ער האט געקענט אומגעשטערט אבסערווירןביידן.

—איר זעט אויס שלעכט, יונגערמאן! — איז געווען דער ערשטער קאמפלימענט, וואס מענדל גרינצווייג האט באקומען פון זיין נייעם „באס" און ער האט זיך פארשעמט, אבער יענער האט ווייטער גערעדט, נישט מערקנדיק, ווי מענדל גרינצווייג לאזט אראפ צו דער ערד זיין פאררויטלטן פנים.

— איר דארפט זיך אויסרוען, איר זענט מיד! — און צום סוף האט דער „מיליאנער" א קלאפ געטון גוט ברידעריש מענדל גרינצווייגן איבער די קני און אים פארקוקט ווי א פארשעמט קינד, אין דעם אראפגעלאזענעם פנים אריין:

— ביי מיר אין דער קאלאניע וועט איר באקומען רינדע באקן, ווי מיינט איר, אפרתי?

— געוויס, איך מיין אויך אזוי! — האט אליהו אפרתי שנעל ארויסגעזאגט און עס איז שווער געווען צו דערקענען צי דאס איז געווען פון איבערצייגונג, צי פון העפלעכקייט. ז

אפרתי'ס צושטימונג האט דעם „מיליאנער" געגעבן מוט און ער האט פאר זיין נייעם יונגן פריינט אנטוויקלט אין דער גאנצער לענג און ברייט זיין פלאן.

— הערט מיך אויס יונגערמאן, איר וועט דארט נישט האבן פיל צו טון; איר וועט זיך דארט קענען אויסרוען און קומען צוריק צו די כוחות; איר דארפט עס זייער נויטיק האבן, איר זעט דאך אויס זייער מיד!... אייער ארבעט וועט זיין בייטאג א שעה אדער אנדער־האלבן מיט די קינדער פון מיינע קרובים לערנען יידיש, אביסל שפא־ניש אויך, אבער דער עיקר יידיש, ווייל שפאניש וועלן זיי דאך סיי ווי קענען, איך האב געהערט ווי יידישע קינדער רעדן דא שפאניש — האט דער מיליאנער פלוצלונג געווענדעט זיין געשפרעך צו

אפרתין — מיר האָבן אין אמעריקע אויך דעמזעלבן פּראָבלעם. יידישע קינדער רעדן נישט קיין יידיש!... אלזאָ וועט איר מיט די קינדער רעדן נאָר יידיש און זיי לערנען יידישקייט, אז זיי זאָלן נישט פארגעסן, וואָס זיי האָבן געלערנט אין דער היים און אביסל וועט איר זיי צולערנען שפּאניש, — האָט ער זיך ווידער געווענדעט צו גרינצווייגן. — דערפאַר אָבער מיט די דערוואַקסענע זאָלט איר לערנען נאָר שפּאניש, ווייל יידיש קענען זיי גענוג און די שפּראַך פון לאנד דארפן זיי דאָך קענען, ווייל מען קען נישט לעבן צווישן א פאָלק און מען זאָל נישט קענען זיין שפּראַך!... טוט טאקע „בני ברית" זייער א גוטע זאַך, — האָט דער „מיליאָנער" דרך אגב צוגעוואָרפן א קאָמפּלימענט אויף אפרתי'ס זייט, דערמיט וואָס זיי לערנען די אימיגראַנטן די שפּראַך פון לאנד, ביי אונז אין אמעריקע טוט עס די רעגירונג, דאָס איז זייער וויכטיק, מען דאַרף דאָס וויסן ווי אָפּצושאַצן!...

— אלזאָ, וועט איר מיט די דערוואַקסענע, אין אָוונט ווען זיי וועלן זיין פריי פון דער ארבעט, לערנען שפּאניש, נאָר שפּאניש!...

ווייטער האָט שוין דער מיליאָנער גערעדט נאָר צו מענדל גרינצווייגן און אליהו אפרתי איז געווען א פּאַסיווער צוהערער, צו וועלכן דער „מיליאָנער" האָט נאָר פון צייט צו צייט געוואָרפן א בליק און א צופרידענעם שמייכל.

— א דאנק אייך הער מילער, — האָט זיך מענדל גרינצווייג ווי פון שלאָף אויפגעכאַפּט און זיך ארומגעקוקט צי דאָס וואָס עס קומט ארום אים פּאָר, איז נישט קיין חלום. — א דאנק אייך! — האָט ער איבערגעחזרט, — איך וועל טון אלץ אזוי, אז מיין מיסיע זאָל אויסגעפירט ווערן אזוי ווי איר פארלאַנגט פון מיר!

— און נאָך א זאַך, — האָט זיך דער „מיליאָנער" דערמאָנט, איר וועט דאָרט דארפן אכטונג געבן אויף מיינע קרובים. דאָס הייסט, איר וועט זיי דארפן מדריך זיין. איר זענט דאָך זייער לערער, וועלן זיי דאָך פאר אייך האָבן דרך ארץ, איר פארשטייט?... וועט איר דאָרט דארפן זען, אז זיי זאָלן לעבן בשלום, נו און ווייטער וועט איר דאָך אליין פארשטיין! אלזאָ, איך פארלאָז מיך אויף אייך און מאָרגן דארפט איר אויפשטיין פרי און אוועקגיין צום „סאָקאָלאָ" פּלאַץ נישט שפּעטער ווי זיבן א זייגער און דאָרט וועט שוין אויף אייך וואַרטן א פרוי מיט א קינד אויפן האנט, דאָס איז מיין קוזינע, זי

איז געקומען מיטן קינד צום דאָקטאָר. וועט איר מיט דער פרוי פאָרן אויף דער קאָלאָניע און דאָרט וועט איר טרעפן אַלע מיינע קרובים אין איר וועט זיי איבערגעבן, אַז איך קום צו זיי די אַנדערע וואָך!...

דער „מיליאָנער" האָט אפּעדריק זיך אויפגעהויבן פון אָרט, זיך געזעגנט מיט גרינצווייגן און שוין אויפן שוועל שטייענדיק באַמערקט:

— מיין קוזינע האָט פאַר אייך אויך הוצאות!

— גוד באַי, אפרתי!... —האָט ער פון דערווייטן מיט א שמייכל זיך געזעגנט מיטן סעקרעטאַר, ווי מיט א מענטשן, וועלכן מען זעט אַפּט און מען ווערט דערפאַר מיט אים היימיש...

ווען דער „מיליאָנער" איז פאַרשוואונדן, האָט מענדל גרינצווייג געפאָרשט זיין חבר אפרתי מיט די בליקן און יענער האָט אין דער שטיל גערעדט און דערביי געקוקט אין א ווייטן פונקט:

— עס איז א פּלאַן...

אויף מאָרגן, ווען דער זייגער פון דער אַלטער קאַמעדראַל האָט אויסגעקלונגען אין דער פרימאָרגן שטילקייט זיבן שווערע, האַמעטנע קלאַנגען, איז שוין מענדל גרינצווייג געשטאַנען מיט א וואַליזקע אין דער האַנט אויפן „סאָקאַלאָ" פּלאַץ און האָט געוואַרט אויף א פרוי מיט א קראַנקן קינד אויף דער האַנט. א האַלבע שעה איז ער אַזוי געשטאַנען אויפן אָפּגערעדטן פּונקט און מיט די אויגן געזוכט אין אַלע זייטן, ביז ער האָט דערזען זיך דערנענטערן צו אים א פרוי אין א גרויסער פּאַטשיילע איינגעוויקלט און מיט א שפּאָר פּעקל אין האַנט. ווען די פרוי איז צוגעקומען נאָענט, האָט ער באַמערקט, ווי פון דער פּאַטשיילע שטעקט אַרויס א קינדעריש קעפּל.

די פרוי איז גלייך צו צו מענדל גרינצווייגן און באַלד נאָכן יידישן „גוט מאָרגן" אים געפרעגט:

— איר זענט עס דער לערער?

— יאָ!

— איר האָט געזען מיין קוזין?

— יאָ!

— און וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

— אַז די אַנדערע וואָך קומט ער צו אייך.

— מער נישט?

— מער נישט!

— ער האָט אייך נישט מיטגעגעבן עפּעס געלט?! -- האָט מיטאמאָל די פרוי א פרעג געטון גרינצווייגן און אים געשטעלט אין א פארלעגנהייט.

— ניין! — האָט ער שטיל געענטפערט און דער אומבאקאנ־טער פרוי געפארשט מיט די בליקן.

פאר אים איז געשטאנען א פרוי, וואָס איז שווער געווען פעסט־צושטעלן, צי זי איז יונג צי אלט. איר פנים איז געווען בלאס, כאָטש ווייניק געקנייטשט. אירע אויגן גרינע, מאַטאַווע, אָן א פונק פון יוגנט, כאָטש איר גאנצער וועזן איז נאָך געווען פריש, באוועגלעך ווי א יונגע יידישע פרוי. וואָס לעבט אין געטאָ; וואָס איז פאר־עלטערט און אפגעלעבט נאָך איידער עס איז צייט געווען צו לעבן.

א גרימאסע האָט זיך צעלייגט איבער דער פרויס פנים און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע טריבע אויגן.

— ווי איז מיר, איך האָב דאָך נאָך צוויי בילעטן, פאר זיך און פאר מיין קראנק עופהלע...

— זאָרגט נישט, — האָט מענדל גרינצווייג אויסגערופן מיט א פארקלעמט הארץ. איך האָב פאר זיך געלט און מאָמענט יועט אייך אויספעלן, וועל איך אייך אויסבארגן און אייער קוזין וועט דאָך עס מיר דערנאָך אומקערן!...

—אַ, איר זענט דאָך א טייערער יונגערמאן! — האָט די פרוי באגייסטערט אויסגערופן און מיט א ברעג פאטשיילע זיך געווישט די טרערן; — אן אנדערער וואָלט דאָך אין כעס געוואָרן!...

— פארוואָס זאָל איך אין כעס ווערן?

די פרוי האָט א ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט זי זיך גע־ווענדעט צו גרינצווייגן מיט א פראגע, וואָס האָט געצילט אפּצילענקען אין אן אנדער ריכטונג דעם נישט אָנגענעמען געשפרעך.

— וועט איר קענען זיין אין דער קאָלאָניע?

— פארוואָס נישט?

— איך ווייס... — האָט זיך די פרוי געקווענקלט צי זי זאָל יאָ אָדער נישט ארויסזאָגן דעם געדאנק, וואָס זי האָט שוין געהאַט אויפן שפּיץ צונג, נאָר אראָפּצוקייקלען, איך ווייס... איר וועט דען האָבן דאָרט מיט וועמען א וואָרט ארויסצורעדן?...

— וויפל פאמיליעס זענט איר דאָרט? — האָט מענדל גרינ־צווייג מיט א געמאכטער רואיקייט געפרעגט.

— פאמיליעס זענען מיר דאָרטן דריי. מיר זענען געקומען פיר; איז איין פאמיליע געבליבן אין שטאָט, זיי ווילן נישט פאָרן אויף דער קאָלאָניע.. איז דאָרט זענען מיר דריי פאמיליעס מיט קינדער. מיין קוזין האָט דאָך אייך מסתמא דערציילט!... — האָט די פרוי מיטאמאָל א שמייכל געטון און געקוקט גרינצווייגן אין די אויגן אריין, ווי זי וואלט וועלן פון אים דערגיין א סוד.

מענדל גרינצווייגן איז געוואָרן אומהיימלעך און אין הארצן האָט ער אָנגעהויבן חרטה האָבן אויפן גאנצן פלאַן; עס איז אים אָבער געווען א רחמנות אויף דער פרוי, וואָס שטייט איצט פאַר אים אינ־גאנצן אומבאַקאַנט און אירע גרינע, מאטאָווע אויגן דריקן אויך אַזוי פיל צער!

— עס ווערט נישט שפּעט צו דער באַן? — האָט מענדל גרינ־צווייג מיטאַמאָל א פרעג געטון, זעענדיק ווי די ווייזערס אויפן גרויסן קאַטעדראַל־זייגער הויבן זיך פאַרויס און פון זיבן איז שוין געוואָרן ווייט נאָך אַכט...

— ניין, עס פעלט נאָך א גוטע שעה!

— טאָ צו וואָס אַזוי פרי אַרויס פון שטוב?

— עס איז בעסער אַז מען גייט אַרויס פריער, — האָט די פרוי געמיטלעך געענטפערט, ווייל... ביז מען קריגט א בילעט און מען דאַרף דאָך פאַרכאַפּן א פּלאַץ אין וואַגאָן... אין צווייטן קלאַס איז דאָך אָנגעפּאַקט!... ביי די לעצטע ווערטער האָט זיך די פרוי צעלאַכט און באַוויזן צוויי שורות ווייסע ציין.

— טאָ קומט, לאָמיר פאָרן צום באַן! און מענדל גרינצווייג האָט אַרויסגענומען פון דער פּרוים האַנט דאָס קוישל, אָפּגעשטעלט אַן אויטאָ און אַרייַנגעזעצט זיך צוזאַמען מיט דער אומבאַקאַנטער פרוי און מיטן קראַנקן קינד, וואָס איז די גאַנצע צייט ביי דער מוטער אויפן האַנט געשלאָפן און שווער געאָטעמט.

די גאַסן פון שטאָט זענען שוין געווען באַלעבט פון מאַסן מענטשן, וואָס האָבן געאיילט צום קאַמף פאַרן קיום, יעדער אויף זיין וועג און יעדער אויף זיין שטייגער. דער אויטאָ האָט זיך עט־לעכע מאָל געמוזט אָפּשטעלן, דורכצולאָזן די מענטשן־שטראָמען און דער שאָפער האָט זיך געקרימט, קוקנדיק אויף זיין האַנט־זייגערל און אין דער שטיל האָט ער געמורמלט:

— עס איז ווייט, זייער ווייט!...

ענדלער איז דער אויטאָ צוגעקומען צו אַ קליינעם איינשטאָק־קיקן וואקזאַל, וואָס האָט אויסגעזען נישט ווי אַ וואקזאַל פון אַ גרויסער שטאָט נאָר ווי פון אַ פאַרלעגענער פּראָווינץ; דערפאַר אָבער איז וואקזאַל האָט געקאָכט ווי אין אַ בינשטאָק! פאַרן קאַסע־פענצטערל איז געווען אַ גרויסער געדראַנג פון פאַרשידענע מענטשן, אַמייסטנס דאָרפישע, ברוינהויטיקע, אָרעם געקליידעטע, דאַר, לוס־טיקע, אויפגעלייגטע, ווי קיין זאַך וואָלט פון זיי נישט געמינערט געווען אויף גאָטס ערד.

די פרוי האָט זיך אויסגעזוכט אַ באַנק אין אַ ווינקעלע, וווּ זי זאָל קענען אָנזייגן איר עופעלע און מענדל גרינצווייגן האָט זי גע־בעטן, ער זאָל זיך מטריח זיין צו דער קאַסע און זי האָט אויסגעוויקלט פון אַ נאָז־טיכעלע עטלעכע מטבעות.

נאָכדעם, ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו דער קאַסע און געקויפט די דריטהאַלבן בילעטן, האָט מענדל גרינצווייג פרייער אָפּגעאָטעמט און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל לייענען אַ ביכל פון די עטלעכע וואָס ער האָט מיטגענומען און ער האָט עס אין געדאַנק אָנגערופן „צירה לדרך״.

ער האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט לייענען, ווייל אַרום אים איז געווען אַ טומל און דערצו נאָך האָט זיין שכנטעס קינד, וואָס איז די גאַנצע צייט געשלאָפן, פון דער מאַמעס ברוסט דערוואַכט, אויפגעהויבן אַזאַ טומלדיקן יאָמער, אַז דער גאַנצער וואקזאַל האָט אָנגעהויבן קוקן אויף דער זייט פון דער פרוי מיטן קינד אין דער פאַטשיילע און דעם יונגנמאַן ביי דער זייט...

עטלעכע פון די פויערים האָט אַ מורמל געטון צו זיין עלטערן שכן אויף דער דערבייאיקער באַנק: — „אַ רוסישע פאַמיליע״. דער סוד איז געווען אַזוי „שטיל״, אַז מענדל גרינצווייג האָט עס גוט געהערט און געטראַכט צו ענטפערן: — נישט קיין רוסן און נישט קיין פאַמיליע... אָבער די פויערים האָבן אין דעם מאָמענט געכאַפּט זייערע פעקלעך און זיך האַסטיק אַ לאָז געטון צו דער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט און דורך וועלכער מען האָט געקענט זען זיך דערנענ־טערן מיט אַ שאַרפן פייף אַ באַן, וואָס האָט פון דערווייטנס אויס־געזען ווי אַ באַנדעלע און איז אין עטלעכע מינוט אויסגעוואַקסן אין אַ באַן מיטן גאַנצן רעש פון אַ באַן. מענדל האָט ווידער געכאַפּט ווי נישט לאַנג צוריק צום אויטאָ, אין איין האַנט זיין וואַליזקע און

אין דער אנדער האַנט, דער ווייבלס פּעקל און זיך געלאָזט מיטן טומלדיקן שטראָם צו דער טיר וואָס פירט אַרויס צו דער באַן. ביי דער טיר האָט מענדל גרינצווייג אויף אַ ווייל אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד די פּעקלעך, און אַרויסגענומען פון קעשענע דריי בילעטן אין זיי געוויזן אַ דיקן ברוינהויטיקן מאַן, וואָס האָט זיי שנעל אָפּגעטשעקט און אונטערגעיאָגט די פּאַסאַזשירן: פּראָנטאָ! און אונטערן נאָז געברומט: — רוסאָס... און די „רוסאָס" האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ פּלאַץ אין וואַגאָן ביי אַ פענצטערל און פרייער אָפּגעאָטעמט.

דער וואַגאָן איז גאָר גיך אָנגעפילט געוואָרן מיט אָרעמע אינדיאַנער, מענער, פרויען און קינדער. אַלע ברוין־הויטיקע, אויסגעמאַטערטע, אָבער מונטערע, זאָרגלאָזע...

מענדל גרינצווייג האָט באַטראַכט זיינע שכנים. די מענער אין ווייסע, לייוונטענע קליידער, ווו נישט ווו פאַרלאַטעטע. די הויזן ברייטע און אונטן ביי די טריט פאַרבויגן אַזוי פיל, אַז מען האָט געקאָנט אַרויסזען שטיקער שטאַרק ברוינע, שיר נישט רויטע פיס. איבער די הויזן — אַ ווייסע לייוונטענע בלוזע אַריבערגעוואָרפן און פון פאָרנט, די צוויי פּאָלעס פאַרקניפּט. אויפן קאָפּ האָבן די אינדיאַנער אַזוי ווי סאָלדאַטן, יעדער איינער געטראָגן דעמזעלבן פאַסאָן ברייט געפליגלטע שטרוי־היט און אויף די פיס, אויך ווי אַלע וואָלטן געווען סאָלדאַטן פון איין אַרמיי, אין דעמזעלבן פּאַסאָן סאַנדאַלן, וואָס האָבן צוגעקלאַפּט צום טאַקט פון די טריט...

די פרויען אויך אַלע אין דעמזעלבן „סטראַי", קליידער געוויקלטע, פון פּראָסטן געוואַנט, דערפאַר אָבער נישט צורבוים קיין ווייסע, ווי די מענערשע הויזן און בלוזעס, נאָר פון פאַרשידענע קאָלירן און ביי אַ טייל פון זיי, איז שווער געווען צו דערקענען די קאָלירן, ווייל רויט און ברוין האָבן זיך געמישט, גרין און בלוי, רויט און געל... קאַנטיק, אַמאָל געווען קאָלירן... אויף די קעפּ האָבן די אינדיאַנערקעס געטראָגן אַלע פון איין קאָליר, טונקל־ברוינלעכע שאַלן; אַ טייל פון זיי האָבן אין די שאַלן געהאַט איינגעוויקלט פאַרשידענע שטאָפן, וואָס זיי האָבן געפירט פון שטאָט אין דאָרף אַריין און אַ טייל, זייערע עופעלעך.

אין וואַגאָן איז געשטאַנען אַ טומל — טויב צו ווערן; אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל און געטומלט, געליאַרעמט, ווי אין אַ געוועט, ווער עס וועט וועמען איבערשרייען... און גערעדט האָט מען אויף

א פרעמד לשון, נישט אויף שפאניש, ווי מען רעדט אין שטאט, נאר אויף אלטע אינדיאנישע דיאלעקטן וואס קיינער פון די שטאט־שע פארשטייט נישט; דאס האט נאכמער פארשטארקט דעם טומל, ווייל מ'האט קיין ווערטער נישט געהערט, נאר קלאנגען.

מענדל גרינצווייג האט זיך איבערגעקוקט מיט זיין שכנטע, וואס איז געזעסן מיטן קראנקן קינד אנטקעגן אים און געהויבן מיט די פלייצעס:

— א לשון...

מענדל גרינצווייג האט זיך ארומגעקוקט.

נאך איידער די באן האט זיך גערירט, האבן אייניקע פון די אינדיאנער פאנאנדערגעבונדן זייערע פעקלעך און ארויסגענומען פלעשער מיט א געטראנק, וואס זעט אויס ווי מילך און זיי רופן דאס „פולקע" און עס איז זויער ווי עסיק און פארשיכורט.

עס האט איינער א זופ געטון און מכבד געווען מיט א „טראגא" (א זופ) און באלד האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן וואגאן דער עסיק־זויערער ריח צוזאמען מיט א פאכמאקעווען זיך פון ליפן. דער פאר איז אבער דער טומל געווארן קלענער. ווען די באן האט זיך גערירט פון ארט, האט שוין גערוט אין וואגאן א געפּרעגלטע שטיל־קייט...

עטלעכע אינדיאנער האבן פארביסן דעם געשמאקן זויער־גע־טראנק מיט „טארטיאס" (קוקורוזע־פלעצלעך), איינגעוויקלט אין די „טארטיאס" דעם שארפן, בייסיקן „טשילע" און מיט הנאה פון זייערע געשמאקע מאכלים, זענען זיי, אנגעשפארט איינער אויף דעם אנדערנס רוקן, איינגעשלאפן, ווי קליינע, זארגלאזע קינדער נאך דער מידקייט פון דעם אפגעשפּילטן טאג.

אין אן אנדער ווינקל פון וואגאן האט עמעץ פארוויקלט אין א שטיקל ציימונג־פאפיר א ביסל ביליקן טאבאק און געמאכט עטלעכע פאפיראסן און זיי צעטיילט פריער זיינע בני בית, דערנאך שכנים און באקאנטע און אין עטלעכע מינוט ארום איז דער וואגאן פול געווארן מיט רויך, הוסטעריי, מורמלעריי און כראפעריי...

— גוט וואס מיר זיצן ביי אן אפן פענצטערל! — האט מענדל גרינצווייג באמערקט און זיין שכנטע האט אונטערגעכאפט:

— וואס רעדט איר, באר מיין קינד; מיין עופעלע האט דאך נעבעך א קאקליוש — הוסט! און טאקע באלד, ווי א באשטעטיקונג

צו אירע רייד, האט זיך דאס קינד שטארק צעהוסט און די מאמע האט זיך גלייך גענומען צו דעם אויסגעפרוווטן מיטל. די ברוסט, כ'האט געווירקט. דאס קינד איז מיט דער מאמעס ברוסט אין מויל איינגעשלאפן.

די זון האט זיך ארויסגעשארט פון די וואלקנס און אריינגעקוקט דורכן באן־פענצטערל, איינהילנדיק אין א גאלדענעם שלייער דאס צארטע קעפל פון דעם איינגעדרימלטן קינד.

די מאמע האט געווארפן א בליק פול מיט צער אויף איר קראנקן קינד; אירע ליפן האבן ועיצעפטישעט: — מיר זאל זיין פאר דיר, מיין טייער לייבעלע און די מאמע האט דאס קינד צו זיך שטארק צוגע־דריקט און עס לאנג און הייס געקושט. ווען זי האט אויפגעהויבן צוריק דעם קאפ פון איר קראנקן קינד, האט זי ארויבגעלאזט א טיפן זיפץ און מיט א ברעג פון איר שאל זיך אייבגעווישט פון די אויגן די טרערן, וואס האבן איר אנגעהויבן רינען איבערן האלז און ווי זיך צו פארענטפערן, האט זי גערעדט צו מענדל גרינצווייגן מיט הארץ־ווייטיק:

— וואס ווייסט איר. מיין פריינט, וואס א מאמע לײדט זיך אן, ביז זי האדעוועט אויס א קינד און מאכט עס פאר א מענטשן!...

מענדל גרינצווייגן האבן דער פרוים לעצטע ווערטער פאר־קלעמט דאס הארץ. ער האט זיך דערמאנט אן זיין מאמען, וואס איז איצט אזוי ווייט פון אים און ער האט שטארק צוגעדריקט די אויגן און געזען זיין היים.

ווען מענדל גרינצווייג האט צוריק אויפגעמאכט די אויגן, האט ער דורכן פענצטערל דערזען א שורה איינגעהויקערטע, ליימענע כאטקעס; וואס ווייטער איז די שורה כאטקעס געווארן געדיכטער און ארום יעדער כאטקע — עמלעכע בוימער, אבער נישט קיין בליענדיקע בוימער, נישט קיין פרוכט־בוימער און נישט קיין פאל־מעס, נישט קיין גרין־בלעטערדיקע ליפעס און נישט קיין הויכע שטאל־צע סאסנעס און נישט קיין אנדערע גרינע נאדל־ביימער, אויך נישט קיין פעסטע, ברייט־צעצווייגטע דעמבעס; פון דעם אלעם קיין זכר נישט, נאר קליינע, איינגעשרומפענע, פארטריקנטע, אויסגעדארטע סקעלעטן, ווי די מענטשן ארום זיי. מענדל גרינצווייג האט זיך דער־מאנט אן די מאיעסטעטישע, ברייט־בלעטערדיקע פאלמעס אין די פארשידנקאלירטע, שמעקעדיקע בלומען, וואס זענען געבליבן דארט

אין דער בליענדיקער און מיט שטאָלצע פּאַלאַצן, זיך טורעמדיקער שטאָט.

— אזוי איז עס... האָט מענדל גרינצווייג געטראַכט. עס פאַרייסט די שטאָט זיך צום הימל שטאָלץ און עס בוקט זיך מיד צו דער ערד דער אָרעמער, דערשלאָגענער דאָרף... און פאַרוואָס איז עס אזוי?... דערנערט דען נישט דער דאָרף מיט זיין שווייס אָט דער שטאָלצער, צעלאָזענער שטאָט, און פאַר זיך אליין וואָס לאָזט איבער דער דאָרף... נויט, אומעט, עלנד... און אז ער האָט דערזען ארום זיך די פרייליכע, צופרידענע, זאַרגלאָזע פּנימער פון די פּויערים איז אים ווידער געוואָרן שווער צו פאַרשטיין דעם פּראָבלעם פון שטאָט און דאָרף אין דעם מיסטעריעזן, עקזאָטישן, טראָפּישן לאַנד, וואָס איז מיט אזוי פיל זון באַגאָסן און — אזוי פיל נויט!...

דאָס דאָרף איז מיטאַמאָל ווי מיט א כישוף־שטעקעלע פאַרשוונדן און עס האָט זיך באַוויזן א גרויסער שטח, פאַרזייט מיט נידעריקע, ברייט־בלעטערדיקע „מאַגעי״ געוויקסן, פון וועלכע דאָס פאָלק באַקומט דעם מילך־ווייסן און עסיק־זויערן „פּולקע״־קוואַס, וואָס פאַרשיכורט און פאַרשלעפּערט...

— אָט וו עס ליגט דער סוד פון דעם פאָלקס צופרידנקייט!...

— האָט מענדל גרינצווייג געטראַכט און זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין א טרויעריקער גרימאַסע.

די באַן האָט מיטאַמאָל פאַרשנעלערט דעם לויף און וואָס ווייטער געלאָפן אלץ האַסטיקער, ווייל דער וועג איז געווען באַרג אַראָפּ.

אזוי איז שוין דער גאַנצער וועג געווען אַראָפּ, אַראָפּ... און די זון האָט זיך אויך גערוקט צו מעריב זייט, אַראָפּ... אַראָפּ... און שאָטנס האָבן זיך ברייט צעלייגט אויף די בערג־רוקנס, ווי גיגאַנטן וואָלטן זיך געלייגט רוען נאָכן הייסן, טראָפּישן זומער־טאָג...

די באַן שטעלט זיך אלץ אָפּטער אָפּ נעבן קליינע איינגעהויערטע, דאָרפישע סטאַנציעס און פון יעדן דאָרף שיטן זיך ארויס מחנות פּויערים און פּויערטעס מיט פּעק און מיט קינדער און אלץ שפּאַרט זיך אין דעם ענגן וואַגאָן אריין; —עס איז שוין נישט קיין ריר זיך צו טון, שוין נישט דעם אָטעם צו כאַפּן... שעפּטשעט מענדל גרינצווייג און מיטאַמאָל באַמערקט ער אנטקעגן זיך אן אידיליע, די

מאמע מיטן קינד ארומגענומען שלאָפן און זייערע ליפן זענען איינע צו די אנדערע באהאַפטן...

מענדל גרינצווייג האָט זיך צעשמייכלט און געשעפּטשעט: — שיין איז גאָטס וועלט!...

די באַן האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער און דער לאָקאָמאָטיוו האָט ארויסגעלאָזט א שאַרפן פייף, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער די בערג ארום מיטן צענטליקער עכאָס.

פון ווייטן האָט זיך באַוויזן א שפּיץ פון א קלויסטער און דערנאָך, רויטע דעכער אין אָט זעט מען שיין באַטעס און א טייל אויך געמויערטע שטיבלעך.

אין וואַגאָן איז געוואָרן א באַוועגונג, מען האָט אָנגעהויבן זיך פּאַקן.

— קוים אמאָל א סטאַנציע, ווו מ׳גייט אראָפּ! —האָט מענדל גרינצווייג פרייער אָפּגעאָטעמט.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט א טעמפּן קלאַפּ און אויפגעוועקט די פארשלאָפענע מאמע און קינד.

דאָס קינד האָט שוין אָבער נישט געוויינט און נישט געהוסט אויך.

די מאמע האָט געוווסט דעם סוד און דאָס אנטפּלעקט מענדל גרינצווייגן:

— דער שלאָף איז די בעסטע רפואה!

— ווו זענען מיר? — האָט גרינצווייג געפרעגט, זעענדיק פאַר זיך א געמיש פון דאָרף און שטאָט, באַטקעס אין געמויערטע שטיבלעך, א גרויסער מארק און א געווירבל פון אלערליי מענטשן: דאָרפישע פויערים, קליינשטעטלדיקע באַלעבאַטים, רירעוודיקע יונגעלייט און זקנים און בעטלערס ווי די בינען ראַיען זיך און זינגען אוים אויפן קול זייער געבעט.

— דאָס איז דאָס שטעטל סימלאַלטעפּעק, אינגאַנצן אנדערהאַלבן שעה פון אונזער קאָלאָניע! — האָט אים די שכנטע געענטפערט און איר פּנים האָט אויפגעלויכטן מיט א נײַי ליכט.

צום וואַגאָן־פענצטערל האָט זיך מיטאמאָל דערטראָגן א מאָדנער טומל. עס האָבן זיך צעטויפגעמישט צענטליקער קוויטשיקע ברויעז־קולות. מענדל גרינצווייג האָט זיך צוגעהערט און עס האָט אין זיינע אויערן געקלונגען ווי א געזאַנג צום זונ־אונטערגאַנג, א מין סערע־

נאָדע... דערנאָך האָבן זיך פון די טיַנער אויסגעטיילט באַזונדערע קלאַנגען און פון די קלאַנגען, ווערטער:

— פּולקע!... פּולקע!... פּולקע!....

— טאַקאָס!... טאַקאָס!... טאַקאָס!..

— פּאַיאַ!... פּאַיאַ!... פּאַיאַ!...

— גיעוואָס!. גועוואָס!. גועוואָס!..

און ער האָט דערזען מחנות אינדיאַנערקעס; אין קוימלער טראָגן זיי אונטער צו די באַן פענצטערלעך ביז סאַמע אויגטערן נאָך דעם „פּולקע,־גערטראַנק, פּלעצלעך, עוף און געקאָכטע אייער.

מענדל גרינצווייג האָט דערפילט אַז עס נאָגט אים דאָס האַרץ, האָט ער ארויסגענומען פון קעשענע עטלעכע סענט און געקויפט עטלעכע אייער, אָפּגעשיילט פאַר זיך און פאַר זיין שכנטע און פאַרטרונקען מיט אַ פלעשל לימאָנאַדע, וואָס די שכנטע האָט ארויסגעשלעפּט פון איר פּעקל. די לימאָנאַדע איז געווען וואַרים און געהאַט אַ טעם פון אָפּגעקילטן טיי, אָבער ווער רעכנט זיך עס אין וועג... בפרט, אַז מען פאָרט אין דעם צווייטן קלאַס...

—פאַרלאָז איך די שטאָט און דערנענטער זיך צו דער נאַטור, מוז איך מיך אָפּזאָגן פון די בעקוועמלעכקייטן פון דער שטאָט; —— האָט מענדל גרינצווייג געטראַכט און אָנגענומען פאַר ליב דעם באַשיידענעם, פאַרשפּעטיקטן מיטאָג און זיך געמאַכט גרייט צו נאָך מער אומבאַקוועמלעכקייטן, אַבי צו זיין אין דעם רואיקן, שטילן שויס פון דער נאַטור.

ווען די באַן האָט זיך גערירט און אָנגעהויבן לויפן גאַלאָפּ און האַסטיק מיט די רעדער צוקלאַפּן דעם רעשיקן טעמפּאָ, האָט די שכנטע איינגערוימט מענדל גרינצווייגן אַ סוד אויפן אויער:

— מיר קומען באַלד אָן!...

מענדל גרינצווייג האָט גלייך פאַרשטאַנען דעם ווינק און גענומען איינפּאַקן זיין שכנטעס צעפּראַלט פּעקל און דערנאָך צורעכט געמאַכט זיין וואַליזקע און ווען ער איז צוריק צוגעגאַנגען צום פענצטערל, האָט ער שוין געזען פון דערווייטן אַ קליין זעכטער־בודקעלע אינמיטן אַ פּוסטן פעלד און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַז דאָ איז עס.

די שכנטע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

די באָן האָט איינגעהאַלטן דעם טעמפּאָ און מיט לאַנגזאַמע טריט ווי אַ מידער וואַנדערער זיך צוגעשאַרט צו דער בודקע, איבער וועלכער עס איז געהאַנגען אַ קליין אָפּגעריבן שילדל מיט אַן אַלטן, קוים לייענבאַרן אויפשריפט: „גאַלאַנדרינאָס".

מענדל גרינצווייג און דאָס ווייבל מיטן קראַנקן קינד זענען געווען די איינציקע פּאַסאַזשירן, וואָס זענען אויף דער סטאַנציע אַראָפּגעגאַנגען און קיינער איז פון דער סטאַנציע נישט אָפּגעפאָרן. די באָן האָט נאָר אויף איין מינוט זיך אָפּגעשטעלט און אויער ווייטער. מענדל גרינצווייג האָט אַ קוק געטון אויף דער „סטאַנציע" און אַ שמייכל האָט זיך צעגאָסן איבער זיין פּנים. ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין הילצערנעם באַראַק אין יענע טעג אויפן דאָך...

נעבן דעם ביידל אויף אַ באַנק איז געזעסן אַן אַלטער אינדיאַנער, איינגעהילט אין אַ טונקעלעם טוך, פון וועלכן מען האָט נאָר אַרויסגעזען אַ ברייטן שטרוי־הוט, אַ שפּיץ נאָז און שיטערע גרויע האָר פון וואַנביזס און אַ בערדל. ביי זיינע פיס איז געלעגן האַלבשלאָפנדיק אַ גרויסער, האַריקער פּודעל־הונט.

— אַגוטן אוונט אַנטאָ! — האָט דאָס ווייבל זיך געווענדעט צום וועכטער, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן.

— אַ גוטן אוונט, באַלעבאַסטע! — האָט דער אַלטער הכנעהדיק געענטפערט, אַרויסרוקנדיק דעם גרויעם קאָפּ פון אונטער דעם גרויסן שטרוי־הוט.

— זיי זענען נאָך נישט געקומען?

— נאָך נישט, באַלעבאַסטע! — האָט דער אַלטער געקרעכצט און פויל זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

דאָס ווייבל מיטן קראַנקן קינד אויפן האַנט האָט זיך צוגעזעצט אויפן באַנק און מענדל גרינצווייג האָט אָנגעהויבן אַן אַ ציל אַרומשפּאַנען און אין זיין מח זענען פאַרביי־געלאָפן בילדער פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

ער האָט געזען דעם דאַך, זיין אַמאָליקן חבר בערל, וואָס איז היינט זיין גרעסטער שונא; צוליב אים געפינט נישט זיין געפּלאָגטע נשמה קיין רו; ער האָט דערזען דבורהלען און איר ליבעלען, דאָס קליינע מלאכל... מיטאַמאָל האָט ער דערזען פאַר זיך מירעלען, אַ דערשלאָגענער, אַ מוטלאָזער...

מענדל גרינצווייג האָט האַסטיק אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט

און אזוי ארום געוואלט פארטרייבן פון זיך די מחשבות, וואס האבן אים געפייניקט ווי זלידנע פליגן.

ער איז דאך אהער געקומען זיך אפרוען, אן אלץ פארגעסן!...

ער האט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען ווי די אונטערגייענדיקע זון באגילט מיט א גאלדענעם זוים די שפיצן בערג ווי ווייט דאס אויג דערגרייכט איז די געגנט איינגעהילט אין שאטנס און שטיל איז ארום; אזוי שטיל, אז מען קען קאן פארנעמען דעם אייגענעם אטעם... ווען מענדל גרינצווייג איז צוריקגעקומען צוםביידל, האט ער דערזען, ווי דער אלטער ווערטער שטייט אויסגעצויגן אין דער גאנצער הויך פון זיין שלאנקער געשטאלט און ער ציט אויס די רעכטע האנט אין דער ריכטונג פון די בערג.

— אט קומט ער פון דארט! — האט דער אלטער געזאגט און אין דערזעלבער צייט האט זיך פון די בערג דערהערט א טעמפער עכא פון א רעדער-גערויש. דאס רוישן איז אין דער אונט-שטילקייט געווארן אלץ שארפער און שארפער און אין דער זעלבער צייט האט דאס אויג געקאנט מערקן שאטנס אראפגלידערן פון די בערג

— פעדרא! — האט דער אלטער מיט א הייזעריקן קול ארויסגעשריגן צו די בערג און באקומען א הילכיקן ענטפער:

— סי, אנטאן!!!

אינדערזעלבער צייט האט זיך באוויזן אויפן בארג-רוקן א וועגעלע צוגעשפאנט צו צוויי מוילן און אויף דער קעלניע איז געזעסן א יונגער, קרעפטיקער, ברוינהויטיקער אינדיאנער.

מיט רעש האט דער וואגן זיך געטאן א לאז אראפ פון בארג גלייך צום ביידל און פעדרא האט מיט אלע כוחות געצוימט די צעגאלאפירטע מוילן, וואס האבן שיר צעטראגן די סטאנציע „גאיאנדרינאס"...

— פעדרא, פארוואס אזוי שפעט? האט דאס ווייבל ארויסגעשריגן צום פויער אויפן וואגן און באקומען אן ענטפער פון וואגן אראפ:

צעבראכן זיך א ראד אין מיטן וועג!

— טא וואס האסטו געטון? — האט זיך אנטאן אריינגעמישט.

— געשריגן אזוי לאנג, ביז מ'האט פון דער קאלאניע געבראכט א נייעם ראד!

— אז צעברעכן זאלסטו דיינע ביינער! — האט זיך די יידי-

נע געקאָכט און פון טומל האָט זיך אויפגעכאַפּט דאָס קינד און זיך צעהוסט.

— פּאַה, קליינער וואָרעם! — און ווי זיך צו פאַרענטפערן פאַר גרינצווייגן, האָט זי צוגעגעבן: — אַז איך קען שוין פון אים נישט אויסהאַלטן!...

מענדל גרינצווייגן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס ווייבל וויינט אין דער שטיל און ווייל עס איז פינצטער, קען ער אירע טרערן נישט זען.

און ער האָט דורכן געדיכטן שלייער פון דער פינצטערניש דערזען זיין מאַמען, ווי זי לאָזט אַ טרער פון בענקשאַפט צו איר זון, וואָס איז אַזוי ווייט פון איר!...

ווען מענדל גרינצווייג האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין זיין וואַ־ליזקע און דעם ווייבלס פּעקל געלעגן אויפן וואָגן און פעדיאָ האָט אַ ווונק געטאָן צו זיינע פּאַסאַזשירן, און ער האָט זיי געהאָלפן אַרויפקלעטערן און זיך איינזעצן אויף די זעקלעך אָנגעפּילטע מיט היי און אַ שמיץ געטון די מוילן, אויסגעדרייט דעם וואָגן און מיט לאַנגזאַמע טריט אָנגעהויבן קלעטערן איבערן באַרג־רוקן. דער וואָגן האָט זיך געטרייסלט איבער דעם ווילדן, שטיינערנעם וועג און די מוילן האָבן זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט און פאַרזוכט פעדראָס בריענדיקע בייטש.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט אַרום באַרג, וואָס יוויטער אַלץ העכער, העכער און עס האָט אויסגעזען אַז אָט וועט מען אָנ־שפּאַרן די וואָלקנס... און עס איז אַלץ געוואָרן טונקעלער און טונ־קעלער... שאָטנס געדיכטערע, שוואַרצערע, אומעטיקערע צעלייגן זיך אַלץ מער און מער אויף די בערג און דאָס וועגעלע שלעפּט זיך אין שלעפּט זיך און די רעדער קרעכצן און די מוילן שטעלן זיך אָפּ און פעדראָ בריט מיט דער בייטש...

ווען דער וואָגן איז אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ באַרג, האָבן זיך דערהערט פון יענער זייט באַרג אָפּגעהאַקטע קלאַנגען און אַ מאָל האָבן זיך באַוויזן פייערלעך.

— דאָרט איז עס! -- האָט די פרוי אויסגעריפן מיט פרייד און אָנגעוויזן אויף די פייערלעך, וואָס האָבן ווי געפאַלענע שטערן געווונקען פון דעם טיפן, פון שאָטנס אַרומגערינגלטן טאָל.

דער וואָגן האָט אָנגעהויבן וואָס ווייטער אַלץ האַסטיקער לויפן

בארג אראפ און די פייערלעך איז טאָל זענען וואָס ווייטער אַלץ ליכ־טיקער געוואָרן און די קולות האָבן אַלץ העכער געקלונגען אין דער נאכט שטילקייט איבער די פעלזיקע בערג.

— מיר קומען אַן!... — האָט דאָס ווייבל געשעפטשעט — מען לויפט אונז אנטקעגן! און אין דעם מאָמענט האָט מענדל גרינצווייג דערזען שאָטנס זיך דערנענטערן צו די בערג.

מענדל גרינצווייג האָט מיטאמאָל דערזען אַז אַלטע געביירדע, פיז וועלכער עס זענען ארויסגעלאָפן קינדער מיט א טומל:

— זיי קומען!..

— די מאמע!...

— די מומע!...

— דער לערער!...

דער וואָגן איז מיט רעש אריינגעפאלן אין א גרויסן הויף און איז געוואָרן אַרומגערינגלט מיט יידן, יידענעס און קינדער.

מענדל גרינצווייג איז געשטאַנען אין מיטן פון דעם קאַרג באַלויכטענעם הויף און זיינע מחשבות האָבן געשוועבט אין העכערע וועלטן.

ארום אים האָבן קינדער געטאנצט און געפליעפקעט מיט די הענטלעך.

— דער לערער!... דער לערער!... דער לערער!...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז פייגעלעך אין דער לופטן זינגען שירה. אין די מינוטן האָט מענדל גרינצווייג פארגעסן אַז דער מידקייט פון דעם שווערן וועג; ער האָט נישט געפילט די צעבראָכנ־קייט פון זיין אויסגעמאַטערטן גוף; עס האָט אים אויפגעהערט נאָגן דער הונגער און די עלנד האָט אים נישט געפלאָגט; ער האָט איז אַלץ פארגעסן... זיין נשמה האָט געשוועבט אין העכערע וועלטן!...

ניינטער קאַפּיטל

באַגינען.

גרויסע געשעענישן זענען פאָרגעקומען אין יענע טעג. עטלעכע גענעראַלן האָבן צוזאַמענגענומען א גרויסע מחנה און זיך געגרייט צו א רעוואָלוציע.

אנגעהויבן האָבן זיי פון די דערפער און גיטער. צוגענומען מענטשן און פערד, פּראָוויאַנט און געלט און אַלץ וואָס קען נוצן ברענגען פאַר א רעוואָלוציע.

אין אזעלכע טעג זענען די קרובים צוריקגעקומען צום „מיליאָנער" אין שטאָט אריין און מיט זיי — דער לערער, מענדל זינצוויג.

האָבן ווי א פון א געפּאַלענעם מעטעאָר, וואָס פּלאַצט אויף און צעשפּריצט זיך אויף אַלע זייטן מיט פונקען, זיך צעטראָגן פאַרשיידענע קלאַנגען.

—דער „מיליאָנער" האָט צו דער ריכטיקער צייט אַרויסגעראַטעוועט פון פייער זיינע קרובים.

— ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט פון זיי געוואָרן אין דער וויסטעניש אין אזא כאַאָטישער צייט!

— שוצלאָזע מענטשן און אויסלענדער...

— יידן!

— עט, ווייס ער וואָס... — האָבן אנדערע געדרונגען, — ער האָט שוין פאַרקויפט זיין גוט און ער דאַרף זיי שוין ניט דאָרט...

— אָבער איר זעט דאָך, אז ער האָט זיי פיין איינגעאָרדנט; געגעבן געלט און אוועקגעשטעלט זיי מיט טישלער אויפן מאַרק...

— איר'ט זען, ס'וועט נאָך ווערן פון זיי לייט...

— און פארוואס נישט, זיי האבן דאך איבגעראטעוועט א פארמעגן!...

— נו, און וואס זאגט איר וועגן מירעלען?

— ער האט מיט איר חתונה?

— אוודאי, איר האט נישט געהערט?

— דאס האט דאך בפירוש געזאגט יהודה לייב שוהמ אין שול ביים דאווענען!

— וואס רעדט איר, נעמט ער טאקע די יתומה?... א גרויסע זאך!... א גרויסע זאך!...

מענדל גרינצווייג האט זיך ארומגעדרייט צווישן די אימי־גראנטן, זיך צוגעהערט צו די אלע קלאנגען און... נישט ווי אים מיינט מען... עס האט אים קיין זאך נישט אינטערעסירט. אויסער דעם, וואס ער האט געהערט וועגן מירעלען. עס האט זיך אים אויס־געמאלן, ווי ער זעט מירעלען אין א רייכן פאלאץ אין אמעריקע, אט אין אזא, ווי עס וווינט דבורהלע און עס האט זיך אים אויבגעוויזן, אז ער אליין זיצט אין דעם רייכן פאלאץ; ער איז דער גליקלעכסטער מענטש אין דער וועלט; קיינער איז צו אים נישט גלייך!

אין דערזעלבער וואך האט מילער געשטעלט א חופה מיט מירעלע דארנבוימס; נאר היימישע מענטשן האט ער גערופן צום מאלצייט; זיינע קרובים און דער כלהס משפחה. מענדל גרינצווייג און אליהו אפרתי זענען אויך געווען צווישן די געסט.

די סעודה איז געווען א באשיידענע. מ'האט געשטעלט א חופה און מ'האט זיך געווונטשן מזל־טוב ביי א גלעזל לחיים און אז מ'האט מיטן אנקים פון אוונט זיך געהאלטן ביים געזעגענען איז מיטאמאל געווארן א טומל: —

— די אלטע, מירעלעס מאמע, האט געחלשט.

— פון צער צי פון נחת, ווער ווייסט?...

אין אפשר טאקע פון צער און נחת — — — פון דעם אי־בערגעלעבטן צער און דערלעבטן נחת — — —

אין מענדל גרינצווייגס חלום איז מקוים געווארן.

מירעלע איז געווארן א רייכע, אנגעזעענע דאמע אין סאן פראנציסקא, קאליפארניע, די פרוי פון דעם באוווסטן מיליאנער און פילאנטראפ, דעם גוט־באזיצער, מאקס מילער.

מענדל גרינצווייג האט זיך פארטראכט: — אויב אזוי, טא

זאָל איבערגעריסן ווערן דער פאָדים פון מיינע פארגאנגענע יאָרן און אויף דאָס ניי זאָל עס זיך אָנהייבן; א נייער קורס... ווי היינט וואָלט איך אראָפּ פון שיף! זיין פּנים האָט זיך איינגעלייטערט. ווי דער הימל נאָך א שלאַקס־רעגן, ווען עס שאַרט זיך ביסלעכווייז אַרויס די זון פון הינטער די גרויע כמאַרעס, אָדער ווי נאָך א לאַנגער פינצ־טערער נאַכט, עס לייכט אויף דער הימל מיטן ערשטן זונען־שיין פון באַגינען... — יאָ באַגינען!... און מענדל גרינצווייג האָט זיך גע־פרייט מיטן געדאַנק, אז ער הייבט אָן דאָס לעבן פון דאָס ניי. — ער האָט זיך געפרייט ווי א קינד...

— איז דען דאָס נייע לעבן פון אַט דעם נאָך וואָס געבוירן געוואָרענעם יידישן ישוב נישט אין דער לאַגע פון באַגינען נאָך א פינצטערער נאַכט, אין וועלכער שאָטנס האָבן געבלאַנדזשעט און גייסטער האָבן געזוכט א תיקון!? אין יענע טעג האָט מענדל גרינ־צווייג זיך דערוווּסט, אז זיין חבר בערל אייזענבערג האָט אַריבער־גענומען פון פוילן זיינע עלטערן, ברידער און שוועסטער; אין דעם מאָמענט איז זיין כעס אויף זיין חבר, וואָס האָט זיין הארץ פאַר־וווּנדעט און האָט זיין גאַנצן עלנדן, הילפלאָזן וועזן פאַרוואַנדלט אין א שיפל אויף א שטורמישן ים, צערונען, ווי שניי קעגן דער אויפ־גייענדיקער זון...

— וועל איך אויך אַמאָל קענען אַריבערברענגען מיינע אייגע־נע?! האָט ער זיך אין געדאַנק געפרעגט און א טיפער אומעט האָט געפּרעסט זיין עלנדע נשמה...

צענטער קאפיטל.

דער משולח.

צווישן מנחה און מעריב, ארום דעם בלייכן שיין פון דעם נר תמיד, זענען אין בית מדרש געזעסן צענויפגעטוליעט עלטערע יידן, טאטעס און זיידעס, וועמען די יונגע אימיגראנטן האבן אריבערגענומען פון דער אלטער היים און האלטן זיי אוים בכבוד.

די יונגע ארבעטן פארן עולם הזה, טוען דערפאר די אלטע מצוות פארן עולם הבא; היטן אפ יידישקייט און זענען מתפלל פאר זיך און פארן יונגן דור און בעטן ביים בורא עולם, ער זאל ברענגען שלום און גליק אויף דער ערד. לעבן די אלטע לייט מער מיטן עולם הבא ווי מיטן זינדיקן עולם הזה און האבן שטארק הנאה דערפון, וואס זיי קענען מוותר זיין אויף א סך תענוגים פון דעם עולם הזה, וואס איז דאך הבל הבלים און זיי קענען זיך מתיחד זיין אין זייער כונה מיטן עולם הבא, וואס לייכט פאר זייערע אויגן מיט אזא צוויבער־ליכט. וואס די יונגע קענען גאר נישט זען, ווייל זייערע אויגן זענען ערדישע, עולם הזהדיקע...

דאסמאל איז צווישן עולם געווען אן אורח, וועמען די אלטע לייט האבן אפגעגעבן כבוד אלס גאסט, וואס איז געקומען מעבר לים, צו וועמען מען דארף מקיים זיין די מצוה פון הכנסת אורחים און דאס איז דאך די שענסטע יידישע מידה. דער ערשטער ייד אברהם אבינו האט זיך דאך אויסגעצייכנט מיט דער מידה פון הכנסת אורחים און איז דערפאר געבענטשט געווארן מכל טוב. איז דאך ביי יידן א תענוג מקיים צו זיין די מצוה פון הכנסת אורחים און בפרט אז דער אורח איז נישט אבי ווער; ס'איז דאך בערנארד אייזענבערגס טאטע; א קלייניקייט, בערנארד אייזענבערג, דער גרעסטער נגיד פון

שטאט!. דערצו נאך איז רב גאדל אזוי רופט מען דעם אורח, אליין א בעל לשון, א ייד א חכם. ער האט וואס צו זאגן, כ׳איז דא וואס צו הערן!...

— איז וואס זאגט איר, רב גאדל צו דעם משולח, וואס איז צו אונז געקומען?

— וואס זאגט איר? — וואס זאגט איר? — האט מען פון אלע זייטן געפרעגט און מען האט זיך נענטער צוגערוקט צום אורח.

— וואס זאל איך זאגן, — האט רב גאדל אייזענבערג אנגעהויבן שטיל, בנחתדיק און זיך דערביי געגלעט מיט דער רעכ־טער האנט זיין ברייט צעוואקסענע גרויע באָרד; — וואס זאל איך זאגן, יידן, דער משולח, ער רעדט דאך אזוי, אז עס טריפט דאך ממש האניק פון זיין מויל....

— טאקע האניק!... טאקע האניק!... — האט מען פון אלע זייטן צוגעשטימט.

רב גאדל אייזענבערג האט טיף אפגעזיפצט און ווייטער גע־רעדט:

— א משולח, זאג איך אייך, יידן, ווי די היימישע משולחים!... איך געדענק ווי ס׳איז צו אונז אין שטעטל אמאל אראפגעקומען אט אפוראט אזא משולח; מיט אזא שטעל, מיט אזא הויכן שטערן, מיט אזא הדרת פנים און מיט אזעלכע פייערדיקע אויגן!...

גאדל אייזענבערג האט זיך א ווײלע פארטראכט און זיך גע־ריבן דעם שטערן און דאן אויפגעהויבן דעם קאפ און ווייטער גע־רעדט:

— יענער האט נאך געהאט א שווארצע באָרד, דעמס איז שוין גרוי... דאכ איז שוין אבער א מעשה פון א יאר צוואנציק... יא דאס איז שוין א קימא לן פון א צוואנציק יאר...

— אפשר איז עס דערזעלבער? — האט עמיצ באמערקט פון דער זייט.

— א קשיה אויף א מעשה!... — האט זיך נאך עמעז אפגערופן.

— מה שיעשה הזמן, לא יעשה השכל!... האט ווידער עמעז אונטערגעכאפט און ס׳איז געבליבן אז ס׳איז דערזעלבער משולח פון רב אייזענבערגס שטעטל.

— שאט, הערט זיך צו! — האט עמעז זיך אפגערופן, זעענדיק

אז דער עולם פארערדט זיך און הערט זיך נישט צו צו רב גאדל איי־זענבערגן, דעם חשובן אורח, בערנארד אייזענבערגס טאטן.

— יידן הערט זיך צו, דברי חכמים בנחת נשמעים! — האט נאר עמעץ באמערקט און עס איז געווארן שטיל.

רב גאדל אייזענבערג האט זיך דערפילט געשמייכלט און ער האט צוגעווארפן צו די יידן א גוטמוטיקן בליק, ווי איינער זאגט: „ווילע יידן"...

— הערט יידן! — האט גאדל אייזענבערג מיטאמאל האפערדיק אויפגעהויבן זיין קול, — איך דערמאן זיך ווי היינט, ווי ער האט עס ביי אונז אויסגעטיימשט דעם פסוק: „והשלחתי רעב בארץ, לא רעב ללחם ולא צמא למים..." ס'איז דאך געווען א תענוג צו הערן!...

עמעץ האט אין דער שטיל באמערקט:

— ער מוז אודאי זיין פון די גאר גרויסע משולחים!

א צווייטער:

— ער איז דאך אזא עניו, מיט יעדן איינעם אזוי היימיש!

א דריטער:

— א מעורב בין הבריות!

א פערטער:

— אפשר איז ער א נסתר?...

א פינפטער:

— פון די למד־וו...

-- אפשר!... אפשר!...

עס איז געווארן א באוועגונג. אין קלויז איז אריינגעקומען יהודה לייב שוחט און אלע האבן צו אים געווענדעט די בליקן.

— איר רעדט וועגן משולח!... — האט יהודה לייב זיך געווענ־דעט צום עולם מיט א שמייכל.

— פון וואנען ווייסט איר דאס, רב יהודה לייב?!...

— פון וואנען ווייסט איר דאס, שוחט!?... האבן עטלעכע פארוונדערטע קולות מיטאמאל געפרעגט.

— פון וואנען!?... — האט יהודה לייב שוחט געענטפערט גע־לאסן — ס'איז דאך א בפירושער פסוק: — הכרת פניו ענתה בו... מ'דערקענט...

— אויב אזוי, טא זעצט זיך צו, רב יהודה לייב!...

— זעצט זיך שוחט!...

דער עולם האט זיך צוזאמענגערוקט און מ'האט געמאכט א פלאץ פאר רב יהודה לייב שוחט, דעם יודע סופר, דעם משכיל.

— וואס זאל איך אייך זאגן, האט יהודה לייב שוחט אנגע־הויבן מיט זיין קלינגענדיקער שטים — ס'איז א משולח פון ירושלים!

— פון ירושלים!

— פון ירושלים, עיר הקודש! — האבן עטלעכע קולות מיטא־מאל אויסגערופן מיט התפעלות.

עס איז שטיל געווארן, אבער מיטאמאל האט די שטילקייט איבערגעריסן א הייזעריקער קול, וואס איז געקומען פון א ווינקל ארויס:

— פון וועלכער?...

אלע האבן זיך איבערגעקוקט און געצויגן מיט די אקסלען:

— וואס הייסט, פון וועלכער?!...

ביים בלייכן שיין פון דעם נר תמיד האט זיך באוויזן א הויכע געשטאלט פון א זקן מיט א לאנגער, גרויער באָרד. דער זקן אנגע־שפארט אויף א שטעקן, האט זיך פאמעלעך צוגעשארט צום עולם.

מען האט אים דערקענט, דעם בלינדן רב זלמן, וואס פלעגט אלעמאל קומען אריינוואַרפן א ווארט, ווי פון יענער וועלט...

— איר פרעגט, פון וועלכער? — האט דער בלינדער זלמן גע־ציטערט מיט אלע אברים, — ווייסט איר דען נישט, אז עס איז דא א ירושלים של מטה און עס איז דא א ירושלים של מעלה?...

— פון ירושלים של מעלה... — האבן ליפן געגומען שעפטשען און איבערגעגאנגען אין געזאנג: — ירושלים של מעלה!... ירושלים של מעלה!... — ווען דאס געזאנג האט איבערגעריסן, האט יהודה לייב שוחט אויסגערופן מיט זיין קלינגענדיקן קול:

— רבותי, דער משולח איז פון ירושלים של מעלה!!!

— איר האט דאך געהערט ווי ער האט גערעדט: — רחמנה לבה בעי!... הארץ דארף מען... הארץ!!!

— פון ירושלים של מעלה... פון ירושלים של מעלה... — האט מען פון אלע זייטן געשעפטשעט. מיטאמאל האט זיך דערהערט א קלאפ אין טיש מיט אן אויסרוף:

— יידן, מעריב!

— והוא רחום יכפר עון!... האט זיך צעטראגן איבער אלע

ווינקלער פון בית מדרש דער אומעטיקער ניגון פון געזעגענען זיך מיטן טאג און פון אויפנעמען די אנקומענדיקע נאכט...

אין א ווינקל מיטן פנים צום וואנט איז „ער" געשטאנען איינגעהילט אין שאטנס.

קיינער האט נישט געזען, ווי ער איז אריינגעקומען...

ביי בערנארד אייזענבערגן זענען געווען געסט: זיינע עלטערן, צוויי ייִנגערע ברידער, זיין שוועסטער און זיין ווייב דבורהלעס מאמע און איר ברידערל מישה'לע.

איז מען געזעסן ארום טיש, ביים שיין פון א גרויסן, פינף רעריקן, עלעקטרישן לאמפ און מ'האט געטרונקען הייסע קאווע און פארביסן מיט זים געבעקס.

פון דעם פינף־רעריקן עלעקטרישן לאמפ האט זיך געגאסן א ווייך ליכט אויף די פיינע מעבל, אויף די פארבנרייכע בילדער, אויף די סאמעטענע און זיידענע גארדינען אויף די טירן און פענצטער און אויף די איינגערוימטע פנימער פון דער צופרידענער פאמיליע אייזענבערג.

עס איז געגאנגען א שמועס וועגן משולח.

— ער איז א געטלעכער מאן! — האט דער זיידע גערעדט מיט א ציטערדיקן קול און אלע ארום טיש האבן זיך צוגעהערט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם — זיין געשטאלט, זיין הדרת פנים, זיינע אויגן, וואס שפריצן פייער!! — יעדעס ווארט זיינס איז דאך א פערל!!!... יא, א פערל, וואס בלישטשעט און באלייכט דעם געדאנק אין מח און ווארעמט דאס געפיל אינעם הארצן!!! — אזא זיסקייט פון ווערטער, אזא ליכטיקייט, אזא ווארימקייט!!! — ניין, נישט אנדערש, נאר א געטלעכער מאן איז צו אונז געשיקט געווארן ארויפצופירן אונז אויפן ריכטיקן וועג!!!

נאכן זיידן האט גערעדט דאס אייניקל, משהלע און זיינע גרויסע, שווארצע אויגן האבן זיך צעשטראלט מיט קינדערישן פרייד:

— מיטן לערער בערנשטיין איז ער געקומען צו א פארזאמלונג פון יוגנט און דער לערער בערנשטיין האט אים פארגעשטעלט און אונז דערציילט, אז דער מאן איז א גרויסער פאעט און דערנאך האט דער גאסט פאר אונז גערעדט און ער האט געזאגט, אז די יוגנט דארף

לעבן מיט האפנונג אויפן ליכטיקן מארגן. מען דארף לעבן נישט בלויז מיטן היינט און מיטן פארגאנגענעם נעכטן, נאר אויך מיט דער צוקונפט; מען דארף האבן א אידעאל!...

אין צימער האט זיך באוויזן די תנודיקע, אכט־יעריקע ליבעלע.

בערנארד אייזענבערג האט געכאפט זיין בת יחידהלע אויף די הענט און האט אויסגערופן:

— שאט, לאמיר הערן וואס ליבעלע וועט דערציילן!

און ליבעלע האט אנגעהויבן זינגענדיק ווי א פייגעלע:

— ער איז געווען ביי אונז אין קלאס מיטן לערער גרינצוויג.

— וואס האט געזאגט דער לערער גרינצוויג? — האט בערנארד אייזענבערג געפרעגט און באקומען פון זיין טעכטערל אן ענטפער:

— דער לערער גרינצוויג האט אונז געזאגט אז דער מאן איז א לערער און ער האט ליב קינדער — — — ער איז א פאעט!

— און וואס האט דער פאעט געזאגט? — האט בערנארד אייזענבערג ווידער געפרעגט און דאס קינד האט אנגעהויבן דערציילן; און אירע בלויע אייגעלעך האבן זיך צעשטראלט ווי א פרילינג־זון אויף א לויטער־בלויעם הימל.

— דער פאעט האט אונז דערציילט שיינע מעשיות און לעגענדעס און דערנאך האט ער געזאגט, אז יעדעם יידישע קינד קען אמאל זיין א משיח! און אז אונזערע עלטערן האבן מיטן ביטערן שווייס געארבעט, ווי די ערד־ארבעטער וואס אקערן דאס פעלד און האפן, אז עס זאלן ארויסוואקסן גאלדענע זאנגען... זיי בעטן גאט אויף זון און רעגן... און דערנאך האט דער פאעט געזאגט, אז ווען ער זעט קינדער, זעט ער, ווי עס רעגנט פון הימל מיט גאלדענע שטראלן...

אין ליבעלע האט אראפגעלאזן די אייגעלעך און האט געשעפטשעט:

— איך האב געזען ביי דעם פאעט אין די אויגן טרערן...

אלע ארום טיש האבן זיך ארומגעקוקט. אין אלעמענס אויגן זענען געשטאנען לויטערע, פינקלדיקע טרערן....

מיטאמאל האט זיך דערהערט דער באבע גאלדעלעס שוואכער, ציטערדיקער קול:

— איך זע... איך זע...

— וואס זעט די באבע?...

— וואָס זעט די מאמע?...

— וואָס זעט די שוויגער?...

— וואָס זעסטו גאָלדעלע?... — פון אלע זייטן האָבן זיך געווענדעט פראַגעס און שטויגענדיקע בליקן און א געדריקטע שטילקייט האָט אלעמען באהערשט, ווען די באָבע גאָלדעלע האָט מיט איר דינעם ציטערדיקן קול גערעדט, קוקנדיק מיט פארטערטע אויגן צום פינק רעריקן, עלעקטרישן לאָמפּ:

— איך זע א רעגן פון גאָלדענע שטראַלן...

פון דעמזעלבן מחבר:

אויף ביבלישע מאָטיוון (אַפאָריזמען, עפּיגראַמען און פּאַראַפראַזן) — 1939.

פּאַרצייטן (ביבלישע דערציילונגען און לעגענדעס) — 1940.

דרוקעריי „די שטימע״ — פּעררע מאָרענאַ 129, טעל. 26-94-44